STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07091

# UNTERN HAKNKRAYTS

Zanwel Diamant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הילע געצייכנט פון אריה מ ע ר ז ע ר
געדרוקט אין דער בוכדרוקעריי פון סאָסיעטע נואוועל ד'אימפּרימערי
ע ד'עדיציאָן ▲ 32, רי מענילמאָנטאַן, פּאַריז

---

zanwel diamant: untern hakenkraic (sous la croix gammée) ▲
nowelen ▲ copyright by a. b. cerata, paris
imprimerie s.n.i.e. ▲ société nouvelle d'imprimerie et d'édition
32, rue de ménilmontant - paris (20°)

printed in france

# זײַנוול דיאַמאַנט: אונטערן האַקנקרײַץ / נאָוועלן

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿון:

יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, ניו־יאָרק ▲ איחוד (פּועלי־ציון), זשענעוו
יידישע קונסט־געזעלשאַפט, יאָהאַנעסבורג ▲ יידישע אַרבעטער־הילפס־
אָרגאַניזאַציע, זשענעוו ▲ אינטערנאַציאָנאַלער הילפס־קאָמיטעט פֿאַר
אינטעלעקטועלע פּליטים, זשענעוו

זײַנוול דיאַמאַנט

# אונטערן האַקנקרייץ

נאָוועלן

1946

פאַרלאַג פון אַ. ב. צעראַטאַ, פּאַריז

## דער מחבר

# סאַבאָטאַזש

די שטאָט איז געװען, אָפּגעלײדיקט, גאָרנישט דאָס פּאַריז, װאָס אַמאָל. די געשעפטן זענען געװען צוגעהאַמערט, די זשאַלוזיעס אַראָפּגעלאָזן, די לאָדנס פון די שטאָקן־פענצטער צוגעמאַכט, און עס האָט אויסגעזען װי אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג.

זעלטן װאו איז געװען אָפן אַ קאַפע־הויז, אַ געװעלבל, און די װעלכע זענען געװען אָפן, זענען געװען אָנגעפולט מיט פעלד־גרויע דײַטשן, װעלכע האָבן זיך, הונגעריקע געװאָרפן אויף דעם ביסל סחורה. די זעלנער און אָפיצירן זענען דאָרט אַרײַן גרופּעסװײַז, און מיט װערטער־ביכלעך אין די הענט, מער מיט צײכנס, װי מיט די פּאָר שלעכט־אַרויסגערעדטע װערטער, האָבן זײ געגעבן צו פאַרשטײן װאָס זײ װילן, און זײ האָבן אײַנגעקױפט אַלץ װאָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אַלץ װאָס עס איז נאָר געװען: זײגערלעך, און פינגערלעך, און ראַדיאָ-אַפּאַראַטן; און אַפילו מאַנטלען און קלײדער, און קאָלירטע זײַדענע אונטער־װעש, האָבן זײ אויך געקױפט, אויף אַהײמצושיקן פאַר זײערע „שאַצן" אין „דער הײמאַט".

זײ האָבן געצאָלט מיט דײַטשע מאַרקן, װעלכע זענען באַרעכנט געװאָרן צװאַנציק מאָל טײערער װי דער פראַנצױזישער פראַנק, און װיפל דער סוחר זאָל נאָר נישט האָבן געבאָטן, האָט עס בײַ די דײַטשן אויסגעזען אַ װילדע מציאה.

אָפיצירן, אין אויסגעקנאַקטע מונדירן, מיט פול־אויסגעצירטע ברוסטן, מיט פאַרשידענע האַקנקרײצן, ריטערקרײצן, אײַזערנע קרײצן, און גלאַט אַזוי מעדאַלן; מיט זײערע פעסטע ברײטע רוקנס, און מיט זײערע אַרויפגעהויבענע אַקסלען, אויף װעלכע עס זענען געלעגן גילדענע און זילבערנע עפּאָלעטן געפלאָכטענע װי די קױלעטשלעך, האָבן זיך אַרומגעשפּאַצירט אין זײערע גרויסע אויטאָמאָבילן איבער די לײַדיקע פּאַריזער אַספאַלטענע בולוואַרן, װעלכע האָבן איצט, מיט זײער

לײדיקײט, אױסגעזעען נאָך רחבֿותדיקער, נאָך ברײטער, װי זײ זענען אינדערהײמתן געװעזן. זײ האָבן שטיל און געלאַסן געגליטשט זיך בײ די ראַנדן פֿון די טראָטואַרן, האָבן אָפּגעשטעלט דעם אױטאָמאָביל בײ יעדן היסטאָרישן מאָנומענט, זענען אַרױסגעקראָכן און מיט לאָרנעטן, און מיט מאָנאָקלען פֿאַרקלעמטע אין די אױגן, האָבן זײ אַרױפֿגעריסן זײערע גלאַט־ראַזירטע פּנימער צום מאָנומענט, האָבן מיט טוריסטישער מבֿינות אים באַטראַכט, און מיט זײערע אָנגעהאַנגענע פּרעציזע פֿאָטאָגראַפֿישע לעיקאַ־אַפּאַראַטן, האָבן זײ דעם מאָנומענט אָפּפֿאָטאָגראַפֿירט פֿון אַלע זײַטן.

האָבן זײ גראָד דערזעען אַ גרופּע קינדער פֿאַר אַ טויער, זענען זײ צו זײ צוגעגאַנגען, האָבן ברײט, און פֿעט צו זײ געשמײכלט, זײ געטײלט שאָקאָלאַדע, האָבן אױך אָפּט אַ פּאָר ניקלענע מטבעות זײ אין די הענטעלעך אַרײנגעשטעקט, און אײנער פֿון זײ, מיט זײן לעיקאַ, האָט שױן די סצענע אָפּפֿאָטאָגראַפֿירט, און צומאָרגנס, האָט מען שױן געקענט זעען אין די פֿראַנצױזישע און דײטשע צײטונגען, װעלכע זײ האָבן אַרױסגעגעבן, דאָס בילד, מיט אַ פֿעטער איבערשריפֿט: „די דײטשע באַזעצונגס־טרופּן, נעמען אין שוץ, און באַשפּײזן די פֿראַנצױזישע קינדער“...

פֿראַנצױזן און פֿראַנצױזקעס, װעלכע האָבן מיטן „עקזאָד“ נישט באַװיזן צו אַנטלױפֿן, טײל, װײל זײ האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקײטן, אַנדערע, װײל זײ האָבן זיך פּשוט געפֿילט צו פֿאַרלאָזן זײער שטוב, מיט זײער װאַרעם געלעגער און נאָך אַנדערע װידער, אַזעלכע װאָס האָבן אַ מאַך־אַװעק געטון מיט דער האַנט: „עס איז נישט אַזױ שרעקלעך װי מען זאָגט, קײן יידן זענען מיר נישט, װעלן זײ אונדז נישט אױפֿעסן“... דידאָזיקע לײט זענען איצט אַרױסגעקראָכן, װי עס קריכן אַרױס מײז פֿון די לעכער. זײ האָבן געקױפֿט די נײגעבאַקענע צײטונגען, האָבן זײ גלײך בײ די צײטונגס־קיאָסקן אױפֿגעלײגט, באַטראַכט, און פֿעסטגעשטעלט:

— זײ זענען גאָר פֿײנע לײט... זײ טוען קײנעם קײן שלעכטס נישט... נאָט, זעט: זײ טײלן גאָר די קינדער שאָקאָלאַדע...

— יאָ, עס איז אמת, — האָט זיך אָפּגערופן אַן אַנדערער — איך האָב נעכטן אַליין געזען ווי „זיי" האָבן געגעבן די קינדער באָנ־באָנס...

— מען האָט אונז פאַרפּאַטשקעט דעם מוח מיט פאַלטשער פּראָ־פּאַגאַנדע — האָט שוין געזאָגט אַ דריטער — און מיר האָבן געגלויבט...

— די פּרעסע... דער ראַדיאָ... — האָט אונטערגעהאָלפן אַ פערטער.

— די יידן... — האָט אימיצער פון דער גרופּע אַ וואָרף אַריין געטון.

— נו, אונדז וועלן זיי נישט טשעפּען... — האָט עפּעס אַן אַלטע קאָנסיערזשקע, מיט אַ בעזעם אין האַנט, פאַרזיכערט — זיי זענען שוין דאָ געוועזן אין יאָר 1870, און פּאַריז איז געבליבן פּאַריז...

— עס וועט גאָרנישט אויסמאַכן, אַז מען וועט דאָס אָרעמע פראַנקרייך אַביסל באַפרייען פון דער הערשאַפט פון די יידן... — האָט עפּעס אַ יינגער דאַרער פראַנצויזל אַ זאָג געטון, און איז מיט זיין צייטונג פאַרשוואונדן אין אַ טויער, גלייך ווי ער וואָלט נאָך נישט געוועזן זיכער אויב ער וועט מיט זיין מיינונג דאָ אויסנעמען.

— ער איז גערעכט ! — האָט אימיצער פון עולם אונטערגעכאַפּט

— עס איז שוין געווען אַ חרפה, צו וואָס אונדזער אָרעם לאַנד איז שוין געהאַט דערגאַנגען : בלום — אַ מיניסטער... מאַנדעל — אַ מי־ניסטער... מאַדאַם ברוינשוויג — אַ מיניסטער... מיר זענען דאָך שליסלעך נישט אין פּאַלעסטינע !...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און זענען זיך צעגאַנגען, איטלעכער אין זיין וועג.

●

אויף די קיילעכדיקע אַפּישן־סלופּעס האָט מען צעקלעפּט ריזיק־גרויסע פאַרביקע אַפּישן, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט אַ מיליטערישע קיך, אומצייליקע מענער און פרויען מיט מיליטערישע קעסעלעך אין די הענט, מיט הונגעריקע אויסגעדאַרטע פּנימער, האָבן זיך געשלענגלט אין אַן אומענדלעכער רייע; עטלעכע דייטשע קוכערס, מיט פאַרקאַשער־טע אַרבל און מיט זיסע שמייכעלעך אויף זייערע קאַנטיק־קוביסטישע

פנימער, האָבן ברייטהאַרציק געטיילט הייסע, פאַרענדיקע זופּ, און אַ גרויסע פּעטע איבערשריפט האָט פאַרבעטן : „קומט צו אונדז עסן!“...

מער און מער האָט זיך, צווישן דער שיטערער פאַריזער באַפעלקע־רונג פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז עס איז געוועזן אַ ליגן, אַז „זיי“ וועלן קיינעם קיין שלעכטס נישט טון, און עס זענען שוין געוועזן אַפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז זיי וועלן אין פּאַריז אַפילו קיין יידן אויך נישט טשעפּען.

— גוט־דערצויגענע מענטשן — האָט געטענהט אַ יונגע פראַנ־צויזקע מיט אַ רויטן קאָפּ האָר און אַ שטאַרק אָנגעפּודערטן פּנים, אַרויספאָרנדיק אויף די עלעקטרישע מעטראָ־שטיגן. — אין מעטראָ שטעלן זיי זיך אויף, און גיבן אַוועק דעם פּלאַץ אַ פרוי... ביי אַ פראַנצויז, ווייסט דו קיינמאָל דאָס נישט זען.

— עס איז נאָר צו באַדויערן, וואָס מען קען מיט זיי נישט רעדן... איך האָב קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט צו מיר גערעדט — האָט איר די אַנדערע אָפּגעענטפערט.

און די פראַנצויזקעס האָבן זיך די ערשטע גענומען מיט „זיי“ „מיט־צואַרבעטן“ : זיי האָבן די דייטשן באַשאָנקען מיט זייערע מילדע שמייכעלעך, און האָבן זיך מיט „זיי“ אַוועקגעזעצט אויף די טעראַסן פון די קאַפעס.

ביי די פּאָרטן, זענען די שאָסייען געוועזן פאַרבאַריקאַדירט מיט זעק זאַמד. עס זענען דאָרט געשטאַנען געמישטע פּאַטרולן, פון דייטשע זעלנער און פּאַריזער פּאָליציאַנטן, און האָבן אָפּגעשטעלט און קאָנטראָ־לירט יעדן וואָגן, וועלכער האָט געוואָלט אַריינפאָרן, אָדער פאַרלאָזן די שטאָט.

פון פּאָרט אָרלעאַן, און פּאָרט שאַרענטאָן, האָבן געצויגן לאַנגע רייען אויטאָמאָבילן, וועלכע זענען געוועזן אָנגעפּיקעוועט מיט וואַלי־זעס און פּעק, מיט מידע שלעפעריקע פרויען און קליינע קינדער; און אויף זייערע דעכער זענען געלעגן אויסגעשפּרייט מאַטראַצן און בעטגעוואַנט, כאָטש נעם און לייג זיך אויף זיי שלאָפן.

דאָס האָט די פּאַריזער באַפעלקערונג ביסלעכווייז צוריקגעצויגן

אַהיים, נאָכעדעם ווי זיי האָבן זיך וואָכן לאַנג געהאַט אַרומגעשלעפּט, אונטער אַ האָגל פֿון קוילן און באָמבעס, איבער די, מיט מיליטער־פֿאַרפּלייצטע וועגן פֿון צענטראַל־פֿראַנקרייך, און וואו די דייטשע פֿאַנצערס האָבן זיי איבערגעיאָגט, און זיי געגעבן דעם באַפֿעל צוריקצופֿאָרן.

אָנקומענדיק צו די פּאָרטן, האָבן די אויטאָמאָבילן זיך געמוזט אָפּשטעלן ביי די באַריקאַדן פֿון זעקס זאַמד, און די פּאַריזער זענען געוואָרן איבעראַשט, צו ווערן באַגעגנט פֿון זייערע אייגענע בלוי־פֿעלערינקעדיקע פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן זיי באַקוקט די פּאַפּירן, און אויף זייערן אַ ווינק, האָבן די באַהעלמטע און באַוואָפֿנטע דייטשן, מיט זייער שטומער שטרענגקייט, געמאַכט פֿאַר זיי אַ וועג, און האָבן זיי צוריק אַריינגעלאָזן אין פּאַריז.

וואָס אַ טאָג, איז די באַפֿעלקערונג געוואָרן געדיכטער. עס האָבן זיך געעפֿנט מער געשעפֿטן; און די דייטשע זעלנער האָבן אָפּגעקויפֿט און אָנגעפּאַקט זייערע אויטאָמאָבילן און זייערע טאַנקען מיט אַלץ, וואָס עס איז זיי נאָר געקומען אונטער דער האַנט, און עס האָבן בישלעכווייז, דורך די אויסשטעל־פֿענצטער, אָנגעהויבן אַרויסקוקן די אָפּגעליידיקטע פּאָליצעס, און צו די אָפּישירטע פּרייזן, פֿאַר די נאָך־פֿאַרבליבענע אַרטיקלען, זענען איבערנאַכט צוגעוואַקסן נולן, און די דייטשע זעלנער און אָפֿיצירן האָבן נאָך דאָס אַלץ אויסגעפֿונען בחצי־חנם.

ביי די בעקערייען, ביי די שפּייז־געוועלבלעך, ביי די יאַטקעס, זענען, פֿון די פֿריע פֿאַרטאָגן אָן געשטאַנען לאַנגע מידע רייען פֿון הונגעריקע מענער, פֿרויען און קינדער, מיט זייערע ליידיקע קוישלעך אין די הענט, און האָבן שעהן לאַנג אָפּגעוואַרט, כדי צו קריגן אַ קאַרטאָפֿל, אַ פּאָר בלעטלעך קרויט, אַ ברויטל, אָדער אַ פּאָר גראַם פֿלייש.

●

זשאָזעף בלייגיסער, האָט זיך, אַ מידער, אַ נישט־דערעסענער, אַרומגעדרייט אויף דעם אָפּגעליידיקטן בעלוויל, אויף דעם פֿאַרהאַמערטן „פּלעצל", וועלכע האָבן אויסגעזען אָפּגערוימט, ווי אַ יידיש

שטעטל אום יום־כּפּור... ער האָט אַרומגעקרייזט צו עטלעכע מאָל דעם ריזיקן באַסטיל־פּלאַץ, דעם רעפּובליק־פּלאַץ, ער האָט געזוכט מיט די אויגן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן אַרויסגאַנג פון דער מעטראָ; געקוקט אין די לאָדנס, געקלונגען ביי טירן... ער האָט געזוכט, אפשר וועט ער באַגעגענען עפּעס אַ היימישן יידישן מענטשן, עפּעס אַ באַקאַנטן; אפשר איז דאָך אימיצער געבליבן... אָדער, אפשר איז שוין אימיצער פון זיי צוריקגעקומען?...

ביי אים אין שטוב, אויף דער לאַנגער רי דע פלאַנדר, זיצט שרהטשע מיטן פּיצל קינד ביי דער ברוסט, און מיט ראָשעלן, זייער צעןיאָריק מיידעלע, און זיי הונגערן... ביידע, שרהטשע און ראָשעל, שטייען אָפּ די טעג אין די רייען, קומען אַהיים מידע, אויפגערעגטע, מיט קאָפּ־ווייטיק, און ברענגען אַהיים עפּעס אַ סאַלאַט, אָדער אַ בריקעוו. ער אַליין, קען זיך אין די רייען נישט שטעלן; ער קען נישט צוהערן דאָס רעדן פון די פּראָנצוויזקעס אין די רייען... ער קען נישט פאַרטראָגן דאָס, וואָס זיי לאָזן זיך אַזוי לייכט באַאיינפלוסן פון די געדונגענע אַגיטאַטאָרן, וועלכע שטעלן זיך מכלוימערשט אויך אַוועק, פונקט ווי זיי, אין דער רייע, און, מיט אַ צייטונג אין האַנט, פאַרפירן זיי אַ שמועס וועגן דער „פיינקייט“ פון די דייטשן... וועגן דעם, ווי די ענגלענדער האָבן די פּראַנצויזן אָפּגענאַרט, און זענען זיי נישט צוהילף געקומען, און די וועלכע זענען יאָ געקומען, זענען די ערשטע אַנטלאָפן... און זיי פירן אויס, אַז די גאַנצע שולד פון זייער פאַרשפּילטן קריג, טראָגן נישט קיין אַנדערע, ווי נאָר די יידן...

זשאָזעף בלייגיסער איז צו טעמפּעראַמענטפול; האָט אַ צופיל אויפברויזנדיקן כאַראַקטער, אַז ער זאָל קענען דאָס אַלץ אויסהערן און פאַרשווייגן. און איצט ווידער צו ענטפערן, איז אַ גרויסע געפאַר. בלייבט ער ליבער זיצן אינדערהיים, אָדער ער וואַנדערט אַרום, טעג גאַנצע, איבער דעם אויסגעליידיקטן פּאַריז, כדי צו זוכן עפּעס אַ פאַרבינדונג, אפשר וועט ער דאָך קענען קריגן עפּעס אַרבעט. וואָלט ער געהאַט געלט, וואָלט ער געקענט טון ווי די פאַרמעגלעכע שכנים זיינע: אַריינגיין אין די געוועלבן דורך דער הינטער־טיר, קויפן עפּעס, פאַר

שרהטשען, וועלכע זויגט א קינד, און פאר ראשעלן, וועלכע איז דאר ווי א שטעקעלע. אבער, די לעצטע פאר פראנק האבן זיך שוין אויסגעלאזן. „מען וואלט געדארפט, אומבאדינגט קריגן עפעס ארבעט. — האט ער, גייענדיק, געטראכט. — אבער ווי אזוי? אין די אפיציעלע „ארבעטס־פארמיטלונגס־ביוראען“, וועלכע לאדן איין, דורך גרויסע אפישן, די ארבעטסלאזע צו קומען, וועט ער נישט גיין. ער איז מער ווי זיכער, אז דאס זוכט מען ארבעטער פאר די דייטשן, וועלכע זענען פאראינטערעסירט צו לאזן אין גאנג די פראנצויזישע פאבריקן. און טאמער ווידער איז ערגעץ יא פאראן אביסל ארבעט פאר דער פריוואט־אינדוסטרי, שרייבן זיי גלייך צו אין זייערע אנאנסן: „נישט־אריער זאלן זיך נישט מעלדן“... עס בלייבט נאר איבער, צווישן יידן... אבער, נישט דא קיין לעבעדיקער נפש... זיי זענען אלע אנטלאפן... קיינער איז נאך, ווייזט אויס, נישט צוריקגעקומען און, ווער ווייסט, אויב זיי וועלן נישט אלע בלייבן דארט, אין דעם נישט־באזעצטן פראנקרייך?... עס איז זער מעגלעך.

אים אקעגן, איז פלוצעם אנגעקומען דער געלער לעאן. זיי האבן זיך ביידע, פארטראכטע, אנגעשטויסן איינער אין דעם אנדע־ן, ביי אן ארויסגאנג פון מעטרא:

— טיען! — האט לעאן, מיט זיין אייביקן געלעכטערל אויף זיין קיילעכדיקן לבנה־פנים אויסגערופן, — דו ביזט אויך דא?

און זשאזעף האט זיך ווי פון א חלום אויפגעכאפט:

— זע נאר וועמען איך זע דא... וואס מאכסט דו?

און ער האט זיך אליין איבער זיך געוואונדערט, וואס ער האט עס עפעס פלוצעם אזא גדולה מיט זיין לאנדסמאן, דעם „אפגעשטאנענעם קליינבירגערלעכן „פאטראנדל“, מיט וועמען ער האט קיינמאל מער ווי א „גוט־מארגן“ נישט אויסגעטוישט.

— איך? — האט דער געלער לעאן געענטפערט — גאנץ גוט. און דו?

— אויך גאנץ גוט.

— וואס מאכט שרהטשע?

— נישקשה. און דיין ווייבל וואָס מאַכט ?

— סאַ וואַ... איך האָב געהערט, האָסט אַ קדיש ? — האָט דער געלער לעאָן געפרעגט.

— יאָ, — האָט זשאָזעף געענטפערט און געטראַכט בעת־מעשה : „מאַדנע, שוין געהאַט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אַ זון, איז אַ קדיש"...

— ווי אַלט איז ער שוין ? — האָט דער געלער לעאָן ווייטער געפרעגט.

— איבער דריי חדשים — האָט זשאָזעף געענטפערט און וועלנדיק אַרויספירן דעם שמועס אויף תכלית, האָט ער געפרעגט : — ביזט די גאַנצע צייט דאָ ?

— יאָ. — האָט דער געלער לעאָן געענטפערט.

— וואָס טוסט דו ?

— גאַרנישט, און דו וואָס טוסט ?

— דערווייל אויך גאַרנישט.

— וואָס מאַכט דיין ראָשעל ? — האָט לעאָן אים אונטערגעטראָגן אַ שאַכטל פאַפּיראָסן.

— וואָלסט זי נישט דערקענט — האָט זשאָזעף געזאָגט מיט שטאָלץ, פאַררויכערנדיק. — זי איז שוין אַ מאַדמואַזעל.

— דו ביזט נישט געווען אַוועקגעפאָרן מיטן „עקזאָד" ? — האָט לעאָן געפרעגט.

— נישט אַוועקגעפאָרן, — האָט זשאָזעף אויסגעבעסערט — נאָר אַוועקגעגאַנגען.

— מיטן פּיצל קינד ? — האָט זיך דער געלער לעאָן געוואונדערט.

— יאָ, — האָט זשאָזעף געענטפערט מיט אַ שמייכל — איך האָב געשטופּט דאָס וועגעלע.

— עס איז יענע אַרבעט . . . — האָט זיך דעם געלן לעאָנס קײַלעכדיק פּנים צעלאַכט — און ווי ווייט האָסט דו דאָס געקענט אַזוי דערגיין ?

— פונדעסטוועגן, ביז אַרלעאַן, — האָט זשאָזעף געענטפערט.

— און דערנאָך ?

— פריג בעסער נישט — האט זשאזעף געזאגט — די באמבעס זענען געפלוינן איבער אונזערע קעפ . . . שרהטשע האט געזאגט, אז זי וויל ליבער שטארבן אויף איר אייגענעם בעט . . .

— נו, וואס האסט דו געטון ?

— וואס האב איך געזאלט טון ? די דייטשן האבן אונדז דערווייל איבערגעיאגט . . . האבן מיר אויסגעדרייט דאס וועגעלע, און אביסל צופוס, און אביסל האבן מיר זיך ארויפגעכאפט אויף א מיליטערישן אויטאמאביל און מען האט זיך דערשלעפט אהיים . . . און דו, וואו ביזט דו געווען ?

— איך ? — האט זיך דער געלער לעאן וואויל־יינגעריש צע־לאכט. — איך בין געזיצן אינדערהיים . . . ניין, ניין . . . א יאלד וועל איך זיין, איך וועל גיין לויפן? וואס הייסט? מען האט דען נישט גע־קענט פארשטיין, אז די „יעקעס” מיט זייערע טאנקען לויפן שנעלער ווי מיר . . . אז זיי וועלן אונדז איבעריאגן ? . . .

— דו ארבעטסט עפעס ? — האט זשאזעף געוואלט ביי אים עפעס דערגיין.

— דערווייל נאך נישט.

— האסט עפעס אויסזיכטן אויף ארבעט ?

— איך האב עפעס יא אויסזיכטן, עפעס נישט . . .

— שניידעריי ?

— היינט איז דארט א נפקא־מינא, שניידעריי, שוסטעריי . . . איך קאן פעלצלעך אויך נייען . . . מען הארף דאך עסן . . .

— פאר וועמען גייען די פעלצלעך ? — האט פלוצעם זשאזעף א פרעג געטון.

— איך וועל גיין ארייננקלערן „פאר וועמען גייען די פעלצלעך” . . . וואס קען איך וויסן . . . איך נעם זיי ביי בערנארדן . . . גלויב מיר, — האט לעאן גענומען רעדן אביסל צו גיך, און מיט אן ערנצטערער מינע ווי ביז איצט. קענטיק, אז די פראגע זשאזעפס האט אים אביסל צעמישט. — דו וואלסט אויך געקענט נייען די פעלצלעך . . . דיין שרהטשע, זי — זיכער . . . פינף און צוואנציק פראנק א פעלצל, דריי נעגט צוצונייען אויף א פראסטער שניידערישער מאשין . . . דו

קענסט מאכן צען אַ טאָג, שפּילנדיק . . . דו האָסט דאָך, דוכט זיך, אַ מאַשין . . . אַ יאָ ?

— ניין, איך האָב געהאַט, האָב איך זי שוין פאַרקויפט.

— נו, דאָס איז אַ נאַרישקייט, וועסט דו קריגן צו באָרגן ערגעץ אַ מאַשין.

— און איך רעכן, — האָט זשאָזעף געזאָגט — אַז די פּעלצלעך גייען פאַר די דייטשן . . . מען דאַרף זיך, פאַרשטייסט דו מיך, היינטיקע צייטן גוט אַרומקוקן איידער מען נעמט אַביסל אַרבעט . . .

— איך ווייס ? — האָט לעאָן געמאַכט עפּעס אַ נאַרישעוואַטע מינע. — אפשר ביזט דו טאַקע גערעכט ? . . . נו, אַז דו ביזט דאָ, וועלן מיר זיך דאָך נאָך זען. . . אַ רעוואואַר ! — האָט אים לעאָן פּלוצעם אייליק דערלאַנגט די האַנט, און איז מיט גיכע טריט אַראָפּ פון די שטיגן אין מעטראָ.

●

אין אָוונט, איז זשאָזעף געזיצן אין שטוב. אין גאַס, האָט מען נישט געטאָרט בלייבן נאָך אַכט דעם זייגער. — ווי לאַנג עס איז נאָך געווען ליכטיק, האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער אויף דער אָפּגעלייגיקטער לאַנגער און ברייטער גאַס: אַקעגנאיבער, איז געווען אַ שול־געביידע מיט דריי שטאָקן גרויסע לאַנגע פינצטערע פענצטער. פּונקט אַקעגנאיבער זיין פענצטער, איז געווען דער שווערער דעמבענער איינגאַנגס־טויער, און איבער דעם טויער, אַן אויפשריפט : „שול פאַר מיידלעך“, און אַ ריזיק־גרויסע רויטע פאָן, מיט אַ קיילעכדיק ווייס רעדל אינדערמיט, אויף וועלכן עס האָט געקלעפּט אַ שוואַרצער האַקנקרייץ, האָט געפלאַטערט פון לייכטן אָוונט־ווינטל, און האָט פאַרדעקט אַלעמאָל אַן אַנדער וואָרט פון דעם שיינעם דעוויז, וואָס עס האָט אויפגעשריבן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אויף די מלוכה־געביידעס : „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט“ . . . אונטן אויפן טראָטואַר, לענגאויס דער שול־געביידע, האָט הין און צוריק זיך געדרייט אַ באַהעלמטער און באַוואָפנטער דייטש, קלאַפּנדיק ריטמיש מיט זיינע באַטשוועקעוועטע שטיוול : איינס, צוויי, דריי, פיר . . .

אז עס איז טונקעלער געוואָרן, און קיין ליכט האָט זיך אויף די גאַסן פון דער „שטאָט פון ליכט“ נישט אָנגעצונדן, איז זשאָזעפן פּאַרמיאַוסט געוואָרן צו זיצן ביים אָפענעם פענצטער, און צו זיין געצוואונגען כסדר צו זעען, גאַרנישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דעם שוואַרצן האַקנקרייץ, וועלכער האָט איצט, אין דער טונקלקייט פון אָוונט, אויסגעזען ווי אַ ריזיק־גרויסע שוואַרצע שפּין . . . און צו זיין געצוואונגען כסדר צו הערן ווי עס טראַטעוועט דער נאַצי דעם טראָטואַר פון דער שטאָט פון פרייהייט . . . האָט ער צוגעמאַכט דעם לאָדן, אויפגעדרייט דאָס ליכט, און די קליינע ראָשעל איז אים אַרויף אויף די קניען, און זיך, מיט אירע דאַרע לאַנגע הענטלעך, אָנגעהאַנגען אויף זיין האַלדז. די דאַרקייט פון קינדס הענטלעך האָט אים געדריקט, ווי מען וואָלט אים שטאַבעס אייזן אויף די אַקסלען אַרויפגעלייגט, ווי ער וואָלט נאָשעס, מיט צוויי פולע עמערס וואַסער אויף זיינע אַקסלען געטראָגן, און די לייכטקייט פון קינדס וואָג האָט געשראָקן, געדראָט, און האָט אים געמאַכט נאָכאַמאָל טראַכטן וועגן די פעלצלעך : „מען האָרף געוואויר ווערן, אפשר גייען די פעלצלעך מאַקע נישט פאַר די דייטשן ?“

שרהטשע איז אריינגעקומען פון שלאָפצימער :

— קוים אים איינגעשלעפט.

— וואָס איז ? — האָט זשאָזעף איבערגעפרעגט.

— נאָר ער וויינט, האַלט אים אויף די הענט . . . איך האָב נישט קיין כוח . . . נו, האָסט דו אימיצן געזען אין גאַס ?

— יאָ, לעאָנען.

— דעם געלן לעאָן ? — האָט שרהטשע פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט — ער איז דאָ . . . און ווער נאָך איז דאָ ?

— איך האָב אים נישט געפרעגט.

— ער אַרבעט ?

— ווער קאָן אים דערגיין ? — ער זאָגט נישט קלאָר . . . איך מיין, אַז ער אַרבעט פאַר די דייטשן... אָדער, אפשר האַנדלט ער מיט זיי . . . ווער קאָן וויסן. . .

— און דו, האָסט זיך עפּעס אַרומגעקוקט וועגן אַרבעט ?

— איך האָב זיך אַרומגעקוקט. עס איז דערווייל גאָרנישט דאָ. אויסער, צו גיין אין „ביוראָ דע פּלאַסמאַן".

— דאָס זאָלסט דו נישט טון — האָט שרהטשע געזאָגט. — זיי קענען דיך נאָך אַוועקשיקן קיין דייטשלאַנד.

— לעאָן האָט מיר עפּעס געזאָגט, אַז „מעזאָן בערנאַרד" גיט אַרויס פּעלצלעך צו נייען, פינף און צוואַנציק פראַנק אַ פּעלצל, דריי נעגט — זאָגט ער — צוזאַמענייען אויף אַ געוויינלעכער מאַשין, מען קען — זאָגט ער — מאַכן צען אַ טאָג, שפּילנדיק . . .

— נו, אפשר וואָלסט דו אַהינגעגאַנגען ? אַז דו ווילסט, קען איך אַהינגיין. אַ מאַשין, קען איך באָרגן ביי דער קאָנסיערזשקע.

— איך מיין אָבער, אַז די פּעלצלעך גייען פאַר די „יעקעס" . . .

— אַלץ וועט איצט גיין פאַר „זיי" — האָט זיך שרהטשע געוווּנדערט. — וואָס זאָל מען טון ?

ביידע האָבן געשוויגן. שרהטשע האָט זיך געפּאָרעט ביים גאַז־קיכל. האָט דערלאַנגט איטלעכן אַ טעלער זופּ צום טיש, און אַ רעפטל ברויט האָט זי אַרויסגענומען פון שפּייז־שענקל, און עס אויך אויף דעם טיש אַוועקגעלייגט:

— עסט מיט ברויט, מער האָב איך גאָרנישט.

די זופּ האָבן אַלע געגעסן, נאָר צום רעפטל ברויט האָט קיינער פון זיי ביידע נישט געוואַגט זיך צוצורירן. איטלעכער פון זיי ביידע האָט פאַרגעלייגט דעם אַנדערן, אַז ער זאָל זיך אָפּשניידן אַ מיצהלע ברויט, נאָר יעדער פון זיי האָט מוותר געווען לטובת ראשעלן, וועלכע האָט גע־סמאַקעוועט :

— עס איז גוט, ברויט מיט זופּ ! . . .

צומאָרגנס, האָט זשאַזעף זיך מישב געווען מיטן חבר מישעל, אַ בלאָנדער מאָגערער פראַנצויז, אַ לעדער־אַרבעטער, וועמען ער האָט געקענט פון זיין פּאַרטיי־קעמערל:

— מיינסט דו נישט, אַז אַזעלכע פּעלצלעך גייען פאַר די „באָשעס" ? . . .

— אָן ספק. — האָט חבר מישעל געענטפערט, און ער האָט גע־

קריצט מיט די ציין אויף די קאפּיטאַליסטן, וועלכע לאָזן נישט אַדורך קיין געלעגנהייט זיך צו באַרייכערן, און זיי שטעלן זיך אפילו נישט אָפּ פון צו האַנדלען מיטן שונא...

„ווער, ווער — האָט זשאָזעף געטראַכט, ווען ער איז פון מישעלן אַוועקגעגאַנגען — אָבער אַ ייִד האַרף דאָס זיכער נישט טון".

●

אַז זשאָזעף איז מיטאָג־צייט אַהיימגעקומען, איז אין שטוב שוין געשטאַנען אַן אַלטע זינגער־מאַשין, און אויף דער ערד איז געלעגן, אין אַ שוואַרצער לײַנוואַנט אײַנגעהילט, אַ פּאַק מיט ווײַסע געקרויזטע שעפּסענע פעלעכלעך.

— וואו האָסטו דו דאָס גענומען ? — האָט זשאָזעף געפרעגט שרהטשען.

— ביי בערנאַרדן — האָט שרהטשע געענטפערט. און די קליינע ראַשעל איז אַ פרייליכע דעם פּאָטער אַקעגנגעלאָפן און זיך אים אויפן האַלדז אָנגעהאַנגען.

— מאַמאַ האָט געבראַנגט אַרבעט !... פעלצעלעך !...

און זי האָט געכאַפּט דאָס פעלצל, דעם „מאָדעל", עס אויף זיך אַרויפגעצויגן, און האָט, ווי אַ פאַרשטעלטע, איבער דער שטוב אַרומגעטאַנצט :

— אוי, ווי וואַרעם !... ווי וואַרעם !...

און זי האָט שטיפעריש צוגעגעבן :

— ווייסט דו פּאַפּאַ ? מאַמאַ האָט געזאָגט, אַז מען וועט פאַרדינען געלט, וועט זי קויפן קאָנפיטור אויפן ברויט אָנצושמירן...

זשאָזעף האָט געוואָלט זיך אַביסל ברוגזן אויף שרהטשען, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי צוגעאײַלט, און גענומען די פעלצלעך „פאַרן דייטש"... אָבער דעם קינדס אויסגעדאַרטע פּיסלעך און דאָס גרינע שמאָלע פּנימל אירס, וואָס האָט דורך דעם פאַרשטעלן זיך אין דעם פעלצל, אויסגעזען נאָך האַרער, און נאָך גרינער; איר האָפנונג אויף קאָנפיטור אויפן ברויט אָנצושמירן, האָט אים געהאַמעוועט, און ער האָט בלויז געפרעגט :

— ווער וועט עס מאכן ?

— אביסל איך, אביסל דו — האט שרהטשע געענטפערט. — עס איז דא א פארעם, עס איז דא א מאדעל, עס איז באמת גארנישט מיט גארנישט . . . טאקע ווי לעאן האט געזאגט : „דריי נענט, פינף און צוואנציק פראנק“. מען קען שוין גיין עסן. איך האב היינט געקריגן קארטאפל אויף די קארטן, א קילא פאר א מענטש, האט מען געגעבן.

די קארטאפל אין געשמילץ האט מען אויפגעגעסן שווייגנדיק.

א גאנצן נאכמיטאג איז נאך זשאזעף ארומגעלאפן, געקלונגען ביי טירן, אפגעווארט אין קארידארן; נאך אלץ געהאפט צו באקומען עפעס אן ארבעט, וועלכע זאל, אן שום ספק, נישט גיין פארן דייטש... ער זאל קענען אהיימקומען און א זאג טון צו שרהטשען : „גיי טראג צוריק צו בערנארדן זיינע פעלצלעך, און זאל ער ברענען ווי קין, מיט די פעלצלעך, און מיט די יעקעס אינאיינעם“ . . . אבער, דער אוונט איז צונעפאלן, די שעה, ווען מען טאר שוין מער נישט דרייען זיך אין גאס, האט אנגערוקט; די איינצלנע אפענע געשעפטן האבן זיך צוגעמאכט און זשאזעף איז אהיימגעקומען א מידער און האט באשלאסן „דערווייל“ אויפצונייען די פאר פעלצלעך, ביז ער וועט באקומען אנדערע ארבעט. „סוף כל סוף — האט ער געטראכט — קאן ער דאך נישט זיין אינגאנצן זיכער, אויב דאס גייט טאקע פארן דייטש . . . עס איז דאך פאריז. אפשר גייט דאס פאר דער פראווינץ. ווער קאן וויסן ? לענגער אזוי אן געלט, קען מען שוין נישט בלייבן. ער איז דאך סוף כל סוף נישט אליין“.

צומארגנס איז זשאזעף אויפגעשטאנען גאנץ פרי, האט ארויסגערוקט פון ווינקל דעם עס־טיש, האט אפגעשטויבט און אויסגעאיילט די געבארגטע אלטע ניי־מאשין, און האט אויפגעפאקט דאס שווארצע ליוועד־טוך, פון וועלכן עס האבן זיך א שיט ארויס געטון ווייסע געקרייזטע פעלעכלעך, ווי יונגע ווייסע שעפעלעך וואלטן זיך איבער דער שטוב צעבריקעוועט.

אז זשאזעף האט דאס ערשטע פעלעכל ארויפגעלייגט אויפן טיש, האט ער, מיט פיל צערטלעכקייט, געגלעט די ווייסע קרויזעלעך. די

ווייסע געקרויזלטע וואָל, האָט אים דערמאָנט אין אַ ווינטערדיקן מאַרק־טאָג אין זיין שטעטל אין רוסלאַנד. — די רוסישע פויערים, וועלכע זענען געקומען אויפן יריד, מיט זייערע פאַרפרוירענע בערד און וואָנסעס, אַנגעטוענע אין זייערע שעפּסענע פעלצן, אין גרויסע געקרויזטע פוטערנע קוטשמעס. עס האָבן פאַר אים אויפגעטויכט די רוסישע שטעט און דערפער אונטער אַ טיפן ווייסן שניי, און ווינטער, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן זיין קינדהייט, זיין יוגנט און מיט די שענסטע יאָרן זיינע : ניינצן הונדערט פיר און ניינצן הונדערט פינף...

און, אזוי גלעטנדיק די ווייכע ווייסע קרויזעלעך פון דעם שעפּסענעם פעלעכל, האָט איין און דער זעלבער געדאַנק אים געענגבערט אין מוח, און דער געדאַנק האָט זיך אויסגעמישט און פאַרוועבט מיט זיינע שענסטע ווינטערדיקע זיכרונות, וועגן זיין היים, וועגן זיין יוגנט, וועגן זיין שטעטל אין רוסלאַנד . . . און ער האָט זיך פון דעם געדאַנק נישט געקענט באַפרייען. און איין פראַגע איז ביי אים אין מוח אריבערגעשפּרונגען איבער דער אַנדערער און האָבן געמאָנט אַן ענטפער : „וואָס האָט עס עפּעס פּראַנקרייך פּלוצעם גענומען זיך נויטיקן אין ווייסע, אומאיבערגעצויגענע, אויף־אינדערגיך־צונויפגענייטע שאָפענע פעלצלעך? פאַר וועלכע קעלטן? פאַר וועלכע פרעסט? פאַר וועלכע מענטשן?“

און אַלץ מער איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס גייען די פעלצלעך פאַר די דייטשן. און אַז נישט צו דער אינוואַזיע פון ענגלאַנד, אָדער פון דעם הייסן אפריקע, דאַרפן זיי די פעלצלעך. נאָר אַז דאָס גרייטן זיי זיך, די נאַצים, אַנצופאַלן אויף רוסלאַנד . . . אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

און יעדער קרייזעלע איז ביי זשאָזעפן אין דמיון אויסגעוואַקסן צו אַן אָנגעפּעלצטן נאַצי, וועלכער מאַרשירט אויף דער אָנגעשנייטער רוסישער ערד, און טראַטעוועט זי, פּונקט ווי עס טראַטעוועט דאָ אונטן מיט זיינע באַטשוועקעוועטע שטיוול דער פּאַטרול, לענגאויס דער שול :

איינס, צוויי, דריי, פיר... ניין, ער טאָר נישט און ער וועט נישט אַרבעטן פאַר די דייטשן ! ער וועט נישט נייען קיין פעלצלעך פאַר די נאַצים, כדי עס זאָל זיי זיין וואַרעם זיך צו שלאָגן קעגן דעם לאַנד פון סאָציאַליזם — קעגן ראַטנפאַרבאַנד !

און ווי אין אַ פיבער, האָט ער פלוצעם גענומען און איבערגעקערט די פעל מיט די קרייזעלעך אַראָפּ, און מיט דער ווייסער אָנגעפּודערטער לעדער קאַפּויער און מיט אַ ראַזיר־קלינגל האָט ער גענומען ציען לאַנגע שניטן איבערן ווייסן לעדער. און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, ביז ער האָט נישט געהאַט אָנגעשניטן אויף רימענס און אויף לאַקשן, איין פעל נאָך דער אַנדערער.

און אַז ער האָט שוין געהאַט אַזוי אַלע פעלן צעפּאַסעוועט, האָט ער די ווייסע רימענס און לאַקשן צוריק צונויפגעוויקלט אין אַ קנויל, עם פאַרפּאַקט אין שוואַרצן ליווער־טוך, עס צוריק פאַרקניפּט און האָט גערופן אין שלאָף־צימער אַריין:

— ראַשעל! קום נאָר אַריין!

די קליינע ראַשעל איז אין אַ נעקעסטלטן שול־פאַרטעכל אָנגעלאָפן:

— וואָס ווילסט דו, פּאַפּאַ?

— גיי אַראָפּ אונטן, אין ראָג, דו ווייסט דאָך: דער האָטעל, די קאַפע. זאָלסט דו אַריינגיין, נישט דאָרטן וואו די קאַפע איז, נאָר דאָרט וואו מען פאַרקויפט האָלץ מיט קוילן. דאָרט זאָלסט דו זאָגן מישעלן, אַז פּאַפּאַ רופט אים, אַז פּאַפּאַ האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל שוין אַרויפ־קומען.

— גוט, איך גיי — איז ראַשעל אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

שרה־טשע איז אַריינגעקומען פון גאַס, האָט זי זיך דערפרייט:

— אַ, דו האָסט זיך שוין גענומען צו דער אַרבעט? זאָל זיין מיט גליק! . . .

— יאָ, — האָט זשאָזעף, מיט אַן אויפגערעגטער שטימע געענט־פערט — איך האָב זיך שוין גענומען צו דער אַרבעט. אָבער נישט פאַר די דייטשן, האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן, נאָר קעגן זיי . . . פאַר־שטייסט? יאָסל בלייגיסער, „חבר יאָסל", וועט נישט נייען קיין פעלצ־לעך פאַר די דייטשן, קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד! איך בין נישט דער געלער לעאָן! — און ער איז האַסטיק צו צו דעם שוואַרצן קנויל, האָט אים אַ בינד אויף געטון, און אַ שיט אוים געטון די ווייסע שניצלעך

אויף דער פּאָדלאָגע. — אַט, ווי אַזוי מען דאַרף אַרבעטן פאַר די דייטשן ! . . .

שרהטשע איז טויט בלאַס געוואָרן :

— און וואָס וועסט דו איצט מיט דעם טון ?

אַ קלונג אין דער טיר, האָט איינגעשפּאַרט זשאָזעפן אין ענטפער. שרהטשע האָט די טיר געעפנט, עס איז אַריינגעקומען ראַשעל, און הינטער איר איז נאָכגעגאַנגען מישעל, אָנגעטון אין אַ פּאָר בלויע אַרבעטס־הויזן, מיט אַ פּאָר פאַרשאַרצטע נאַקעטע אָרעמס, און מיט אַ צעכראַס־טעטער האָריקער ברוסט :

— גוט מאָרגן, זשאָזעף.

— גוט מאָרגן, מישעל.

— וואָס איז ? — האָט מישעל געפרעגט.

— די פעלצלעך, וועגן וועלכע מיר האָבן נעכטן גערעדט . . . עס איז דאָך אויסגעשלאָסן, אַז דאָס זאָל זיין פאַרן פראַנצויזישן מאַרק . . . און ער האָט אים געוויזן דעם „מאָדעל".

— דאָס איז זיכער פאַר די „באָשעס" — האָט מישעל באַשטימט, באַטראַכטנדיק דעם „מאָדעל".

— זע, וואָס איך האָב פון די פעל געמאַכט. — האָט אים זשאָזעף אָנגעוויזן אויף דעם פּאַק לאָקשן.

— דאָס זענען געווען פעל? — האָט זיך מישעל געוואונדערט.

— יאָ, אַוודאי ! שיינע שעפּסענע פעלעכלעך, שטאַמען אוודאי פון פּוילן, אָדער פון דער שווייץ. און דאָס גרייט מען זיך, פאַרשטייסט דו מיך, קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

— נו, וואָס רעכנסט דו איצט מיט דעם צו טון ? — האָט מישעל געפרעגט.

— דאָס אים אהינצוטראָגן . . . און, זאָל דאָס אים זיין צו אַ וואָרע־נונג . . . אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט מיר מיטגיין.

— גוט, איך גיי ! — האָט מישעל דערלאַנגט זשאָזעפן אַ פּאַפּיראָס,

אוןביידע האָבן פאַררויכערט. — איך שטעל מיר פאָר דעם פּאַרצעף, וואָס ער וועט קריגן, אַז ער וועט דאָס דערזעען . . .

זיי זענען ביידע אַרויס.

●

אין „מעזאָן בערנאַרד" האָט זיי אויפגענומען א יונגע בלאָנדע פראַנצויזקע:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— רעדן מיטן פּאַטראָן — האָט זשאָזעף געזאָגט.

— וועגן וואָס?

— וועגן אַרבעט.

— ווי איז אייער נאָמען, ביטע?

— זשאָזעף.

— אייער פרוי האָט דאָך נעכטן גענומען אַרבעט? ! — האָט זיך דאָס פרייליין געוואונדערט. — האָט איר שוין פּאַרטיק? איר ליוועט?

— ניין, פרייליין. איך דאַרף עטלעכע אויפקלערונגען וועגן שניט, וועגן מאָדעל . . . איך מוז רעדן מיטן פּאַטראָן.

— זיצט, ביטע.

— א דאַנק.

דאָס פראַנצויזקעלע מיטן ווייסן פאַרטעך, מיטן אָנגעלאָקטן קאָפּ, איז אַרויף אויף די שטיגן.

— דו זעץ זיך אַוועק — האָט זשאָזעף געזאָגט צו מישעלן — איך וועל שוין מיט אים רעדן.

מישעל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק אין א ווינקל און האָט אויפגעוויקלט א צייטונג.

פון די שטיגן האָבן אָנגעהויבן גלאָסן אַראָפּנידערן: א פּאָר געלע נייע שיך, א פּאָר געשטרייפטע, געפּרעסטע הויזן, א זיידן אויבער־העמד און א גלאַנציק־פליכעוואַטער קאָפּ. די געדרייטע שמאָלע שטיגן האָבן געטרעשטשעט אונטער זיין שווערער וואָג.

— באָן זשור!

— באַן זשור! — האָט זיך אויף אַ קאַלטער באַגריסונג געהערט אַ נאָך קאַלטערער ענטפער.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט מ'סיע בערנאַרד געפרעגט מיט אַ טאָן, גלייך ווי ער וואָלט זיך זער געאיילט.

— איך האָב אייך צוריקגעברענגט אייערע פעלצלעך... — האָט זשאַזעף געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי מיט דעם איז נאָך די זאַך נישט דערליידיקט.

— שוין פאַרטיק? — האָט מ'סיע בערנאַרד נישט פאַרשטאַנען דאָס אָנגעכמורעטע פנים פון דעם „פאַסאָניער".

— ניין, איך האָב זיי אייך צוריקגעברענגט אומגעמאַכט.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וויל נישט אַרבעטן פאַר די דייטשן, פאַר די היטלעריסטן... איר הערט?!

פון אַזאַ פלוצעמדיקן און חוצפּהדיקן ענטפער איז מ'סיע בערנאַרד בלאַס געוואָרן, איז געוואָרן צעטומלט, און צו פאַרטושן זיין צעטומלטקייט, צו געווינען צייט, האָט ער אַרויסגענומען אַ נאָז־טיכל פון הויזןקעשענע און האָט גענומען זיך אָרומווישן דאָס פנים און דעם פליך, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן פאַרשוויצט:

— ווער האָט דאָס אייך געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר די דייטשן? איך, זעט איר, ווייס גאָרנישט דערפון... איך האָב דעם „קאָמאַנד" געקריגן פון מיינעם אַ קליענט, מיט וועלכן איך אַרבעט שוין זייט דרייסיק יאָר.

— דאָס איז מעגלעך — האָט זשאָזעף געזאָגט געלאַסן און מיט אַ זיכערן טאָן, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געקומען אַלס אַ שליח פון אַן אמט, אָדער אַן אינסטיטוציע, וועלכע האָט דעם כוח צו רעאַגירן און אָנצורופן איר ווילן... — דאָס קען איך שוין זיין געניגט צו גלויבן, אַז איר האָט די באַשטעלונג נישט גענומען דירעקט פון די דייטשן, נאָר פון אַ „הויז", אייערן אַ קליענט, פאַר וועמען איר פירט געווייינטלעך אויס באַשטעלונגען... אָבער, צי האָט איר זיך וועגן דעם פאַרטראַכט? צי האָט איר זיך געשטעלט די פראַגע, פאַר וועמען די פעלצלעך גייען?

אז מ'סיע בערנארד האט געזעען, אז דער „פאסאזשיר" איז גע־נויגט אים צו גלויבן, אז נישט ער דירעקט האט גענומען די באשטע־לונג ביי די דייטשן, איז ער ביי זיך אביסל שטארקער געווארן און האט גענומען רעדן אביסל חוצפהדיקער:

— איר רעדט ווי א קינד! . . . א סוחר קלערט נישט אריין . . . א סוחר איז נישט קיין פילאזאף. אז מען גיט דיר א „קאמאנד", עס איז דיינער א קליענט, מיט וועלכן דו ארבעטסט שוין לאנגע יארן, וואו קאמפרענעע? . . . וועסט דו נישט גיין פרעגן אים פאר וועמען דער „קאמאנד" איז . . . היינטיקע צייטן, פרעגט מען נישט קיין קשיות . . . היינטיקע צייטן, מ'סיע, איז מען צופרידן, אז א פראנצויזיש „הויז" וויל געבן א יידן א „קאמאנד". מיט קליענטן, ווארפט מען זיך נישט. איר זייט נישט קיין סוחר, מ'סיע, איר ווייסט נישט וואס א קליענט איז.

— מענגלעך, מ'סיע בערנארד, אז איך ווייס נישט וואס א קליענט איז, אבער איך בין א ייד, און אן ארבעטער. און אלס אזעלכער, קען איך קיין פעלצלעך פארן דייטש נישט נייען . . .

— נו, נייט נישט. ווער צווינגט אייך העו? — האט זיך בער־נארד אויפגערעגט.

— איך ווייס, אז איר צווינגט מיך נישט, אבער איך וויל אייך אויפקלערן, אז אויך איר דארפט דאס נישט טון. דען מיט די פעלצלעך גרייטן די נאצים זיך צו אויסצושטאטן אן ארמעע, כדי צו קענען אנפאלן אויף רוסלאנד . . . אויפן ראטנפארבאנד . . . און מיר יידן טארן דערצו נישט צוהעלפן! . . .

— שרייט נישט אזוי, מיט אייער „ראטנפארבאנד" — האט מ'סיע בערנארד פלוצעם גענומען מיט אים רעדן אויף יידיש — עס זיצט א גוי...

— עס שאדט נישט — האט זשאזעף געענטפערט דווקא אויף פראנצויזיש — דער „גוי" מעג הערן... דער חבר איז געקומען מיט מיר... און, פארשטייט איר מיך, אזוי ווי איר זענט א ייד, האב איך געוואלט פריער מיט אייך רעדן... און טאמער וועט איר זיך צו מיינע

רייד נישט צוהערן, וועט איר האָבן צו טון מיטן פּראָנצוויזישן פּראָלעטאַריאַט ! . . .

ביי די ווערטער, איז מ׳סיע בערנאַרד צוריק שלאָבעריק געוואָרן, צוריק בלאַסער געוואָרן... ער האָט איצט כסדר געקוקט אין דעם ווינקל אויף דער באַנק, וואו עס איז געזיצן דער „חבר", דער פּראַנצויז, וועלכער האָט זיך רואיק געקוקט אין אַ צייטונג אַריין, גלייך ווי ער וואָלט דאָ מיטן דעם גאַנצן ענין קיין שום שייכות נישט געהאַט... עס איז אויסגעקומען פון זיין רואיקן זיצן, אַז טאָמער וועט ער זיך שוין דאַרפן אויפשטעלן, וועט שוין זיין שלעכט... וועט עפּעס געוואַלטיקעס געשען...

ער, מ׳סיע בערנאַרד, האָט שוין געהאַט אַמאָל צוטון מיט דער חברה „חברים", אין די צייטן פון „פאָלקס-פראָנט"... ווען מען האָט ביי אים „באַזעצט" די פאַבריק, ווען מען האָט אויף זיין באַלקאָן אַרויסגעהאָנגען אַ רויטע פאָן; און מען האָט ביי אים אין „הויז" כסדר געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל"... נאָר דעמאָלט האָט ער פאַר זיי קיין מורא נישט געהאַט... דעמאָלט האָט ער נאָך זיי געפּרעגט, ווי נאָך דעם פאַריאָריקן שניי... אַז די „חברים" זענען צו אים אַרויפגעקומען, האָבן אים גענומען שטעלן זייערע חוצפּהדיקע פאָדערונגען, האָט ער גענומען דאָס טעלעפאָן-טרייבל אין דער האַנט אַריין, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דאָס פּאָליציי-קעטשל צוגעפאָרן, און מען האָט ביי זיי גענומען דאָס „אונטערפירעכץ"... היינט אָבער, וואָס טוט מען?... אַן אומגליק מיט דער חברה... ווען מען מיינט: שוין, נישט דאָ... שטייען זיי ווידער אויף תחית־המתים... איצט איז שלעכט... איצט מוז מען גיין מיטן גוטן... און, אינדעראמתן, זענען זיי טאַקע גאַנץ גערעכט אויך... טאָמער איז עס טאַקע פאַר די דייטשן, דאַרף מען טאַקע נישט אַרבעטן...

— מ׳סיע זשאָזעף! — האָט פּלוצעם מ׳סיע בערנאַרד אַ זאָג געטון, נאָך אַ מינוט שווייגן, נאָך אַ מינוט איבערקלערן זיך — זיצט, זייט מוחל... איר דאַרפט נישט שטיין, עס קאָסט דעם זעלבן פּרייז... —

האט ער צוגעגעבן מיט א וויץ, ווי ער וואלט געוואלט נעבן דערמיט אנצוגעהערן, אז ער וועט זיך לאזן בייגן.

— עס מאכט נישט — האט זשאזעף טרוקן געענטפערט — איך קאן שטיין.

— פארדרויכערט א פאפיראס, — האט מ'סיע בערנארד ארויס־גענומען א גילדענע פושקע באצירט מיט מאנאגראמען.

— א דאנק, איך האב נאר וואס געדרויכערט — האט זשאזעף אפ־געזאגט.

מ'סיע בערנארד האט זיך אנגעשפארט אין דעם דעמבענעם בור־פעט, האט פארדרויכערט א פאפיראס, און ארויסגעלאזן קלעמבעס רויך:

— איר פארשטייט... איך זאל אזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס, ווי איך הויב נישט אן צו וויסן פאר וועמען די פעלצלעך גייען... איך וועל אייך זאגן דעם אמת, און איר מעגט עס מיר גלויבן... איך האב ליב צו זאגן דעם אמת אין די אויגן אריין... אז איר, דאס הייסט, די „חברים פון סינדיקאט" זענט צו מיר געקומען אין זעקס און דרייך סיקסטן יאר, און איר האט באזעצט ביי מיר די אטעליע, האט דאס געהאט ביי מיר א פנים, ווי זאל איך אייך זאגן?... ווי חוזק... איך מיין טאקע, וואס בין איך, רענא?... סיטראען?... דער גרויסער קאפיטא־ליסט?... איך ארבעט אליין אין געשעפט, און מיין ווייב ארבעט... און מיינע קינדער ארבעטן, גלויבט מיר, טיילמאל נאך שווערער ווי מיינע ארבעטארערקעס... אז זיי גייען שוין אהיים פון דער ארבעט, פארשטייט איר מיך, האבן מיר נאך צו שרייבן, און צו חשבונען און צו פארפאקן, און צו טעלעפאנירן, און צו עקספעדירן, עס איז דאך עפעס א געשעפט... איך דארף דאך אייך נישט דערציילן, וואס א געשעפט איז... עס פירט זיך דאך נישט אליין... איז דעריבער, די גאנצע מעשה דעמאלט ביי מיר אויסגעקומען קאמיש... אבער איצט, זעט איר, דאס וועגן וועלכן איר זענט איצט צו מיר געקומען, דאס זעט איר, איז שוין אינגאנצן עפעס אנדערש... דאס איז אינטערעסאנט... און כאטש עס פירט זיך

נישט צווישן סוחרים, אז מען זאָל נאָכפרעגן פאַר וועמען דער „קאָ־מאַנד" גייט, וועל איך דאָך מער קיין „קאָמאַנד" נישט נעמען, ביז וואַנען איך וועל נישט זיין אינגאַנצן זיכער, אז דאָס גייט נישט פאַרן דייטש... נו, זענט איר צופרידן?

חבר מישעל האָט זיך אויפגעשטעלט, און איז צום בופעט צוגע־קומען :

— אָבער, מיינט נישט, אז אייער קליענט, וועלכער איז אוודאי פון די גרויסע אונטערנעמער, וועט אייך זאָגן דעם אמת... איר קענט אונדז גלויבן — האָט מישעל געזאָגט, און מיט אויטאָריטעט — מיר זאָגן אייך, אז דאָס גייט פאַרן „באָש"... און אין פאַל איר זאָלט ווייטער אַרבעטן פאַר „זיי", וועלן מיר געבן אַ באַפעל אַלע אייערע פאַ־סאָניערס, אז זיי זאָלן מאַכן מיט אייערע פעל, דאָס וואָס זשאָזעף האָט געמאַכט...

און ער האָט גענומען דעם שוואַרצן פּאַק, אים אַ שיט אויס געטון אויף דער ערד, און דער פּאַק פעל האָט זיך צעשיט איבער דער רויטער געוועקסטער פּאָדלאָגע אין אַ באַרג ווייסע נעקרויזטע לאַקשן.

מ׳סיע בערנאַרד איז געבליבן שטיין אַ רגע פאַרשטומט, און נאָך אַ ווײַלע שווייגן, בעת דער פראַנצויזישער חבר האָט איינגעלייגט דאָס שוואַרצע ליוואַר־טוך, איז מ׳סיע בערנאַרד געקומען צו זיך, ווי נאָך אַ שטאַרקן קלאַפּ :

— איך פאַרשטיי אייך זער גוט... אין פּרינציפּ האָט איר רעכט געהאַט... סאַבאָטאַזש... מען האָט אין ניינצן הונדערט פינף, אין וואַר־שע אויך אַזוי געמאַכט... מען איז אַריין אין אַ פאַבריק וואו עס האָבן געאַרבעט שטרייקברעכער, מען האָט באַגאָסן די אַרבעט מיט וויטריאָל, אָדער אונטערגעצונדן... כאָטש צוריקגעשמועסט, האָט איר דאָ נישט געמאַכט דעם סאַבאָטאַזש דעם דייטש, נאָר מיר... דאָס זענען מיינע פעל, און דאָס האָט איר מיר היזק געמאַכט אַ שיינע פאַר טויזנט פראַנק, און נישט דעם דייטש... אָבער, פאַרפאַלן... איר האָט רעכט... קיינער,

און בפרט נאָך אַ ייִד, דאַרף ניִשט אַרבעטן פאַר „זיי"... איר האָט דאָס מאָל געהאַנדלט ריכטיק, ווי אַרבעטער קאָרפּן האַנדלען... און איך בעט אייך, אַז איר זאָלט האָבן צו מיר צוטרוי; איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל דעם „קאָמאַנד" ליקווידירן, און אַז איך וועל, פון הײַנט אָן און ווײַטער, ניִשט אָננעמען קיין „קאָמאַנד", איידער איך וועל וויסן גענוי פאַר וועמען דאָס גייט...

זשאַזעף האָט אָנגעקוקט מישעלן, ווי ער וואָלט זיך מיט אים שטום אָן עצה געהאַלטן, און מישעל האָט אויסגעשטרעקט צו מ'סיע בערנאַרד אַ פעסטע האַרטע האַנט, און אויף זײַן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מילדער שמייכל :

— אַ רעוואואַר מ'סיע, מיר וועלן קומען אַ קוק טון... נאָר די הויפּטזאַך וואָס איר דאַרפט געדענקען, איז : — שווײַגן ! . . .

—פּתח־שין, מאַכט: שאַ! — האָט זשאַזעף, מיט אַ שמייכל, פאַרטײַטשט אויף ייִדיש, אויפהויבנדיק אַ ווײַז־פינגער צו זײַנע ליפּן.

— איר קענט אויף מיר רעכענען! — האָט מ'סיע בערנאַרד געזאָגט, און אין זײַן צוזאָג האָט זיך געשפּירט אַ וואָרט פון אַ סוחר . . .

חבר זשאַזעף בלייגיסער, מיט חבר מישעל, זענען ביידע אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן באַפרידיקטע, און זיי האָבן ביידע געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי האָבן דאָ איצט געלייגט דעם גרונטשטיין פון אַ גרויסער און וויכטיקער פאַלקס־באַוועגונג, וועלכע וועט נאָך פיל, פיל אויפטון . . .

# סאָף־קאָנדוויט

אַקעגן דעם וואָס איר זאָגט, אַז איר זעגט אַ שריפטשטעלער... גלויבט מיר, אַז בלויז פון דעם, וואָס עס האָט זיך שוין מיט מיר אַליין געטראָפן זינט דער פינצטערער מלחמה, קאָן מען שרייבן און שרייבן... מען קען אָנשרייבן אַזעלכע פעק מיט ביכער...

און ווי איר קוקט מיך אָן, איך וועל עס נאָך טון... נישקשה, הע... הע־הע... איר וועט מיך נאָך האָבן פאַר אַ קאָלעגע...

וואָס? עס וואונדערט אייך?... איר מיינט טאַקע, אַז איך קען נישט?... האָט איר, זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ גרויסן טעות... יעך שטאַם פון אַ משפּחה סאַמע סופרים דאַרפט איר וויסן... הע־הע־הע...
יאָ, יאָ. שעמט אייך נישט... מיין טאַטע עלו השלום איז געווען אַ ספרא־רבה... יאָ, יאָ, אַזוי ווי איר הערט... וואָס הייסט? ער האָט דאָך געלעבט דערפון!... וואָס ער האָט געשריבן? פּראָשעניעס, און בריוו... אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט...

אַז ער האָט אָנגעשריבן פאַר אימיצן אַ בריוו קיין אַמעריקע, האָט עס געקענט אַ שטיין רירן פון אָרט... איז אָנגעקומען: געלט, און אַ שיפס־קאַרטע... און אַלץ וואָס מען האָט נאָר געוואָלט...

און מיין ברודער... יענער איז דאָך אַ שרייבער איינער אין דער וועלט... יענער איז דאָך באַרימט... וואָס ער שרייבט פרעגט איר?... אַ שיינע קשיה, כ'לעבן... אַלץ, אַלץ וואָס איר ווילט נאָר הערן און געדענקען... דער ויהי בנסע" און דער „בריך שמיה" אין נייעם בית מדרש, דאָס איז זיין אַרבעט... און מצבות שרייבט ער דען נישט?... אָבער מצבות... טאַקע מיט גוטע געמיטער, אַזעלכע מצבות...

און יעך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, בין אויך נישט מיט דער האַנט אָוועקוצמאַכן... גלויבט מיר, אַז ווען יעך וואָלט נאָר געהאַט

אביסל א לייכטערן קאפ, איך מיין, אז איך זאל נאר נישט דארפן זארגן פאר פרנסה, אט ווי איר א שטייגער... וואלט איך מיך אוועק־געזעצט אויף א פאר שעה... וואלט איך אייך אנגעשריבן א בוך, בלויז פון דעם וואס מיט מיר האט זיך שוין פארלאפן זינט דער מלחמה, וואלט איר אלע: אלע היינטיקע פאעטן, שריפטשטעלער, פילאזאפן, שטערנזעערס און זשורנאליסטן, מיט אייער טונקעלערן און אפילו מיט אייער איטשעלען... וואלט איר אייך אלע געמעגט באהאלטן...

אט, וועל איך אייך דערציילן א קלייניקייט, וואס מיט מיר האט זיך געטראפן אין אנהויב פון דער מלחמה, אז איך האב געדארפט ארויסנעמען א „סאף־קאנחויט"... איר מעגט שוין הערן וואס פאר א סוף איך האב געכאפט...

אז די מלחמה איז אויסגעבראכן, מילא, ווייסט איר דאך: האב יעדער זיך געמוזט גיין אנגאזשירן „פרייוויליק"... הע־הע... איך זע, אז איר לאכט שוין... יא, יא. אזוי איז עס געווען: ביי אונדז אין פראנקרייך, האט מען זיך „געמוזט" אנגאזשירן „פרייוויליק"...

נו, געזונטע מענטשן האבן זיך געמאכט דערפון עגמת־נפש... עס איז נאך אלעמען נישט קא זא פריילעכע זאך — א מלחמה, בפרט נאך, אז מען דארף טאקע אליין זיך גיין שלאגן...

אבער ביי מיר איז עס געווען א געלעכטער... איך מיין טאקע, אנגאזשירן פרייוויליק? — איז פרייוויליק... איך מיין אינדעראמתן: מען וואוינט שוין אין לאנד אזויפיל יארן, מען האט דא חתונה גע־האט, מען האט פראנצויזישע קינדער, מען האט א שטיקל געשעפט... מען לאזט דיך דא לעבן... פארוואס זאל איך מיך נישט גיין אנגא־זשירן פרייוויליק?... צונעמען — וועלן זיי מיך סיי ווי סיי נישט... ווייל איר דארפט וויסן, אזוי ווי איר קוקט מיך אן, אז אויב זיי זאלן שוין דארפן מיך נעמען, וואלטן זיי שוין שיין אויסגעזעען... וואלטן זיי שוין געמעגט גיין אויפן בית־עולם „באניע" אויסגראבן

די טויטע און זיי מאַכן פאַר זעלנער... אַז סך־הכל, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב יעך, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ האַרץ־פּע־לער... און איין לונג איז ביי מיר, נישט פאַר אייך געדאַכט, אָן אויס־געטרוקנטע... און טאָמער קאָנט איר ווייסן וויפל איך וועג?... גאַנצע אַכט און פערציק קילאָ. העט־העט־הע... האָב יעך, פאַרשטייט איר מיך, צונויפגענומען אַלע צערטיפיקאַטן פון די שפּיטאָלן, פון די סאַנאַ־טאָריעס, און דעם גרויסן קאָטווערט מיט די ראַדיאָס פון מיינע לונ־גען, האָב יעך אויך צו מיר גענומען, און איך בין מיר אַוועק זיך אַנגאַזשירן „פּריוווּיליק"... נו?... מיינט איר אפשר, אַז זיי האָבן זיך מיט מיר געשעמט?... מיינט איר אפשר, אַז זיי האָבן מיך נישט צוגענומען?... צו־גע־האַ־קעט, ווי אַ טאַטן!... אַ ייד מיט איין לונג — זאָגן זיי — איז אויך אַ סחורה... ער וועט שוין צו עפּעס צונוץ קומען... „אַקסיליער"... „דראָקסיליער"... דער טייוול ווייסט זיי דאָרט וואָס זיי האָבן דאָרט געזאָגט...

נו, מילא, וואָס זאָל מען טון?... עס איז דאָך עפּעס אַן אומגליק אויף דער וועלט... עס איז דאָך מלחמה... נו, וועל איך שוין באַפרייט ווערן פון פּולק...

מיין ווייב האָט זיך שיעור זאַמאַליעוועט: „שוין — זאָגט זי — פינצטער איז איר איר וועלט... זי בלייבט שוין — זאָגט זי — אַ פינצטערע אלמנה... נאָך דאָס — זאָגט זי — האָט איר געפעלט"...

איך, וואָס דער אמתן, האָב געקוואָלן... איך האָב ערשט איצט געזען, ווי דער מאַן איז ביי איר אָנגעלייגט... און איך האָב דאָך געוואוסט ביי מיר, אַז איך וועל קיין זעלנער נישט זיין, מאַך איך צו איר:

— ריקל, דו ווייסט, אַז דו וועסט נישט זיין עפּעס דיר גלאַט אַזוי אַן אלמנה... דו וועסט זיין אַ „וואָוו דע גער"!... וועסט קריגן אַ פּענסיע... און דיינע קינדער וועלן ווערן פראַנצויזן... עס איז דאָך זייער פראַנקרייך!...

— מוחל די טובות — מאכט זי צו מיר — גרויסער צעלייגער מיינער!... ער גייט פארזארגן פראנקרייך... ער גייט מיך פארזארגן, אז איך זאל זיין א „וועוו דע גער"!... פארזארג בעסער דיך!...

נו, האב איך דאך געזעען, א יידענע... זי איז נישט אויסן קיין שום שלעכטס... זאג איך צו איר:

— איך וועל מיך שוין מיט די פראנצויזן אן עצה געבן... גלויב מיר, אז איך וועל מיך ביי זיי אויסטוינגן... קענסט זיין זיכער: איך וועל מער ליגן אין שפיטאל, ווי אין קאזארמע... מען דארף בעסער זעען — זאג איך — אז דו זאלסט מיט די קינדער ערגעץ עוואקוירט ווערן... ווייל דא אין פאריז — זאג איך — וועט זיך טון חושך: עס וועלן זיין „אלערטן"... מען וועט ווארפן באמבעס... מען וועט ווארפן גאזן... צו וואס זאלסט דו זיצן דא מיט די שוואלבן?... זיי קענען דיך נישט עוואקואירן ערגעץ אין א גוט, אין א זיכער ארט?... וואס?... עס קומט מיר נישט?... איך האב זיך נישט אנגאזשירט „פרייוויליק"?...

תחילת, האט מיינע דערפון נישט געוואלט הערן און געדענקען... איר ווייסט נישט... א יידענע, רעדט טאקע אמאל א ווארט, וואס מען דארף נישט... שרייט אמאל אן אויפן מאן... אבער אינדערעמתן איז נפשה קשורה בנפשי... האט זי געוואלט, ווי רות האט געזאגט צו נעמין: „אשר תלך אלך, אשר תלין, אלין"... ווי לאנג איך בין נאך דא, האט זי געוואלט, אז מען זאל נאך זיין צוזאמען... אבער, אז זי האט דערהערט: „באמבעס", „גאז"... איז זי באשטאנען...

— מאך דיך נאר נישט פארגעסן, „וואלאנטער" מיינער — מאכט זי צו מיר מיין יידענע — אז איידער דו גייסט אוועק דינען, זאלסט דו מיט מיר מאכן די „מערי"... שיין — מאכט זי — האסט דו מיך אויסגעשטעלט: פופצן יאר נאך דער חתונה, בין איך נאך אלץ א „מאדמואזעל"!... א „פאננע ז'מליעקיעם"!... פיר קינדער — א „מאדמואזעל"!...

לאך איך דאך...

— דו לאכסט — מאכט זי צו מיר — דיר טוט עס הנאה... אוודאי, דיר איז עס גאנץ גוט צו דער האנט... וועסט דיר אוועק־גיין אין דער מלחמה אריין... א פריי מענטשל... ווער ווייב, וואס ווייב, ווער קינדער, וואס קינדער, א זעלנערל... א בחורל... איך האב נאך נישט געזעען — זאגט זי — א זעלנער, אז ער קומט אין א פרעמדער שטאט אריין, אז ער זאל דערציילן, אז ער האט א ווייב מיט קינדער... אלע זענען זיי בחורים... נישקשה — זאגט זי — מען קען ענק גוט, די מענער... ער וועט זיך, פארשטייסט דו מיך, אוועקגיין, און... זיך מאכן דארט זיין לעבן... און איך, וועל דא ליגן, פארשווארצט ווערן מיט פיר קליינע קינדער, און איך וועל אפילו קיין „אלאקאסיאן מיליטער“ אויך נישט קריגן... א מאדמואזעל...

— מאך דיר נישט קיין זארגן, ריקל — זאג איך צו איר — איידער איך וועל אוועקגיין אין „רעזשימאן“, וועל איך צו דיר קור־מען, פארשטייסט דו מיך, מיט אלע נויטיקע פאפירן און מיר וועלן חתונה האבן כדת פראנעס ופראנצוויזן... און נישט נאר „אלאקאסיאן מיליטער“ וועסט דו ביי מיר קריגן, נאר דו וועסט ביי מיר זיין אן אמתע „וועוו דע גער“!... — רייס איך מיך מיט איר אביסל.

און איך בין מיר, פארשטייט איר מיך, אוועקגעגאנגען אין דער „מערי“. איך קום אריין אין דער „מערי“, ווייסט איר דאך: פראנ־צויזן... פראנצויזקעס... זיי זעען אן אויסלענדער איז אריינגעקומען, לאזט מען אים אזוי שטיין... זיי שמועסן זיך דערווייליע... זיי פודערן זיך... זיי שמינקען זיך... גיי איך מיר, פארשטייט איר מיך. צו צו דער סעקרעטארקע, און פויל מיך נישט, און נעם ארויס, פארשטייט איר מיך, דעם „אנגאזשמאן“, און איך לייג אים אוועק אויפן טיש.

אז זי האט דערזעען, אז איך בין א „פרייוויליקער“, מאכט זי צו מיר:

— איר גייט זיך „פּרייווילוק“ שלאָגן פאַר פראַנקרייך?!... מיט וואָס — מאַכט זי — קען איך אייך דינען?...

— איך וויל אייך בעטן — זאָג איך צו איר, פונדעסטוועגן גאַנץ פריינדלעך — אַז איר זאָלט אַזוי גוט זיין, און מיר אוועקשיקן פון דאַנען מיין ווייב מיט די פיר קינדער, עפּעס אין אַ גוט, אין אַ זיכער אָרט, כדי איך זאָל קענען אוועקגיין זיך שלאָגן מיט אַ רואיקן קאָפּ...

— נאָך היינט — מאַכט זי צו מיר — פאָרן זיי אַוועק!...

בקיצור, נאָך די זעלבע נאַכט, האָב איך משלח געווען מיין בני-בית.

געבליבן אַליין, פאַרשטייט איר מיך, האָב איך ערשט געזעען וואָס אַ ווייב איז: פון דער שטוב איז אַ פינצטערער תל געוואָרן... די בעטן נישט צוגעבעט... דער קוימען קאַלט... אויף די טישן, אויף די קרעדענצן, אַנגעשטעלט... פליגן ראַיען... דאָס העמד ווערט קויטיק... די שקאַרפּעטקעס צעריסן... קאָ לעפל געקעכטס... לעב אָפּ די טעג מיט טרוקנס... און דאָ, עס גייט אַוועק איין טאָג, נאָך אַ טאָג, אַ וואָך, צוויי וואָכן... מען הערט נישט און מען זעט נישט... מען רופט מיך נישט... יעדן טאָג האָב איך געוואַרט די פּאָסט, אַ סוף אַן עק, לאָז מען מיך שוין רופן... איך לויף אין גאָס אריין, אין קאַפע, אין בית־המדרש, אפשר רופט מען שוין... איך פרעג מיך נאָך: וואָס איז מיט אַנדערע „פּרייווילוקעס“?... מען האָט שוין גערופן: שמערלען, גימפּלען, דעם, יענעם... מיך האָט מען פאַרגעסן... איך קום אין אָוונט אַהיים, איך קוק הינטער דער טיר, אפשר האָט די קאָנסיערזשקע אַרונטערגעגליטשט דעם „רוף“ אונטער דער טיר... ווער? אַ נעכטיקער טאָג...

און דאָ, אַלע נאַכט „אַלערטן“... און שיסערייען... מען ליגט מער אין קעלער, ווי אין בעט... טראַכט איך מיר: „צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף איך דאָ ליגן“... אַז זיי וועלן מיך דאַרפן, וועלן זיי זיך קענען מטריח זיין און מיך רופן פון דאָרף, דאָרט וואו מיין ווייב איז, וואו

מיינע קינדער זענען... איך וועל זיי נאָך גיין נאָכלויפן?... בעטן זיי אפשר, אז זיי זאָלן מיך „רופן“?... זאָלן זיי מיר נאָכלויפן... זאָלן זיי מיך בעטן!...

עס איז אָבער, פאַרשטייט איר מיך, אין א מלחמה לייכט זיך אָפּצוזאָגן: „פאָרן“...

צו פאָרן, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען נעמען די באַן... און צו נעמען די באַן, פאַרשטייט איר מיך, מוז מען האָבן פון דער פּאָ־ליציי א „סאַף־קאָנדוויט“, א דערלויבעניש, הייסט עס, צו מעגן פאָרן פון איין שטאָט אין דער אנדערער. נו, וועט מען מיר נישט געבן?... איך בין דאָך עפּעס אנגאַזשירט „פריווויליק“...

געטראַכט און געטון: איך שטיי אויף איינדערפרי און איך גיי מיר אוועק צום פּאָליציי־קאָמיסאַר.

דעם אמת געזאָגט: האָב יעך פּאָליציי שטענדיק פיינט... ווי ווייט איך קען זיי נאָר אויסמיידן, אז איך זאָל נישט האָבן מיט זיי קיין געשעפטן, מייד איך זיי אוים... איך גיי מיר מיין וועג... איך וויל נישט האָבן מיט זיי צו טון... א פּאָליציאַנט, פאַרשטייט איר מיך, און בפרט נאָך א פראַנצויזישער, און על אחת כמה וכמה, א פּאַריזער פּאָליציאַנט, איז אויף דעם „אויסלענדער“, ווי א קאַץ אויף א מויז... ביי זיי אין די אויגן, איז יעדער „אויסלענדער“ און בפרט נאָך א ייד, פשוט א פאַרברעכער...

נאָר היינט פרעג יעך אסאך נאָך זיי... ווער האָט זיך אנגאַזשירט „פריווויליק“, איך צי ער?...

האָב יעך מיך געלאָזן, פאַרשטייט איר מיך, אָפּפאָטאָגראַפירן, האָב מיר ארויסגענומען א צערטיפיקאַט ביי דער קאָנסיערזשקע, און בין מיר אוועק צום קאָמיסאַריאַט.

איך קום צו צום קאָמיסאַריאַט, עס טוט זיך חושך... חמרים מענטשן... די גאַנצע וועלט וויל „סאַף־קאָנדוויטס“... מענטשן שטייען

אויף צו „סאָף־קאָנדוויטס“, ווי מען שטייט אויף צו סליחות להבדיל: פיר אזייגער פאַרטאָגס.

טראַכט איך מיר: „יעך וועל זיי אויפשטיין פּאַרטאָגס... יעך וועל מיך זיי שטעלן אין דער רייע, וועט זיי דער קאָפּ האַרט ווערן!...

און איך, פאַרשטייט איר מיך, גיי צו צום פּאָליציאַנט, שלעפּ אַרויס מיין פּאַפּיר:

— הער פּאָליציאַנט — זאָג איך צו אים — איר ווייסט? יעך בין אַן אַנגאַזשירטער, „פּריוווילִיק“!...

— טאַקע? — זאָגט ער צו מיר — וואָס רעדט איר?!...

— דאָס, וואָס איר הערט — זאָג איך צו אים.

— טאָ וואָס־זשע, פאַרלאַנגט איר? — פרעגט ער מיך.

— וואָס הייסט — זאָג איך — וואָס איך פאַרלאַנג — איך קען דאָך מיך נישט אָוועקשטעלן דאָ אויף אַ גאַנצן טאָג...

— וואָס? — מאַכט ער צו מיר — אַזוי איילט איר זיך צו גיין אַטאַקירן די „זיגפריד־ליניע“?...

— ניין, נישט דאָס — זאָג איך — נאָר... איך בין אַ קראַנקער מענטש, איך קאָן נישט שטיין... און איך שלעפּ אַרויס מיין פּאַק צערטיפיקאַטן פון די שפּיטאָלן און פון די סאַנאַטאָריומס.

— אַזוי? — מאַכט ער — איר האָט זיך אַנגאַזשירט פּריוווילִיס, און איר קענט נישט שטיין? נו? — מאַכט ער — איר האָט זיך שוין אָנגעגרייט עפּעס אַ גוטן פּאָסטעל מיטצונעמען אויפן פראָנט?... — זאָגט ער צו מיר אַזוי גאַנץ גוטמוטיק, דווקא נישט קיין שלעכטער גוי... נישט קיין אמתער פּאָליציאַנט שוין געווען... נאָר עפּעס שוין אַ מלחמה־פּאָליציאַנט, אַן „ערזאַץ“... איר ווייסט דאָך שוין: מיט אַ באַנד אויפן אָרעם...

און איך זע שוין, בינו לבינו, ווי דער עולם אַרום, הויבט זיך אָן צו אַמוזירן... מען לאַכט... טראַכט איך מיר: „מילא, פאַרפאַלן“... יעך

וועל גיין זוכן ביי א קאזאק יושר?... שטעל איך מיך, פארשטייט איר מיך, אוועק... נישט שטענדיק, קאן מען דאך זיין א יוצא מן הכלל...

בקיצור, אפגעשטאנען אזוי, פארשטייט איר מיך, א שיינע פאר שעה, אומגעגעסן, אומגעטרונקען... פארשמאכט... עפעס שטארקערס פון מיר פאלט פון די פיס... ווייבער חלשן... און דא: אלעמאל אן „אלערט"... דער עולם וויל זיך נישט רירן, מען וויל נישט פארלירן דעם פלאץ... נאר די פאליציאנטן, זיי ווילן פון גארנישט וויסן: זיי יאגן, אז מען זאל זיך לויפן באהאלטן.

און אז דער „אלערט" ענדיקט זיך, שטעלט מען זיך צוריק אוועק... איז, פארשטייט איר מיך, ווי איינעם עס געראטן דא שטעלט ער זיך.

אט אזא מין לויפעניש, פארשטייט איר מיך, האב איך אויסגע־גוצט, און איך האב זיך, נאך אן „אלערט", ארויסגערוקט מיט א צוויי הונדערט פארשוין פארויס... עולם פראנצויזן האט אפילו אביסל גע־מורמלט: „אויסלענדער... יידן"... גאר — טראכט יעך מיר — רעדטס מיר צום ראשעק... צוויי הונדערט מענטשן גייען נישט צופוס...

בקיצור, מזל־טוב! איך בין שוין דא אינעווייניק...

עס זיצן אויסגעזעצט א פינף זעקס שרייבערס און מען שרייבט „סאף־קאנדוויטס", אז עס גייט א רויך.

איך קום צו, צו עפעס א סמארקעוואטע בלאנד שנצל מיט וואנ־סעלעך, ער האט געקענט אלט זיין, אפשר זעכצן, זיבצן יאר.

— וואס פארלאנגט איר? — מאכט ער צו מיר.

— וואס הייסט — זאג איך — וואס איך פארלאנג?... איך וויל — זאג איך — פארן צו מיין ווייב און צו מיינע קינדער, זיך געזע־געגען, אײדער איך גיי אוועק אויפן פראנט — זאג איך — איך בין אנגאזשירט „פריווויליק"?... — מאך איך צו אים, אזוי כלאהר־יד, גלייך ווי דאס וואלט ביי מיר געווען איינס פון די קלענסטע זאכן...

— גיט אהער אייער „רוט־ציעטל" — מאכט ער צו מיר.

— וואס פארא „רוף־צעטל"? — פרעג איך אים איבער, שוין אביסל אין כעס.

— אייער „רוף־צעטל" — מאכט ער צו מיר — אז איר ווערט גערופן אוועקצוגיין...

— איך האב נאך נישט... מען רופט מיך נאך נישט... — זאג איך — עס איז נישט מיין שולד... איך ווארט יעדן טאג... איך בין גרייט...

— ווערט איר אזוי גוט זיין און קומען, ווען מען וועט אייך רופן — מאכט ער צו מיר — און דער, וואס הינטער מיר, גיט מיך, פארשטייט איר מיך, שוין אזא שטויס אוועק, ווי עפעס א זאך, וואס ליגט איינעם אין וועג, און שוין האב איך נישט צו וועמען צו רעדן... און א פאליציאנט, דאסמאל שוין, איינער, פארשטייט איר מיך, פון די אמתע פאריזער פאליציאנטן: מיט א בלוי פעלערינקעלע, און מיט א פאר רויטע אנגעפרעסענע פיסקעס, און מיט א פאר פארלאפענע אויגן ווי ביי א שכור, מאכט צו מיר, מיט א פייף, און מיט א זשעסט מיט דער האנט, ווי צו איינעם עפעס צו וועלכן עס לוינט זיך נישט קיין ווארט צו פארלירן:

— געגאנגען!...

הויב איך דאך אן צו פראטעסטירן:

— סטייטש... אזוי און אזוי... יעך בין אנגאזשירט „פריוויליס"... יעך גיי אוועק אויפן פראנט!... יעך וויל פריער פארן זעען מיין ווייב!... מיינע קינדער...

— איך האב דאך אייך געזאגט — רופט זיך אן דאס סמארקעוואטע שנצל מיט די בלאנדע וואנסעלעך — איר וועט קומען ווען מען וועט אייך רופן.

און דער פאליציאנט שטעלט אויף מיר אן א פאר אויגן, גלייך ווי איך וואלט דא א מענטש געהרגעט:

— איר פארשטייט פראנצויזיש, צי ניין?!

— איך וויל הערן מיטן קאָמיסאַר אַליין! — זאָג איך — געהערט א מעשה? — נעם איך שרייען, אַז אויפגערעגטער בין איך דאָך... — אַז מען וועט מיך רופן, זאָגט ער!... און אַז מען וועט מיך רופן ערשט אין אַ חודש אַרום?... און אַז זיי וועט געפעלן, און זיי וועלן מיך אינגאַנצן נישט רופן?... וועל איך זיי רופן קנאַקניסל?... איך האָב שוין מיין ווייב מיט די קינדער נישט געזען דריי וואָכן — זאָג איך — איר ווייסט וואָס דאָס הייסט?...

— וואַרפט אים אַרויס! — גיט אַ מאַך, עפּעס אַ דיקער גוי, מיט אַ צוגעניימ, צעהאַקט פּנים, נאָך פון יענער מלחמה.

און שוין פיל איך, ווי אַ פעסטע, ריזיקע האַנט האַלט מיין קאָל־נער, און איידער וואָס ווען, איך בין שוין אינדרויסן...

נו, אַז אויפגערעגטער מענטש בין איך דאָך. קאָנט איר דאָך פאַר־שטיין: האָט דאָך מיך די מעשה פאַרדראָסן: יעדער גיי און בין מיך מוסר־נפש פאַר זיי... אַנגאַזשיר מיך פאַר זיי „פּריוואַליס"... און אַז איך וויל פאָרן זעען מיין ווייב, מיט מיינע קינדער, וועלכע איך האָב שוין נישט געזען דריי וואָכן, לאָזט מען מיך, פאַרשטייט איר מיך, מיט מיינע קראַנקע אויסגעטרוקנטע לונגען, אָפּשטיין, אומגעגעסן, אומגע־טרונקען, אַ גאַנצן טאָג... און אַז איך קום שוין קוים אָן, וויל ער ערשט נישט געבן...

— אַ וועלט איז נישט הפקר! — שריי איך, און גראָזשע מיט די פינגער צו דער גאַנצער „מערי" מיטן קאָמיסאַריאַט צוזאַמען, — יעדער וועל נישט שווייגן... נישט שווייגן וועל יעדער!...

קומט צו מיר צו אַ פּאָליציאַנט, עפּעס אַן עלטסטער און מאַכט צו מיר:

— יונגערמאַן — זאָגט ער — הערט אויף צו שרייען, אַז נישט וועט איר הייגט נעכטיקן אין תפיסה... דאָ — זאָגט ער — שרייט מען נישט... איר זענט נישט ביי אייך אין לאַנד!...

דערהערט אַזעלכע דבורים, און דערצו נאָך פון אַן עלטסטן, טראַכט

איך מיר: „איז דאָך מיין ריקל גערעכט געווען: „גיי שלאָג דיך פאַר זיי"...

און איך האָב מיר אָפּגעווישט דאָס מויל, און איך האָב מיך געלאָזן אַהיימגיין.

אַז איך בין אַהיימגעקומען, האָב פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שיך, עפּעס איבערגעכאַפּט אין מויל אַריין, און זיך אַביסל אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, זיך אַביסל אָפּגערוט, איז מיר דער שכל, פאַרשטייט איר מיך, אויך צוריקגעקומען:

— דו קאָפּל שוטה, וואָס דו ביזט — זאָג איך צו מיר אַליין — און איך בין געוואָרן אויף זיך אַזוי בייז, אַז איך האָב זיך אַליין ממש געוואָלט דורסן... דו גרויסער חכם!... דו גרויסער קאָפּ־מענטש!... דו גרויסער צעלייגער, וואָס דו ביזט! — האָב איך זיך אַליין אויסגעזידלט מיט דער בלאָטע צוגלייך — דו קומסט צו צו אַ שגצל, צו אַ פראַנצויז... דו דערציילסט אים אַ מעשה, אַז דו ווילסט פאָרן צו אַ ווייב... צו קינדער... אַז דו האָסט דיין ווייב מיט די קינדער שוין נישט געזען דריי וואָכן... אַז דו בענקסט... וואָס איז ער? אַ ייד?... ער פאַרשטייט, וואָס מען מיינט דאָס?... אַ גוי, אַ פראַנצויז, אַז דאָס ווייב פאַרט אים אוועק, האָט אים גאָר אַ גאַנץ גליק געטראָפן... ווען דו וואָלסט געווען געהאַט שכל?... ווען דו וואָלסט אים געוואָן געזאָגט דעם אמת... אַז דו ווילסט פאָרן חתונה־האָבן... מאַכן די „מערי"... וואָלט ער געווען פאַרשטאַנען... און וואָלט דיר זיכער געווען געגעבן... אוי קאָפּל חכם!... נישט אומזיסט זאָגט די וועלט: „דער שכל איז אַ קריכער"... נאָר נישט געזאָרגט. איך וועל קריגן... זיכער קריגן... איך וועל נאָך, מערצעשעם, אויף דעם שבת, זיין ביי מיין ווייב, און ביי מיינע קינדער...

און איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, עפּעס דאָרט צונויפגעפּאַטש־קעט אַ וויצטשערע... איך האָב אָפּגעגעסן, אָנגעשטעלט דעם וועקער, אַז ער זאָל קלינגען פיר אַזייגער... און איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, זיך געלייגט שלאָפן.

מיין וועקער קלינגט, עס איז פיר אזייגער פארטאגס... איך שטיי אויף. היינט בין איך שוין, פארשטייט איר מיך, נישט קא זא נאר ווי נעכטן... איך דאוון פריער אפ... איך פארפאק מיר א פעקעלע עסן... און איך נעם מיר מיט א צוליינ־בענקעלע, פארשטייט איר מיך, ווי להבדיל, יום־כפור אין שול אריין... וואדען? איך וועל זיי שטיין, וועל איך זיי... און איך הענג מיר אן מיין גאז־מאסקע... אזוי ווי עס האט זיך געפירט יענע צייטן... און איך גיי מיר אוועק.

— „דאסמאל — טראכט איך מיר — וועל איך זיי שוין א מכה אהיימקומען אן א „סאף־קאנטרוויט"... ווען זיי שטעלן זיך אפילו אויפן קאפ!...

בקיצור, וואס זאל איך אייך לאנג אויפהאלטן... איך זעץ מיך אוועק אין דער רייע, מיט א בלאט־צייטונג אין דער האנט... עס איז נאר אן אנדער לעבן... ווי א מאנארך, זאג איך אייך, בין איך מיר געזיצן... איך האב נאך מיין בענקעלע, פארשטייט איר מיך, אפגע־טרעטן פאר א שוואנגערער פרוי אויף א פאר מינוט.

און איך, ווי איר קוקט מיך אן, אז איך האב נאר א בלאט־צייטונג, שוין, ארט מיך שוין נישט... איך זיץ מיר, און לייען מיר... פאר א גוט אנטיקל, און ווער שמועסט נאך, פאר פאליטיק, און פאר א מלחמה, שטעל איך אייך אוועק דאס בעסטע עסן...

האב איך מיר, פארשטייט איר מיך, געלייענט, און מיך אזוי פאר־וואלינקע אונטערגערוקט... און פלוצעם, איך גיב א קוק אויף מיין זייגער, עס איז ערשט פיר אזייגער נאכמיטאג, און איך בין שוין כמעט באלד ביים קאמיסאר...

און עס האט שוין נישט לאנג דערנאך געדויערט, און מזל־טוב. איך בין שוין אינעווייניק... און א מזל, זאג איך אייך, האב איך שוין איינמאל...

פונטואנען ווייסט איר?... זאלן מיר טאקע, אזוי אלע, ווי מיר זענען דא, האבן עפעס א גוט יאר, ווי איר האט געטראפן: איר פארשטייט א מזל פון א מענטש?...

אַז סך־הכּל, פֿאַרשטייט איר מיך, זענען דאָרטן דאָ שרייבערס, ווי די הינט... מוז איך, פֿאַרשטייט איר מיך, דווקא אָנקומען צו דעם זעלבן בלאָנדן, סמאַרקעוואַטן שנצל, וואָס נעכטן!...

„נאָר וואָס — טראַכט איך מיר — האָב איך דאָ מורא צו האָבן... היינט וועט ער זיך שוין לאָזן מתיר־נדר זיין... ער וועט אַפֿילו קענען שפּרינגען איבערן דאַך... ער וועט זיך, פֿאַר מיינעט וועגן, קענען וואַרפֿן אין וואַסער אַריין“...

— וואָס ווילט איר ווידער? — פֿרעגט ער מיך, דאָס שנצל, דער סמאַרק.

איר פֿאַרשטייט? „ווידער“, האָט ער געזאָגט... דער „ווידער“ זיי־נער, איז מיר באַלד נישט געפֿעלן געוואָרן.

— וואָס הייסט — זאָג איך — וואָס איך וויל „ווידער“... איך וויל — זאָג איך — אַ „סאַף־קאָנדוויט“...

— וואָס פֿאַרא מאָטיוו? — גיט ער מיך אַ פֿרעג, דאָס שנצל, דווקא מיט אַ שמייכל... איר ווייסט דאָך נישט... ער האָט, פֿאַרשטייט איר מיך געמיינט, אַז דער „רוף“ איז מיר הערוויל בינר־לביגו אָנגעקומען... און אַז ער האָט אויסגעפֿירט זיינס...

טראַכט איך מיר: „ביי מיר וועסט דו אויספֿיר:“...

— וואָס פֿאַרא מאָטיוו? — פֿרעג איך אים איבער, און איך טראַכט מיר: „שוין איינמאָל אַ מאָטיוו“... איך וויל — זאָג איך — פֿאָרן חתונה־האָבן, וויל איך... איך האָב שוין אַלע נויטיקע פּאַפּירן, האָב איך שוין.

אַז דער שנץ דערהערט דאָס, מאַמע! גיט ער זיך דאָ נישט אַ שטעל אויף, און ער פֿאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס, און ער גיט צי מיר אַ זאָג, מיט אַזאַ מין כעס, גלייך איך ווייס?... גלייך ווי ער וואָלט זיך דאָ פּלוצעם דערוואוסט, אַז... איך גיי פֿאָרן חתונה־האָבן מיט זיין ווייב, און נישט מיט מיינער!...

— איר לאַכט פֿון מיר!... איר מאַכט פֿון מיר חוזק!... איר, אויס־

לענדער — מאכט ער — דערלויבט זיך שוין אביסל צופיל!... ווי נעפעלט אייך אזא מעשה?! — זאגט ער צום גאנצן, פארזאמלטן עולם — דער מאן לאכט פון מיר!... דער ייד מאכט פון מיר חוזק!... נעכטן, פארשטייט איר מיך, קומט ער צוגיין, און בעט ביי מיר א „סאף־קאנדווויט“ צו פארן זעען זיין ווייב מיט זיינע קינדער... און היינט, פארשטייט איר מיך, קומט ער צוגיין, און וויל א „סאף־קאנדוויט“, צו פארן חתונה־האבן!...

און דער עולם־גולם, וואס ווייסן זיי? האבן זיי ארויסגעשאסן מיט א געלעכטער.

— ווארפט אים ארויס! — פסקנט אפ איינער, ווייזט אויס, עפעס אן עלטסטער פון צווישן די שרייבערס, צום דיזשורנעם פאליציאנט.

— און טאמער קומט ער נאך צוריק — רופט זיך אן דער פון נעכטן, דער מיטן צוגעניייטן פנים — זאלט איר אים גלייך איינזעצן!...

— סטייטש?!... נעם איך שרייען, און איך ווייז אויף מיין פאספירן — עס איז דאך אמת ווי גאלד!... נאט! — שריי איך — זעט: איך האב א ווייב... איך האב פיר קינדער! און איך דארף חתונה האבן... טוט אדרבא א קוק, וועט איר זעען!...

אבער צוויי פאליציאנטן זענען שוין געשטאנען נעבן מיר... און זיי האבן, פארשטייט איר מיך, גענומען ביי מיר דאס „אונטערפירן“... און א דריטער פאליציאנט האט מיך פון הינטן אונטערגעשטופט און... פארשטייט איר מיך... איידער איך האב זיך באוויזן אומצוקוקן, בין איך שוין געווען אין דרויסן.

מען האט מיר נאכגעווארפן דאס בעטעלע... און דעם קאפעליוש מיינעם, וועלכן איך האב, אין דער מהומה, געהאט פארלוירן, האט זיך אימיצער מרחם געווען און אים מיר ארויסגעפלאטשט אויפן קאפ... און איין פאליציאנט, אזא ריז... אן עוג מלך הבשן... האט נעגראזשעט צו מיר מיטן פינגער:

— זאלסט נאר נישט צוריקקומען!... האַ?!... וועו נישט...

נו, קיין נאר, ווי איר קוקט מיך אן, בין איך דאך נישט... איך האב

מיך, פארשטייט איר מיך, גלייך אָנגעשטויסן וואָס ער מיינט... ביי זיי?... איר שפּילט זיך מיט פּאריזער פּאָליציאַנטן?... דערנאָך, גיי שרייו חי וקים... האָב איך מיר, פארשטייט איר מיך, מיר אָפּגעווישט דאָס מויל, און איך בין מיר אַהיימגעגאַנגען... האָב מיר עפּעס צונויפגעפּאַנטשקעט א וועטשערע... האָב אָפּגעגעסן, האָב אָנגעשטעלט דעם וועקער מיינעם, אויף פיר אזייגער פאַרטאָג, און... איך האָב זיך געלייגט שלאָפן.

און אז דער וועקער האָט געקלונגען, בין איך מיר אויפגעשטאַנען, זיך אָנגעטון, און בין מיר, פארשטייט איר מיך, אוועק אויפן וואָקזאַל; און איך האָב מיך אַריינגעזעצט אין ערשטן צוג, און איך בין מיר אַוועקגעפאָרן צו מיין ווייב און צו מיינע קינדער.

# קול שופר

דער וועג איז, ברוך־השם, געגאַנגען כשורה... דעם גאַנצן וועג איז קיין געשטאַפּאָ אויף דער באַן נישט אַרויפגעקומען, מען האָט נישט געפרעגט... הלוואי ווייטער, געלויבט זיין ליבן נאָמען...

דאָ, אין דער גרענעץ־שטאָט, איז געווען צו דערוואַרטן אַ קאָנטראָלע פון די פּעסער... דער שמוקלער האָט דאָס זיי גלייך געזאָגט נאָך אין אַנטווערפּן:

עס קאָן זיך מאַכן, אַז מען זאָל אפילו דעם גאַנצן וועג נישט פרעגן אויף קיין פּאַפּירן; אפילו פון אַנטווערפּן ביז צו דער שווייצערישער גרענעץ... נאָר דאָ, ביי דער גרענעץ, האָט זיך מיר נאָך נישט געטראָפן, זינט איך בין שמוקלער, אַז מען זאָל נישט קאָנטראָלירן די פּעסער...

מילא, איז דאָך דאָ אַ גוטער גאָט, ברוך־הוא, אויף דער וועלט... ווי ער וועט פירן, אַזוי וועט זיין...

משה ראַבינאָוויטש האָט אויף זיך אַליין היינט גענומען אַ תענית. ער האָט געפאַסט, און אַ גאַנצן וועג, אין דער באַן, פון דער בעלגישער גרענעץ אָן, האָט ער תפילה געטון. ער האָט זיך באַמיט, אַז ער זאָל, כמעט די גאַנצע צייט פון דער נסיעה, שטיין ביי אַן אָפּענעם פענצטער; דאָס האָט געהאַט צוויי מעלות: ערשטנס, האָט מען אים אַזוי אַרום ווייניק געזען אויפן פּנים; און אויפן רוקן, איז אפילו פאַרן גרעסטן און געניטסטן אַנטיסעמיט שווער צו דערקענען אַ ייִדן... און צווייטנס, מיטן פּנים אינעם אָפענעם פענצטער, האָט ער אַ גאַנצן וועג געקענט פראַנק און פריי, פון אויסנווייניק, און בלחש, תהלים זאָגן, און תפילה טון... ער האָט אפילו געקענט אַרויסגראַבלען פון הינטערן העמד די

ציצית פון זיין טלית־קטן, זיי קושן צו קריאת־שמע, און קיינער זאָל דאָס נישט באַמערקן...

חוץ די אַלע תפילות, האָט משה ראַבינאָוויטש אויך געשעפּטשעט זיינס אַן אייגן־פאַרפאַסט געבעט, אַ מין תחינה אויף מאַמע־לשון... ער האָט זיך כמעט איינגעשפּאַרט ביים רבונא של עולם :

— רבונא של עולם, האַר פון אַלע וועלטן, נאָר דו אַליין קאָנסט מיר העלפן, און דו מוזט מיר העלפן!... מאַמער בין איך ביי דיר נישט ווערט דעם חסד, זאָלסט דו עס טון אין זכות פון מיין הייליקן זיידן, דעם בעכעווער צדיק זכותו יגן עלינו... אין זכות פון מיין הייליקן טאַטן עלו־השלום... אין זכות פון מיין מעוברתער יידענע, און אין זכות פון דעם אומשולדיקן נפש, וואָס געפינט זיך אין איר טראַכט, און וואָס איז נאָך אינגאַנצן ריין פון זינד... דו מוזט מיך, רבונא של עולם, ראַטעווען אין דעם זכות, וואָס איך בין מיך מוסר־נפש, און איך פיר מיט מיר מיט די ספר־תורה פון אונדזער קהלה... און דעם שופר, מיט וועלכן מיין טאַטע, זכרונו לברכה, האָט פערציק יאָר תקיעות געבלאָזן...

און פאַרענדיקט האָט ער איטלעכעס מאָל זיין געבעט מיט דער געריכטער טענה :

— רבונא של עולם, איך טו וואָס איך קען, און דו העלף מיר!...

ביים אַרויסגיין פון וואָקזאַל, איז עפּעס געוועזן אַזאַ מין געדראַנג גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געפאָרן אין דער שווייץ... עס האָבן זיך אַ שאָט־אַרוים געטון: מחנות דייטשע זעלנער און אָפיצירן, וועלכע זענען געוועזן אויסגעשטאַטעטע מיט זייערע תכסיסי־מלחמה, וואָס איטלעכער פון זיי איז געוועזן אַ געפאַר, אַ סכנה, אַ מלאך־המות רחמנא־לצלן... און זער פיל פראַנצויזישע פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, וועגן וועלכע מען האָט זיי נאָך אין בעלגיע געוואָרנט, אַז זיי זענען, באַהיט זאָל מען ווערן, פונקט אַזוי געפערלעך ווי די דייטשן גופא... און עס זענען אַרויסגעגאַנגען אַן אַ שיעור פּויערים און פּויערטעס, מיט זייערע קלימעקלעך, און מיט זייערע קינדער... און ערשט טוריסטן און

טוריסטסקעס, וואָס מער פעלט זיי שוין נישט, היינטיקע ביטערע צייטן, ווי נאָר די לאַנגע גליטשערס, וועלכע זיי שלעפּן מיט זיך מיט, זיך צו גליטשן אויפן שניי... און גלאַט אַזוי, גלחים, און „מילאַשערנע פּאַניעס", און פּריצים, מיט פּריצהטעס, מיט זייערע ניאַניעס און קינדער.

ביים סאַמען אַרויסגאַנג איז געשטאַנען אַ נידעריקער, אַ ברייטער, אַ פעטער דייטשער אָפיציר, מיט אַ געדזשאָבעט פּנים און אַ צעפּלאַטשטער נאָז, אויף וועלכער עס זענען געזיצן, רייטנדיק, אַ פּאָר ברילן מיט דיקע גלעזער, און דיקע שוואַרצע האָלאָבליעס, און ער האָט בודק געווען די פּאַפּירן...

עס איז געווען אַ געדראַנג, אַ געשטויס: עלנבויגנס, קוישן און פּלייצע־זעק האָבן געשטויסן, געמאַכט לעכער אין די פּלייצעס, אָפּגעהאַקט די זייטן; און וואַליזעס און וואַליזקעלעך האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַר די פיס, האָבן אָנגעהאַקט אין די קניען, און שווערע, באַטשוועקעוועטע טוריסטן־שיך האָבן אָנגעטרעטן אַקוראַט אויף די אָפּגעפרוירענע פינגער, אויף די הינער־אויגן, אַז עס האָט אַזש פאַרקלעמט אונטערן האַרצן, שיעור נישט ביז חלשות...

משה ראַבינאָוויטש האָט, מיט אַ ווינק, געשיקט פאָרויס די שוואַנגערע פרוי, מיט איר גרויסן, שוואַרצן קאַפּעליוש, און מיט די צוויי שטרויענע, געפלאָכטענע קוישלעך אין די הענט; און נישט אָפּלאָזנדיק פון איר קיין אויג, האָט ער זיך, מיט צוויי שווערע וואַליזעס אין די הענט, און מיט דעם פּלייצע־זאַק אויף די פּלייצעס, געשטופּט הינטער איר, צווישן דער געדיכטער מענטשן־מאַסע...

צוגעקומען צום אָפיציר, צו דער סאַמער סכנה, האָט ער, אויף אַ רגע, אַוועקגעשטעלט איין וואַליזע אויף דער ערד, צווישן אַ וואַלד מיט פיס, און מיט דער פרייגעוואָרענער האַנט, אויסמיידנדיק צו קוקן אין אָפיצירס זייט, און מיט אַ מינע, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געווען זער באַשעפטיקט מיט זיין געפּעק, האָט ער אים דערלאַנגט די לעגיטימאַציע, און ער האָט אויף איינדערגיך, אין זיין געדאַנק, נאָכאַמאָל זיך איינגעחזרט זיין גויעשקן נאָמען...

בעת משה ראבינאָוויטש האָט דערפילט, ווי דאָס טעוועלע איז אים פון דער האַנט אַרויסגענומען געוואָרן, איז אים דאָס האַרץ אַנטפאַלן געוואָרן... אָבער, נאָך ווייניקער ווי אין איין אויגנבליק אַרום, האָט ער שוין, צום גליק, דערפילט, ווי מען שטופּט אים דאָס האַרטע טעוועלע צוריק אין זיין דלאָניע... האָט ער עס גיך צוגעפּרעסט מיט זיינע פינגער, האָט זיך אַראָפּגעבויגן, צוריק אויפגעהויבן די וואַליזע, און אַן איבערגעקומענער איז ער געגאַנגען פאָרויס, געטראָגן פון דער פיל־פאַרביקער מענטשן־כוואַליע...

אינדרויסן, אויף דעם גרויסן פּלאַץ פאַר דעם וואָקזאַל, האָט זיך די ריזיקע מענטשן־מעגע פונאַנדערגעוויקלט, זיך צעשפּרייט ווי א פעכער, און האָט זיך אריינגעגאָסן אין אַלע גאַסן, און אין אַלע געס־לעך פון דער שטאָט. פיל פון זיי, האָבן אָנגעפולט די בלויע אויטאָבוסן פאַרן וואָקזאַל, וועלכע האָבן א פּאָר מאָל אָנגעטרומייטערט, כדי זיך דורכצושלאָגן א וועג, און זענען מיט זיי אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק הינ־טער זיך א וואָלקן שטויב, און א שטיקנדיקן רויך פון „גאַזאָזשען"... אַנדערע פון די אָנגעקומענע, האָבן טומלענדיק, אָנגעפולט די קאַפע־הייזער, זענען באַפאַלן די בופעטן, און האָבן באַזעצט די טישלעך אויף די טעראַסן פון די קאַפעס און רעסטאָראַנען.

אָנגעשפּאַרט ביי א לאַמטערן, פונקט אַקעגנאיבער דעם וואָקזאַל־זייגער, איז געשטאַנען לאהלע, משה ראבינאָוויטשעס ווייב, אין איר העל־ברוינעם מאַנטל, וועלכער האָט זיך היפּש פאַררייסן פון פאָרנט; און מיט איר גרויסן קאַפּעליוש — דעם אָפּגעשמועסטן „סימן" פאַרן שמוגלער... נישט ווייט פון איר, איז געשטאַנען א זער הויכער פּוי־ער, מיט א וואַלד־שטעקן אין האַנט, און האָט זיך געשפּילט מיט א שוואַרצן, קודלאַטן הונט, אַקוראַט ווי מען האָט, ברוך השם, אין אַנט־וועדפן אָפּגעשמועסט...

**משה ראבינאָוויטש איז פאַר לאהלען דורכגעגאַנגען, און נישט אויסדרייענדיק זיך רעכט צו איר, האָט ער איר א זאָג געטון:**

— **מזל־טוב !**

— מזל־טוב! — האָט לאהלע א שמייכל געטון, און איז נאָכגע־גאנגען דעם פויער מיטן הונט, וועלעכר האָט זיך דערווייל געלאָזן אין וועג אריין...

אין דעם קאָרגן אויגנבליק, וואָס מאָן און ווייבס בליקן האָבן זיך באגעגנט, האָט ער באמערקט, אז זיין לאהלע איז עפּעס שטאַרק פארענדערט... גאָרנישט צום דערקענען... עפּעס א קלייניקייט — האָט ער זיך דאָס אויסגעטייטשט — א מעוברתע יידענע, אויף דער צייט, מיטצומאַכן אַזעלכע שרעק?... און ער האָט זיך גלייך געטרייסט: „מאַ, אבי, געלויבט דער אויבערשטער, שוין אזוי ווייט איבערגעקו־מען, וועט שוין גאָט ברוך־הוא אויך ווייטער מוזן העלפן"...

דער שווארצער, קודלאַטער הונט איז כסדר געלאָפן פאָרויס. נאָך אים, איז, מיט געמאָסטענע טריט, נאָכגעגאַנגען דער הויכער, דאַרער פויער מיט זיין גרויסן וואַלד־שטעקן אין האַנט. דער כלב, ווייזט אויס, זער א צופרידענער, איז סאַפּנדיק, און מיט א רויטער אַרויס־געשטעקטער צונג, בליץ שנעל, געלאָפן פאָרויס, איז אָפּגעלאָפן ווייט, זער ווייט, און גלייך האָט ער זיך מיישב געווען און איז צוריקגעלאָפן, און איז אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין בעל־הבית, און געהאַט מיט אים נאָר א גרויסע גדולה... פון צייט צו צייט איז דער הונט אויך צוגע־לאָפן, דאָ צו לאהלען, דאָ צו משהן, האָט זיי גוט אָנגעקוקט, פאַרלויפנ־דיק זיי דעם וועג פאָרויס, און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ מיט די לאַנ־גע אַראָפּהענגענדיקע אויערן, האָט ער זיי באַשמעקט, באַניוכעט, און איז ווייטער געלאָפן...

●

לאהלע, א מידע, איז מיט די לעצטע כוחות דעם פויער נאָכגע־גאַנגען; קוים וואָס זי האָט געשלעפּט די פיס; און משה ראַבינאָ־וויטש איז געגאַנגען אַן ערך א פופציק טריט הינטער זיין פרוי: „זי מוז שוין נעבעך זיין זער מיד — האָט ער געטראַכט — וואו קען ער דאָס אונדז אזוי פירן?... אפשר פירט ער אונדז שוין אַרי־בער די גרענעץ?... ווער קען וויסן?... אפשר?... מאַ, ווי גאָט וועט

פירן, אזוי וועט זיין... מען איז דאך שוין העט הינטער דער שטאָט... ע, ער וואָלט פונדעסטוועגן עפּעס געזאָגט... דער שמוקלער אין אנט־וועראַפּן, האָט געזאָגט, אַז ער פירט אריין אין אַ האָטעל, און מען גייט ערשט אריבער די גרענעץ ביינאַכט... מסתמא געפינט זיך דער האָ־טעל ערגעץ הינטער דער שטאָט. הלואי ווייטער, ביז איצט, איז ברוך השם אַלץ געווען ווי ער האָט צוגעזאָגט... מאַ, מען וועט דאך זען; און השם יתברך וועט אוודאי העלפן"...

און ער האָט מיט איין האַנט, וועלכע ער האָט אויף אַ רגע פריי־געמאַכט אראָפּשטעלנדיק איין וואַליזע, אָנגערירט דעם פּליצע־זאַק אויף זיינע פּלייצעס, ער האָט דערפילט דאָרט אינעווייניק אַ רעדל פון אַן עץ־החיים, און ער איז ביי זיך שטאַרק געוואָרן: „נישקשה, גאָט וועט נישט פאַרלאָזן"...

דער פויער האָט איצט געפירט איבער גאַסן, איבער וועגן, פאַר־ביי דורך הייזער און קאַזאַרמעס, וואו עס האָבן קאָנטאָנירט דייטשן, וואו פאַר די טירן זענען געשטאַנען פּאַטרולן, וואו עס זענען, אויף ליידיקע פּלעצער, געשטאַנען איינגעמויערטע הארמאַטלעך, מיט זיי־ערע לאַנגע, דאַרע העלדזלעך, אַרויסגעשטרעקטע צום הימל; און וואו אויף די באַלקאָנען פון די הייזער, האָבן שטאַלץ געפלאַטערט, בלוט־רויטע פענער מיט שווארצע האַקנקרייצן, וועלכע האָבן זיך מיט זיי־ערע קרומע פיס, ווי די בייזע שפּינען, איינגעפרעסן אין דעם קאַרגן שטיקל קיילעכדיקער ווייסקייט, וואָס איז אינמיטן דער פאָן...

דאָס קיילעכדיקע שטיקל ווייסקייט איז איצט ביי משה ראַבי־נאָוויטשן געווען ווי אַ רמז אויף דער וועלט, וועלכע האָט פריער געלעבט אין שלום; איז געקומען אָט די פּאַסקודנע שווארצע שפּין — דער האַקנקרייץ, און האָט זיך מיט זיינע לאַפּעס, מיט זיינע נעגל אריינגעפרעסן אין דער פרידלעכער וועלט, און דושעט זי און ווארגט זי, און דריקט פון איר אַרויס אָט די רויטקייט... דאָס בלוט, אין וועלכן די גאַנצע וועלט באָדט זיך שוין אזוי זינט פיר יאָר צייט...

„גענומען אַ וועלט, און פון איר אַ פינצטער וויסטן תל געמאַכט...
אַזאַ שיינע וועלט“...

און, עס איז דאָ באמת טאַקע געווען זער שיין: פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן אַן אַ שיעור לאַנקעס און פעלדער, אויף וועלכע עס האָבן זיך געמיטלעך געפּאַשעט בהמות. און כאָטש עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָך די ימים־נוראים, האָט דאָ נאָך אויסגעזען ווי עפּעס אַ פּאַרשפּעטיקטער זומער: הינטער די פעלדער זענען געשטאַנען ריזיקע בערג, וועלכע האָבן זיך, מיט זייערע נאַקעטע פעלדזיקע שפּיצן, געריסן אין די הימלען . . . די זון, אַ גאָלדענע, האָט זיך נעקליבן אונטערצוגיין, דאָרט ערגעץ, צווישן די הויכע בערג. זי האָט, מיט אירע שטראַלן, געזוכט אַ שפּאַלט צווישן די פעלדזן, וואו זי זאָל אַנטרונען ווערן אויף איבער נאַכט, כדי מאָרגן ווידער אויפצושיינען . . .
„דעם דרך הטבע איז גאָרנישט משיג צו זיין“ . . . האָט משה ראַבינאָוויטש געטראַכט.

ווי אַ שפּאַליער פון צוויי רייען קייסערלעכע גרענאַדירערן, זענען דעם גאַנצן לענג פון דעם וועג געשטאַנען די צוויי רייען שלאַנקע הויכע צעדערבוימער, ווי זיי וואָלטן, פאַר משה ראַבינאָוויטשן, געמאַכט אַ פּאַראַדע, אַ קיניגלעכן אויפנעם . . . און איבער זייערע שפּיצן זענען העל־בלויע וואָלקנדלעך געלאָפן פאַרויס, ווי זיי וואָלטן אויסגערופן:
„מאַכטס אַ וואַרע, פאַר משהן מיט זיין תורה ! . . . משה ב״ר שמעון האָט געראַטעוועט גאַנץ תורה פון די רוצחישע הענט, איז זיך מוסר־נפש, און פירט זי אין דער גרעסטער סכנה אריבער אין דער שווייץ . . . גיטס אָפּ כבוד, משהן מיט זיין תורה ! . . . מאַכטס אַ וואַרע ! . . .“

שוין ווידער עפּעס אַ קאַזאַרמע מיט דייטשן. ימח שמם זאָלן זיי ווערן! און ווי דאָס איז שטאַרק! ווי דאָס ערב־רב איז אומעטום פול! טאַקע, כחול הים!... רבונא של עולם ! פונוואַנען האָבן זיך דאָס מיט איינמאָל גענומען אַזויפיל רשעים אויף דער וועלט?!... נאָר, נישט גע־

זאָרגט, זיי וועלן, מיט גאָטס הילף, האָבן אַ פינצטערן סוף!... ניש־קשה! נישקשה!...

און משה ראַבינאָוויטש, מיט זיינע צוויי שווערע וואַליזעס אין די הענט, און מיט דעם פּלייצע־זאַק, אָנגעהאָנגען אויף זיינע פּלייצעס, אין וועלכן עס איז געלעגן די ספר תורה, טלית און תפילין, און דעם טאַטנס שופר, — האָט אַ האָפערדיקער געשפּאַנט פאָרויס.

אַז עס איז שוין מער נישט געווען צו זען ווי לאַנקעס, פעלדער און בוימער, איז פּלוצעם דער הונט אריינגעלאָפן אין עפּעס אַ קליין סטעזשקעלע, צווישן אַן אַ שיעור אויפּס־ביימער; און גלייך דערנאָך איז ער צוריק אַרויסגעלאָפן, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין בעל־הבית, האָט געהאַוקעט, און מיט אַ רויטער, גאַוועדיקער צונג, האָט ער אים געלעקט די הויזן, די הענט, דעם האַלדז און דאָס פּנים.

משה ראַבינאָוויטש האָט זיך תחילת אַביסל דערשראָקן: ער האָט געמיינט, אַז אפשר, חלילה, זאָגט דער הונט דאָ אָן עפּעס אַ סכנה... אָבער, אַז דער כלב איז פון דעם בעל־הבית זיינעם צוריק אַראָפּגע־שפּרונגען, איז אין דעם סטעזשקעלע ווידער צוריק פאַרשוואונדן, און דער בעל־הבית זיינער האָט זיך אויך, נאָך אים, אַן שום וואַקלענישן, אין דעם סטעזשקעלע פאַרקערעוועט, איז משהן אַ שטיין פון האַרצן אַראָפּגעפאַלן.

לאַהלע, זיין ווייב, איז אויך דעם פויער נאָכגעגאַנגען; און אַז משה איז צו דעם אָפּדריי אָנגעקומען, האָט ער געזען: אויף צוויי דרענגער, אָנגעקלאַפּט אַ ברעטל, אויף וועלכן עס איז, מיט האַלב־אָפּגעקראַכענע אותיות, געווען אויפגעשריבן: „האָטעל שווייץ". „ווייזט אויס — האָט ער פאַרשטאַנען — אַז די סטעזשקע פירט טאַקע צו דער אַכסניה"... און דער נאָמען פון דעם האָטעל ווייזט, אַז מען איז שוין טאַקע אפנים גאָר אין נאָענטער שכנות מיט דער שווייץ... געלויבט זיין ליבן נאָ־מען"...

אַז משה איז טיפער אין גאָרטן אָנגעקומען, איז שוין לאַהלע גע־זיצן אויף אַ הילצערנער באַנק, פאַר אַ גרויסן דאָרפישן הויז געבויט

פון הילצערנע בעלקעס, וועלכעס איז געווען ארומגערינגלט מיט גרינס און מיט בלומען, און האט זיך געטובלט אין סנאפעס גילדערנע שטראלן פון דער אונטערגייענדיקער זון.

אויף דער ווערא‌נדע, אויף וועלכער עס האבן זיך ארויפגעדראפעט צווייגלעך און בלעטער פון ווילדע וויינטרויבן, איז געשטאנען דער פויער, און האט זיך געסודעט מיט זער א דיקער גויע, מיט וועלכער דער הונט האט איצט געהאט א גאר גרויסע שמחה.

אז לאהלע האט דערזען משהן אנקומען, האט זי, מיט פיל רחמנות אין אירע שווארצע אויגן, אפגערוקט די קוישלעך, געמאכט אן ארט אויף דער באנק, פאר איר אפגעמאטערטן מאן, וועלכער איז נעבעך גע־ווען אויסצודרענגען פון שוויים, און האט אויסגעזען, אז א שענערן לייגט מען, לא עלינו אין קבר...

— זעץ זיך, משהלע, — האט זי געזאגט מיט א שטים פול מיט רחמנות — רו זיך אביסל אפ.

— ווי פילסט דו זיך, לאהלע? — האט משה געפרעגט.

— גאנץ גוט — האט אים לאהלע צוריקגעענטפערט. — און דו ווי פילסט זיך?

— איך? — האט משה געענטפערט מיט א פראגע — געלויבט זיין ליבן נאמען...

און ער האט זער פאמעלעך אראפגענומען פון זיך דעם פלייצע־זאק, אים גוט אוועקגעשטעלט אויף דער באנק, אויספרואווענדיק פריער גוט אויב ער שטייט פעסט, אויב ער וועט חלילה נישט אראפפאלן... און אפווישנדיק זיך, מיט א נאז־טיכל, דעם שוויים פון שטערן, האט ער זיך אויך אוועקגעזעצט:

— געלויבט השם יתברך, מען האלט שוין אזוי וויט...

דער פויער מיט דער פויערטע, האבן נאך א זער קורצן ישוב־הדעת, אראפגענידערט פון דער ווערא‌נדע, און זענען צו זיי צוגעקומען:

— איר וועט ארויפגיין מיט מיר — האט די פויערטע געזאגט

אויף עפעס א דאָרפישן פראַנצויזיש, וואָס אפילו זי, לאהלע, וואָס איז שוין א קענערין אין פראַנצויזיש, האָט זיך גיכער אַנגעשטויסן, ווי פאַר־שטאַנען, וואָס זי מיינט.

די פויערטע האָט גענומען איין וואַליזע, דער פויער די אַנדערע, זיי זענען אַרויף אויף דער וועראַנדע; לאהלע און משה זענען זיי שטום נאָכגעגאַנגען.

בעת זיי זענען אַרויפגעקומען אויף די טרעפּ פון צווייטן שטאָק, האָט זיך לאהלע אָפּגעשטעלט און אָפּגעקרעכצט... און ווי כדי זיך צו פאַרענטפערן פאַר איר מאַן, וועלכער איז אַליין אויך מיד, פאַרשמאַכט, ער האָט האָך היינט א תענית... קיין לעפל וואַרעם וואַסער האָט ער שוין זינט נעכטן מיטאָג אין זיין מויל נישט גענומען, האָט זי צוגעגעבן:

— פונקט היינט, איז מיר עפעס שווערער ווי אַלעמאָל... אין דער באַן, פריער, האָב איך געמיינט: שוין, איך גיי שוין צו קינד... — האָט לאהלע כוואַטסקע געשמייכלט צו איר מאַן.

— וועסט מיט גאָטס הילף גיין צו קינד אויכעט — האָט משה געענטפערט, כמעט וואוילויונגעריש, ווי ער וואָלט שוין נישט געפרעגט נאָך דער וועלט — לכל זמן...

אויפן דריטן שטאָק, האָט לאהלע זיך ווידער נישט געקענט איינ־האַלטן פון א קרעכץ צו טון... זי האָט פאַרביסן אויף א רגע די אונ־טערשטע ליפּ מיט אירע ציין, זיך אָפּגעשטעלט א רגע אויף א טרעפּ, און איז גלייך ווידער געגאַנגען.

— עס ציט מיך אַזוי צום בעט, — האָט לאהלע געזאָגט שטיל, אַז קוים איר מאַן האָט עס געהערט — זיך אביסל אויסצורוען, אַז איך בין שוין זער גליקלעך, וואָס מען גייט אַריין אין א שטוב...

— עס איז דען א וואונדער? — האָט משה, אויך זער שטיל איר געענטפערט — עפעס א קלייניקייט, אַזא נסיעה?...

אַזוי ווי זיי זענען נאָר אַריינגעקומען אין האָטעל־שטיבל, גלייך

ווי זיי האָבן נאָר די שוועל איבערגעטרעטן, האָט די ברייטע, דיקע פוי־ערטע אָוועקגעשטעלט די וואַליזע און אַ זאָג געטון:

— מען עסט זיבן אַזייגער...

און זי האָט זיך, אַ קיילעכדיקע, אַרויסגעקאַטשעט פון דער טיר.

דער פויער האָט, נאָכן אַוועקשטעלן די וואַליזע, זיך געווישט מיט צוויי פינגער די וואָנסעס:

— עלף אַזייגער, וועט מיין יינגל אייך קומען אַריבערפירן, זייט גרייט... — און ער איז אַרויס פון שטוב נאָך זיין פויערטע, און שוין האָבן זיי געקלאַפּט מיט זייערע הילצערנע טרעפּעס, אַראָפּ פון די שטיגן...

משה האָט געוואָלט זאָגן דער בעל־הביתטע, אַז ער דאַנקט איר... אַז זיי עסן קיין נישט געקעכטס... אַז זיי האָבן זייער עסן מיט זיך מיטגעפירט אויפן וועג... אָבער איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין נישט געווען צו וועמען צו רעדן... און חוץ דעם, דאָס וואָס דער פויער האָט גלייך נאָך דער פויערטע אַ זאָג געטון: „עלף אַזייגער וועט מיין יינגל אייך קומען אַריבערפירן", דאָס האָט ווי מיט אַ טישטוך אַ פּאַרדעק געטון די פראַגע פון עסן... עס איז מיט איינמאָל געוואָרן נישט וויכטיק... פיל וויכטיקער וואָלט למשל איצט געווען, ווען מען וואָלט געקענט מיט זיי אַ שמועס טון: אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן אָפּצולייגן דאָס „אַריבערגיין" אויף מאָרגן... לאהלע זאָל קענען זיך אַביסל אויס־רוען... זאָל קענען אַביסל צו זיך קומען... אָבער, צוריקגעשמועסט, ווער קען ווידער נעמען אויף זיך אַזאַ מין אחריות?... אפשר איז היינט גאָר דער שעת־הכושר?... און וואָס איז ער דאָס עפּעס גלאַט אַזוי גלייך אַנטלאָפן?... וואָס האָט ער זיך דאָס עפּעס אַזוי געאײַלט?... אַז מען איז שוין, ברוך השם, אין אַ שטוב, וואָלט גלאַט משעקאַווע געווען מיט אים אַ שמועס צו טון: ווי אַזוי עס גייט עפּעס צו, דאָס אַריבערשוואַרצן די גרענעץ?... אָן יעשו בלייבט אָן עשו!... ער האָט זיך מסתמא גע־אײַלט צו דער אבילה!...

— איך גלויב נישט, אז איך זאָל נאָך קענען היינט מיטמאַכן אַזאַ וועג — האָט לאהלע געזאָגט, נאָכדעם ווי זיי זענען געבליבן אַליין — די פיס זענען מיר געשוואָלן, שווער ווי קלעצער... און די קריזשעס, עפּעס ווי אַ רייף וואָלט זיי אַרומגענומען... איך וואָלט זיך געדאַרפט לייגן אין בעט אַריין, זיך אויסרוען אַ נאַכט, צומאָרגנס, אפשר...

— נו יאָ, לייג זיך — האָט משה אָראָפּגעטשעפּעט פון זיך דעם פּלייצע־זאַק, און אים אין דער שפּיגל־שאַנק אַריינגעשטעלט — האָסט צייט פיר שעה, ביז עלף; עלף אַזייגער קומט ער דאָך ערשט, דער שמוקלער...

און ער האָט זיך געוואַשן די הענט, אַרויסגענומען אַ קאַרטל פון קעשענע, אַרומגעגאַרטלט זיך, און געשטעלט זיך דאַווענען מנחה ומעריב...

לאהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שיך, וועלכע זענען געווען ווי צוגעקלעפּט צו אירע פיס... אין קאָפּ ביי איר האָט געדרוישט, גלייך ווי עסקאַדריליעס אייראָפּלאַנען וואָלטן איבער איר קאָפּ געפלויגן... זי האָט שווער אַרויפגעלייגט אירע פיס אויפן בעט; די פיס זענען געווען דיק, פיל דיקער ווי געוויינטלעך; גלאַנציק, די הויט אָנגעצויגן, און ווי אָנגעפולט מיט עפּעס אַ בלוילעכער פליסיקייט:

— אוי, רבונא של עולם! — האָט לאהלע אַרויסגעזיפצט — נאָר דו קענסט העלפן! נאָר דו!...

זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אין דער קאָפּנזייט פון בעט, און זי האָט זיך געפילט ווי צוגעקאָוועט צו דער ווייכקייט פון דעם בעט־געוואַנט אונטער אירע קריזשעס... זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי שווימט... גלייך ווי זי וואָלט אין אַ וואַסער געזיצן... די אויגן האָבן איר געברענט, ווי מען וואָלט איר דריבנע זאַלץ אין די אויגן אָנגעשיט; די אויגנלעדלעך האָבן זיך איר געקלעפּט, זי האָט זיי צוריק אויפגעריסן, זי האָט געפילט, אַז אָט, אָט, וועט זי איינשלאָפן...

זי טאָר אָבער נישט איינשלאָפן... זי מוז וואַרטן ביז איר מאַן וועט אויסגיין שמונה־עשרי... אים געבן עטלעכע אָנווייזונגען, ער מוז דאָך באַבייסן נאָך דעם היינטיקן תענית!... אפשר אין דעם זכות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אַ תענית וועט גאָט העלפן?... איצט קען מען צו אים נישט רעדן... ער טאָר נישט אויסרעדן... זי וועט אים נאָר זאָגן וואו עפּעס ליגט, וועט ער זיך שוין אַליין נעמען... ווי ער זעט דאָס אויס... עס איז אַ שרעק אויף אים צו קוקן...

מיט אַלע כוחות האָט לאַהלע זיך באַמיט צו באַצווינגען דעם שלאָף. זי האָט געריסן די אויגן... אַז זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער שפּיגל־שאַנק, וועלכע איז איצט, דורך דעם וואָס דער פּלייצע־זאַק איז אינעווייניק געשטאַנען, געוואָרן אַן ארון־קודש, האָט זי געזען דעם רוקן פון איר מאַן. אין זיין קורצן רעקל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גאַרטל, חצי ייד, חצי גוי... מיט אַ בלאָ בערעטל אויפן קאָפּ, ווי ער שטייט דאָס אַזוי פאַרשטעלט פאַר אַ גוי, דעם בעבעווער צדיקס איי־ניקל... האָט זיך נעבעך געמוזט אַראָפּנעמען די באָרד... דעם גאַנצן הדרת־פּנים... ביז זי האָט דאָס ביי אים געפּועלט... ווי אַ מענטש האָט זיך דאָס אַביסל געענדערט... זי שעמט זיך אים פּשוט צו קוקן אין פּנים אַריין...

לאַהלע האָט זיך אַ ווײַלע אַזוי צוגעקוקט, ווי ער דאַוונט און בעט עס אַזוי פרום. עפּעס דוכט זיך איר, גאָר פרומער ווי פריער... פרומער ווי תמיד... ער בעט מסתמא פאַר איר... פאַר דעם נפש, וואָס ביי איר אין בויך... „אוי, הלואי, רבונא של עולם אין הימל — האָט זי שטיל געמורמלט מיט אַ תחינה־ניגון — אַז ער זאָל טאַקע, מיט זיינע תפילות, עפּעס גוטע מלאכים באַשאַפן, וועלכע זאָלן אונדז היטן, און באַלייטן, באַשיצן און באַשירעמען אין דעם שווערן און ריזיקאַלישן וועג, וועלכן מיר דאַרפן נאָך היינט מיטמאַכן“... אוי, און אין אַזאַ צייט... איך מיין פּאָרט, אַז דאָס מאָל האָב איך זיך פאַררעכנט... עס איז דען אַ חידוש?... ווײַ, ווײַ, אַזעלכע צייטן!... אַזעלכע פּאַסירונגען!... זינט וועלט איז

וועלט — האָט זיך נאָך אַזעלכעס נישט געהערט... נישט אַנדערש, ווי עס איז משיחס צייטן!... און זי האָט ווידער גענומען, אפשר שוין צום צוואַנציקסטן מאָל, אויסרעכענען די צייט... און זי האָט, ווי תמיד, אויך איצט נישט געקענט קומען צו קיין גענויעם חשבון... אָט איז איר אויסגעקומען, אַז זי האָט נאָך נישט פאַרענדיקט אַכט, און אָט איז איר ווידער אויסגעקומען, אַז זי איז שוין פאַרפאַרן העט ווייט אין ניינטן חודש אַריין...

די וויטיקן אין די קריזשעם האָבן איר נאָכגעלאָזן. עס איז, ווייזט אויס, געווען בלויז פון אָנשטרענגונג... עס איז נאָך מסתמא נישט אויף היינט... די וויטיקן זענען אַוועק, ווי מען וואָלט זיי מיט דער האַנט אַוועקגענומען... אויב דאָס זענען נישט קיין ווייען, איז עס גאָר־נישט צו פאַרשטיין... דער וויטיק איז אַוועק, און בלויז אַ מידקייט איז געבליבן... משה שאָקלט זיך, ער דאַוונט. זי האָט שוין, ווייזט אויס, אַביסל געדרימלט... זי ווייסט נישט, צי שטייט ער נאָך אַלץ די שמונה־עשרי פון מנחה, צי שטייט ער שוין די שמונה־עשרי פון מעריב?... אַהאַ, ער בוקט זיך מודים... ער וועט באַלד אויסגיין... זי וועט אים זאָגן: אַ גלאָז מילך פון דער וואַרעם־פלאַש... ברויט ליגט אין קוישל...

מען האָט געקלאַפּט אין דער טיר. לאהלע איז נאָך נישט געשלאָפן. זי האָט געהערט ווי אין אַ חלום. זי האָט געוואוסט, אַז משה טאָר נישט אויסרעדן... זי האָט געוואוסט, אַז זי וואָלט געדאַרפט ענטפערן; אָבער זי האָט נישט געענטפערט...

משה האָט, בעתן אָנקלאַפּן אין דער טיר, געעפנט אויף אַ רגע די אויגן, זיך אויסגעדרייט פאַרחדושט, פאַרוואָס לאהלע ענטפערט נישט... ער האָט געזען, אַז זי איז נעבעך איינגעשלאָפן... „עס איז דען אַ וואונ־דער?" — האָט ער געטראַכט. — און כאָטש קיינער האָט אויף דעם אָנקלאַפּן אין דער טיר נישט געענטפערט, האָט זיך די טיר דאָך גע־עפנט, און משה האָט ווידער געמוזט איבעררייסן די שמונה־עשרי, כדי אַ בליק צו טון ווער עס האָט דאָ געקענט אַריינקומען...

א יונג דאָרפיש שיקסל, שטייט מיט אויפגעריסענע אויגן ביי דער טיר, און מעלדעט גאָר גרויסאַרטיק:

— די הערשאַפטן זענען באַדינגט...

קיינער האָט נישט געענטפערט. דאָס שיקסל האָט נעגאַפט: אין נישט צעבעטן בעט, האַלב זיצנדיק, שלאָפט די פרוי... און ביי דער שפּיגל־שאַנק שטייט דער מאַן, מיט עפּעס אַ שוואַרצן שטריק אַרומגעוויקלט ביי דער טאַליע, און ער שאָקלט זיך ווי דער אומרו פון זייער זייגער...

— די הערשאַפטן ווילן אָראָפּגיין עסן אין עס־זאַל, אָדער ווילן זיי ווערן סערווירט דאָ אין צימער? — האָט דאָס שיקסל איבערגעפרעגט דעם מאַן מיטן שוואַרצן שטריק אַרום די לענדן, גלייך ווי ער וואָלט געווען טויב.

— מאָרגנע פאַרשווינען. — האָט דאָס שיקסל ווי צו זיך אַ זאָג געטון און איז אַרויסגעלאָפן. און איר קלאַפּן מיט די הילצערנע טרעפּעס אויף די שטיגן האָט נאָך מער געשטערט משהן דאָס דאַווענען.

●

אונטן, אין דער קיך פון „האָטעל שווייץ", האָט מען באַשלאָסן, אַזוי ווי די „פרעמדע" פאַרשטייען נישט קיין פראַנצויזיש, דאַרף מען זיי אַרויפטראָגן דאָס נאַכט־עסן אין צימער אַריין.

— ווילדע מענטשן! — האָט דאָס מיידל געזאָגט צו איר מוטער

— וויסן אפילו נישט, אַז מען קלאַפּט אין טיר, דאַרף מען ענטפערן „אַריין"...

— און דו ביזט אויך ווילד — האָט איר די מוטער געענטפערט

— אַז מען האָט דיר ווידער נישט געענטפערט „אַריין", טאָ פאַרוואָס־זשע ביזט דו אַריינגעגאַנגען?...

— אַלזאָ, וואָס זאָל איך טון איצט? — האָט דאָס מיידל אומצופרידיק געפרעגט.

—אַרויפטראָגן דאָס עסן — האָט די מוטער געפּסקנט.

— מיין דאגה — האט דאס מיידל געטשעפערט — און זי האט געכאפט א פולע טאץ מיט אנגעפולטע טעלער און טעלערלעך, מיט גאפל, לעפל און מעסערס און איז ארויס.

נאך איר, איז באלד נאכגעקומען איר מוטער, די בעל־הביתטע, אויך מיט א טאץ, אויף וועלכער עס איז געשטאנען א וואזע מיט א פארענדיקער זופ, און א פרישע סעריע טעלער.

עס איז גארנישט געווען וואס אויפצוטון: די „מאהאם" איז געשלאפן, און דער „מ'סיע" האט טאקע עפעס מאדנע זיך געשאקלט...

די מאמע מיט דער טאכטער האבן א רגע זיך אנגעקוקט; ווי זיי וואלטן זיך איינע דער אנדערער געזאגט: „ווער קען זיי דארט פארשטיין די אויסלענדער... די יידן?"... זיי האבן געהויבן מיט די אקסלען; דאס אלץ אוועקגעשטעלט אויפן טיש, און זענען, מיט גרויס דרך־ארץ, גיכער פאר דער שלאפנדיקער פרוי, ווי פאר דעם מאן, וועלכער איז פאר זיי געווען א רעטעניש, אויף די שפיץ פינגער, צוריק ארויסגעגאנגען פון צימער.

לאהלע איז אזוי אפגעשלאפן א שיין שטיקל צייט. משה איז אויך געווען מיד, ער וואלט זער גערן, און מיט פיל פארגעניגן, זיך אויך אביסל צוגעלייגט; נאר פריער פאר אלץ, מוז ער באביים נאכן תענית.

אז ער האט געענדיקט דאווענען מנחה ומעריב, האט ער, אויף די שפיץ פינגער, זיך אויסגעזוכט פון די קוישלעך, וועלכע זיין ווייב האט געשלעפט: ברויט, און די ווארעם־פלאש מיט א ביסל מילך; און א הארט איי האט ער אויך דארט געפונען. ער האט דאס אלץ אויסגעסדרט אויף א בענקל, ווען דער גאנצער טיש איז געווען פארנומען מיט דעם טריפה עסן, אויף וועלכן ער האט אפילו קוקן נישט געוואלט... ער האט זיך געוואשן צו שאו ידיכם, און האט אנגעביסן נאכן לאנגען שווערן תענית.

לאהלע איז עפעס נישט געשלאפן רואיק... עפעס איז אים איר שלאפן נישט געפעלן געווארן... א מעוברתע יידענע אויף דער צייט...

וועד קען וויסן... משה האָט די ספקות, די בייזע געדאַנקען, פון זיך פאַר־טריבן מיטן בענטשן, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעזוכט פון פּלייצע־זאַק אַרויס, אַ תהלימל, און שטיל, און מיט אַ טרויעריקן נגון, האָט ער געזאָגט תהלים...

אַרום צען אַזייגער, האָט אַ שטאַרקער ווייטיק אין דעם גאַנצן אונ־טערשטן טייל פון איר קערפּער, לאָהלען פון שלאָף אויפגעוועקט... דער ווייטיק איז געווען דער זעלבער וואָס פריער, נאָר פיל שטאַרקער, פיל געוואַלטיקער... זי איז מיט איינמאָל עפּעס אַזוי פול געוואָרן... פיל פולער ווי זי איז געווען ביז איצט... אַלץ אין איר, אין איר אינגעווייד, האָט זיך געריסן, ווי עס וואָלט געוואָלט אויפפּלאַצן... לאָהלע האָט שוין איצט געגוי דערקענט, אַז דאָס איז אַ „וויי", אַז זי גייט צו קינד... אָבער, גלייך איז דער ווייטיק פאַרשוואונדן, און זי איז צוריק געווען די זעלבע, וואָס פריער, נאָר זער אָפּגעמאַטערט...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט: אין אַ ווינקל ביי דער שפּיגל־שאַנק, איז געזיצן משה, און געזאָגט תהלים... אין אירע נאָז־לעכער איז איר פאַר־קראָכן עפּעס אַ פרעמדער ריח פון נישט־יידישע עסנס, אַזאַ מין ריח ווי מען פּילט, דורכגייענדיק פאַר דער טיר פון גויעשקע רעסטאָראַנען... דער ריח האָט געררייצט איר פאַרטרוקנטן גומען, אירע לערע קישקעס... זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איר מאַן האָט היינט געפאַסט אַ תענית... אַז זי אַליין האָט היינט אויך קנאַפּ וואָס געגעסן... אַז זיי געפונען זיך אויף דער סאַמער גרענעץ... אַז נאָך היינט דאַרף קומען אַ „שוואַר־צער" און מען וועט נאָך היינט דאַרפן אַריבערשוואַרצן די גרענעץ... אַז מען וועט ווערט זיין ביי זיין ליבן נאָמען, וועט מען נאָך היינט געהאָלפן ווערן...

און דאָ איז זי אין אַזאַ לאַגע... נישט דאָ וואָס צו רעדן, דאָס זענען אָן שום ספק „ווייען"... דאָס איז דאָך ביי איר, געלויבט דער אויי־בערשטער, נישט דאָס ערשטע מאָל... דאַסמאָל האָט זי זיך באַשטימט פאַררעכנט...

— ווי שפּעט איז, משהלע? — האָט לאהלע געפרעגט.

— שוין באַלד צען אַזייגער — האָט משה געענטפערט, נישט אַוועקנעמענדיק די אויגן פון אַפּעניעם תהלימל, וועלכעס ער האָט גע־האַלטן אין דער האַנט — וואָלסט שוין געדאַרפט, לאהשי, אויפשטיין, עפּעס איבערכאַפּן, און זיך גרייטן אין וועג...

— און דו, האָסט דו שוין באַבּיסן ?

— יאָ.

— וואָס האָסט דו געגעסן ?

— וואָס איך האָב געפונען.

— האָסט דו כאָטש געטרונקען אַ גלאָז מילך ?

— יאָ.

— און וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַן עסן, וואָס עס שטייט דאָ אויפן טיש?

— די בעל־הביתטע האָט ארויפגעברענגט.

— האָסט דו נישט געקענט זאָגן, אַז מיר עסן דאָס נישט ?

— איך בין גראָד געשטאַנען שמונה־עשרי...

— נו, און וואָס וועט דערמיט איצט ווערן ?

— וואָס זאָל ווערן? גאָרנישט.

— „גאָרנישט" — האָט לאהלע איבערגעחזרט משהס ענטפער. — ווייסט וויפל אַזאַ סעודה, פאַר צוויי אירע איז מחויב היינטיקע צייטן צו באַטרעפן ?

— איך שטעל מיר פאָר, אַ סך געלט...

— אַז דו האָסט שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט, טאָ פאַרוואָס ביזט דו נישט אַראָפּגעגאַנגען עס איר צוריקגעבן ?

— וואָס רעדסט דו, לאהשי, עס איז דאָך איר פּרנסה!...

— נו, וואָס וועסט דו דערמיט טון ?

— דער שגץ, הער „שוואַרצער", וועט קומען, וועט מען אים דאָס

געבן אויפצועסן... ווייסט נישט, אז עשו, ווען זיך גוט אנעסן, וועט ער זיין בעסער געשטימט...

לאהלע האט שוין מער נישט געזוכט אויף דעם עסן קיין תחבולות, נאר זי האט כסדר באדויערנדיק איבערגעחזרט:

— מי יודע, וויפיל זיי וועלן דאס רעכענען?

זי האט אריבערגעקוקט איבערן קאפנזייט פון בעט, און זעענדיק די רויטע בלוטיקע פארציעס פלייש, און די שפארע שטיקער שוויצער־קעז, האט זי צוגעגעבן:

— עס איז דאך אלץ ראציאנירטע זאכן... שווארצער האנדל...

— טו זיך אן, לאהשי — האט משה געזאגט. — די צייט שטייט נישט...

זי האט געפרואווט ארויפגיין פון בעט:

— איך וועל מוזן גיין אין די שטעק־שיך... אוממעגלעך ארויפ־צוקריגן א פאר שיך אויף די פיס.

לאהלע האט אוועקגערוקט די „טריפה־סעודה" אין א ווינקל פון טישל, האט דאס אלץ איבערגעדעקט מיט א האטעל־האנטעכל, און האט זיך געזעצט ביי דעם פריי־געווארענעם שטיקל טיש, עפעס אי־בערהאפן... א שטארקער ווייטיק, א פיל שטארקערער ווי פריער, האט זי אנגעכאפט; דער ביסן ברויט איז איר שטעקן געבליבן אין האלדז:

— ווי איז מיר — האט זי געזאגט מיט א שטילן געדעמפטן שלוכץ. — איך גיי שוין באשטימט צו קינד!... וואס טוט מען?... וואס הויבט מען אן צו טון?...

משה ראבינאוויטש איז טויט בלאס געווארן:

— וואס רעדסטו דו, לאהשי?

די ליפן האבן ביי אים געציטערט, און ער האט פארמאכט דאס תהלימל.

— יא, מיין מאן — האט זיך לאהלע געווישט דעם שוויים פון פנים. — מיר האבן זיך דאס מאל, דוכט זיך, שוין פאררעכנט...

אָבער גלייך האָט דער ווייטיק נאָכגעלאָזן, און זי האָט זיך שוין ווידער געפילט די זעלבע, וואָס פריער.

משה ראַבינאָוויטש האָט ארומגעשפּרייזט הין און צוריק איבערן צימער, ער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט, און אַ זאָג געטון :

— הער אויס, לאַהשי: לאָמיר זיין צוגעגרייט... לאָמיר זיך קלאָר מאַכן: לאָמיר אָננעמען, אַז דו ביזט שוין טאַקע אויף דער צייט... דאַרף מען אַוודאי נישט פאַרלירן דעם קאָפּ... איך האָב דאָ אַכטונג געגעבן; די גאַנצע צייט, וואָס דו ביזט געשלאָפן, האָסט דו אויך שוין געהאַט קליינע „ווייען”... נאָר מחמת דו ביזט געווען זער מיד, אויסגעמאַטערט פון שווערן, ווייטן וועג, האָבן די קליינע „ווייען” נישט געהאַט דעם כוח דיך פון שלאָף איבערצואוועקן... אָבער נישט דאָס בין איך אויסן דיר צו זאָגן. איך וויל דיר זאָגן, אַז פון איין „ווויי” ביז צום אַנדערן, געדויערט ביי דיר איצט, לפי־ערך, אַ האַלבע שעה... איצט איז דער זייגער האַלב עלף. דער שגץ וועט, מיט גאָטס הילף קומען עלף אַזייגער. מיר געפינען זיך שוין איצט, ברוך השם אויף דער סאַמער גרענעץ... איך וועל דעם „שוואַרצער” חוץ דעם אָפּגעשמועסטן פּרייז, אויך געבן אַ שיינעם טרינק־געלט, פאַרשטייסט דו מיך, אַז מען קומט דאָרט אַריבער, זענען אונדזערע פּראַנקען סיי ווי גאָרנישט ווערט... מען נעמט סיי ווי ביי דיר אַלץ צו... און איך וועל אים, פאַרשטייסט דו מיך, בעטן, אַז ער זאָל אונדז, אויב מעגלעך, פירן דורך עפּעס אַ נעענטערן וועג... דען צוריקגעשמועסט : אין דער היים גייט מען דאָך אויך ערשט אין שפּיטאָל אריין ווען מען קריגט שוין די „ווייען”... אָדער, אַז מען האַלט ביי געלעגן ווערן ביי זיך אין דער היים, — האָט ער גענומען אויספּשטלען מיט אַ שטילן גמרא־נגון — ווען לויפט מען נאָך דער הייבאַם?... בעת די געווינערין האָט שוין די „ווייען”... איז דעריבער דערווייל, חלילה־וחס, נישט דאָ קיין שום סכנה... דען, אַז מיר וועלן נאָר, פאַרשטייסט דו מיך, מיט גאָטס הילף, בשלום האָבן איבערגעקומען, איך מיין, אַז מיר וועלן נאָר, מיט

השם יתברכם הילף, האָבן אריבערגעגאַנגען די גרענעץ, וועט שוין אוודאי, מיט גאָטס הילף, נישט זיין פאַרוואָס זיך צו שרעקן... וועלן מיר דאָך שוין עפּעס זיין אין דער שווייץ!... וועט מען דיך שוין דאָרטן, מיטן אויבערשטנס הילף, אריינגעבן ערגעץ אין אַ שפּיטאָל, אָדער אין אַ קליניק, אָדער צו אַן אַקושערקע... פאָלג מיך, לאהשי, שטאַרק זיך, ווי גאָט איז דיר ליב, גרייט דיך אין וועג אריין... וועסט זעען, גאָט וועט העלפן...

— עס איז מיר שוין איצט ווידער גאָר נישט — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, און גענומען זיך גרייטן אין וועג.

זי איז געווען שטאָלץ אויף איר מאַנס שכל הישר: „וואו תורה, דאָ איז חכמה" — האָט זי געטראַכט. — עס איז דען נישט אַקוראַט ווי ער האָט דאָ אויסגערעכנט?... וואָרעם? מען האָט דען אַ ברירה?... דאָ בלייבן וועלן?... באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן... אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין... בעסער נישט צו טראַכטן דערפון...

משה ראַבינאָוויטש האָט נערוועאיש ארומגעשפּרייזט איבערן צימער. ער האָט אַלע פּאָר מינוט אַ קוק געטון, דאָ אויפן זייגער, און דאָ זיין ווייב אין פּנים אריין, צו זעען וואָס פאַראַ מינע זי מאַכט.

איטלעכעס מאָל, ווען לאהלע האָט דערפילט אויף זיך איר מאַנס בליק, האָט זי אַ שמייכל געטון, ווי כדי צו ווייזן, אַז עס איז איר גאָר נישט, אַז זי איז גרייט צו גיין...

דערווייל האָט דער זייגער זיך גערוקט, און מען זעט נישט קיין שניי, און מען הערט נישט קיין שניי... „דאָס וואָלט געווען אַן אומגליק חלילה... ער וועט זיכער קומען"...

משה איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, ער האָט אוועקגעשאַרצט אַ שטיקל פּוירהאַנג, און אַרויסגעקוקט אין דרויסן: עס איז געווען וממש חושך... טאַקע עפּעס אַ מין חושך מצרימה... „עס איז סוף חודש... און, דוכט זיך, אַז עס רעגנט אויך... יאָ, עס רעגנט!... גאָר גוט, אַזאַ נאַכט, איז קיין עין הרע, ווי אָפּגעמאָסטן, צו גנבענען אַ גרענעץ"...

לאהלע איז ארויסגעגאנגען אין קארידארל, האט זיך דארטן געזוימט א פאר מינוט, וועלכע האבן ביי משהן אויסגעזעען אן אייביקייט. ער איז אוועק פון פענצטער, פון דער דרויסנדיקער חשכות, און האט צוריק גענומען ארומשפרייזן הין און צוריק איבערן צימער... ער האט געדרייכערט פאפיראסן, איינעם נאכן אנדערן, און האט זיך, אלע ווײַלע פארקליבן מיט א האנט פינגער צו דער נאקעטער גאמבע... געוואלט זיך אננעמען ביי דער באָרד, ווי ביי א הארבער סוגיה... נישט דא דא קיין באָרד!... „עס וועט איצטער א שיינע פאר חדשים געדויערן, ביז עס וועט צוריק אנוואקסן אזא באָרד ווי פריער... ניין, עס איז נישט געדריגגען, אז עס מוז געדויערן אזוי לאנג... דארט, איז נישט דא מער פאר וועמען מורא צו האבן... דארטן שטערט מען נישט צו היטן יידישקייט... עס זענען אפילו דא פרומע יידן אין דער שווייץ... יעקישע יידן... אשכנזים... ראפאפארט האט געשריבן: מען איז אין יידישע לאגערן... מען עסט כשר... שחיטה, איז דאך אין דער שווייץ פארווערט... שוין פון לאנג... נאך פאר היטלערן... מוזן אוודאי אויך זיין רשעים, די שווייצער“... און וואס וועט פארט זיין?... מען זעט נישט קיין שנײ, און מען הערט נישט קיין שנײ? עשו, האט זיך מסתמא געלייגט שלאפן, און פארגעסן צו קומען... ווער ווייסט, וואס פארא עגמת־נפשן עס איז אונדז נאך באשערט... און לאהלע איז ארויסגעגאנגען, און זי קומט נישט אריין...

לאהלע איז אריינגעקומען טויט בלאס:

— זכות־אבות זאלן מיר ביישטיין! — האט זי זיך געבראכן די הענט...

— וואס נעמסט דו זיך אזוי איבער?... דו מאכסט דאך דיר נאך ערגער... מיט די עגמת־נפשן, איילסט דו דאך נאך צו... האסט דו ווידער געהאט א „וויי“?

— אוי, — האט לאהלע געקנאקט די פינגער פון די הענט. — איך האב שוין געהאט די אמתע סמנים, ווײי איז מיר נעבעך...

— וואָס רעדסט דו, לאהלע ?...

— דאָס, וואָס דו הערסט...

— גאָט זאָל אונדז זיין אין דער הילף!... — האָט משה פאַרצווייפלט א פּאַטש געטון איין האַנט אין דער אַנדערער, און איז צו צו דער שפּינגל־שאַנק, וואו עס איז געלעגן דער פּלייצע־זאַק מיט דער ספר־תורה, און ער האָט זי צעעפנט, ווי מען עפנט אַן ארון־קודש :

— נאָר דו, גאָטעניו, קענסט אונדז העלפן!...

לאהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון בעט, און האָט זיך געוויגט ווי אַן אומרו פון אַ זייגער.

פּלוצעם, האָבן זיך דערהערט טריט אויף די שטיגן. די טריט דער־נעענטערן זיך. דאָס מוז ער זיין. מען קלאַפּט אין טיר. דאָס איז ער...

— אריין! — האָט משה אויסגערופן, און דער בטחון איז ביי אים געשטאַרקט געוואָרן.

אַ שגץ, אפשר פון זעכצן, זיבצן יאָר, איז אריינגעקומען, אַנגעטון אין אַ שוואַרצן גומענעם רעגן־מאַנטל, און אַ זאַק, ווי אַ שקאַרמוץ, האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ... נאָך אים, זענען גלייך אַנגעקומען: די דיקע בעל־הביתטע, און דער הויכער פּויער :

— איר זענט גרייט? — האָט דער שגץ געשריגן אויפן קול, ווי מען שרייט געוויינטלעך צו מענטשן, וועלכע פאַרשטייען נישט די שפּראַך, וואָס מען רעדט צו זיי.

— מיר זענען גרייט! — האָבן ביידע מיט איינמאָל אויסגערופן.

די גויים האָבן זיך איבערגעקוקט, האָבן זיך געוואונדערט, וואָס די „פרעמדע", נישט נאָר זיי פאַרשטייען, וואָס מען רעדט צו זיי, נאָר זיי קענען אפילו ענטפערן אויך.

— וואָס? — האָט זיך די בעל־הביתטע געחדושט — איר האָט נישט געגעסן?... עס האָט אייך נישט געשמעקט?...

— איר פאַרשטייט, מאַדאַם, — האָט לאהלע, אַנטוענדיק זיך

דעם מאַנטל, געזאָגט — מיר זענען ריטועלע... אַפילו שטרענג ריטוע־לע... מיין מאַן איז אַ ראַבינער...

אַה?!... — האָבן אַלע דריי פאַרחדושט אויסגערופן, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ משוגענער"...

— נו, עסט איר נישט?... — האָט זיך דער יינגער שגץ געוואונ־דערט.

— מיר עסן יאָ, — האָט לאַהלע אויסגעטייטשט — נאָר בלויז דאָס, וואָס איז אונדז דערלויבט... דאָס, וואָס מיר קאָנען אַליין...

— איך לעבט אויף אַ דיעטע, — האָט דער שגץ געמיינט, אַז ער פאַרשטייט שוין... לאַהלע האָט איינגעזען, אַז עס איז אַן עבירה זיי ווייטער אויסצוטייטשן.

— דאָס קאָסט טייער היינט, — האָט די דיקע בעל־הביתטע גע־זאָגט — אַ שאָד אַרויסצוּוואַרפן.

— דער יינגערמאַן וועט עס אויפעסן — האָט משה זיך אַריינ־געמישט, כדי פּטור צו ווערן דעם שמועס וועגן דעם ענין אכילה. — איך וועל באַצאָלן.

— איך בין נישט אַזוי אויסגעהונגערט, — האָט דער זאָק אויפן קאָפּ געזאָגט מיט אַ מויל געזונטע ווייסע ציין — אַז איך זאָל זיך איצט אָוועקזעצן עסן אַ קאַלטן נאַכט־עסן... קומט ליבער וואָס גיכער, וועל איך פריער אַהיימקומען זיך לייגן שלאָפן.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט משה געפרעגט — עס גע־דויערט לאַנג, דאָס „אַריבערגיין?"...

— פאַר מיר, — האָט דער שגץ געענטפערט — איז דאָס אַן ענין פון אַן אַנדערטהאַלבן שעה, פאַר אייך, אַן ערך די העלפט... איך דאַרף דאָך נאָך צוריקגיין אויך. איר גיט אייך אָפּ אַ חשבון?...

— הערט מיך אויס, יונגערמאַן, — האָט משה געזאָגט — איר קריגט ביי מיר אַ גאַנצן טויזנטער טרינק־געלט, און פירט אונדז, אויב מעגלעך, דורך נאָך אַ קירצערן וועג.

— איך בין שוין אויף דער צייט, — האָט לאהלע, זיך װוענדענדיק צו דער גויע, פאַרענדיקט איר מאַנס געדאַנק — שוין די לעצטע מי־נוט... איך האָב מורא...

און זי האָט דער פויערטע איינגערוימט עפּעס אַ סוד אויפן אויער.

— מיין גאָט! — האָט די פויערטע, מיט אַ האַנט אָפּגעהאַרעוועטע פינגער, זיך אָנגעכאַפּט ביי אַ באַק — אַזוי ווייט האָלט עס שוין?... פאַרוואָס האָט איר אַזוי לאַנג געוואַרט?...

— פאַרגעסט נישט, מאַדאַם, — האָט לאהלע פאַרענטפערט — מיר קומען פון בעלגיע... נישט אַזוי לייכט געווען פאַר אונדז זיך אַ־רויסצוקריגן...

— פיר זיי אפשר איבערן וואַסער? — האָט דער פויער, אַרויס־נעמענדיק די ליולקע פון מויל, פאַרגעלייגט.

— איך קאָן באַשטיין — האָט דער שגץ געענטפערט.

— עס איז אַ טיף וואַסער? אַ גרויס וואַסער? — האָט משה זיך נאָכגעפרעגט.

— ביז איבער די קניען — האָט דער פויער געענטפערט — אָבער דערפאַר, אין איין פערטל שעה, זענט איר אין דער שווייץ.

— דאָס וואָלט זער גוט געווען — האָט משה, מיט באַרויערן גע־זאָגט. — נאָר מיין פרוי האָט געשוואָלענע פיס, און איך האָב מורא, אַז דאָס קען איר נאָך שאַדן...

— אָ, ניין! — האָט זיך די פויערטע אַריינגעמישט מיט אַזאַ קאַטעגאָרישן טאָן, גלייך זי וואָלט זיך געזען געצוואונגען צו שיצן די אָרעמע, שוואַנגערע פרוי פון די מענער. — מיט געשוואָלענע פיס קאָן מען זי נישט פירן איבער וואַסערן... גיי בעסער מיט איר מיטן גלייכן וועג... עס מאַכט נישט אויס, וועט געדויערן נאָך אַ האַלבע שעה...

— אַזוי ווי איר קומט נאָר אַריבער — האָט דער שגץ, קוקנדיק אויף לאהלעס פאַררייסענעם מאַנטל, געזאָגט — נעמען אייך די שווייי־

צער צו, און זיי וועלן אייך גלייך אריבערפירן אין גענפער שפיטאל... איר — האט ער זיך געשווענדעט צו משהן — וועט בלייבן אין לאגער... עס וועט אייך דארטן זיין גאנץ גוט... די שווייצער זענען נישט ווי די „באשעס"...

מאן און ווייב האבן זיך ביידע אנגעקוקט, האבן שטום, אן אויגנבליק, זיך אן עצה געהאלטן, און האבן באשלאסן: „גיין"...

— מיר גייען! — האט משה ראבינאוויטש דער ערשטער געזאגט דעצידירט, און ער האט אויף זיך אנגעהאנגען דעם פלייצע־זאק.

— טא לאמיר נישט פארלירן קיין צייט. — האט די בעל־הביתטע דערלאנגט א געשריבענע רעכענונג, וועלכע משה האט באצאלט, מיט א שיינעם טרינק־געלט, אלס צולאג.

— קום. — האט לאהלע זיך אויסגעגלייכט א צופרידענע, וואס זי פילט איצט נישט קיין שום ווייטיק.

די פויערטע, ווייזט אויס, א צופרידענע פון פדיון, האט קאמאנדעוועט:

— דו, אנדרע, נעם די צוויי וואליזעס פון מ'סיע. און דער מ'סיע וועט טראגן די צוויי קוישלעך; די מאדאם דארף גארנישט שלעפן... זי שלעפט שוין נעבעך גענוג, די ארעמע פרוי...

זיי האבן זיך געזעגנט:

— אדיע! — האט געזאגט דער פויער, דריקנדיק דעם „ראבינער" די האנט — איר דארפט נאר, דער עיקר, זיך פארהאלטן שטיל, רויק. איר דארפט נאכגיין א פופציק טריט ווייט פון מיין יינגל.

דער שגץ איז אראפ מיט די צוויי וואליזעס, און משה ראבינאוויטש, מיט זיין פרוי לאה, האבן פארלאזן דאס לעצטע הויז, וואס איז געשטאנען אויף פראנצויזישער ערד...

*

אז זיי זענען אראפגעקומען אונטן, זענען די צוויי וואליזעס געשטאנען אויף דער וועראנדע, און דער שגץ איז נישט געווען.

דער פויער האָט אויסגעטייטשט :

— מיין יינגל איז געלאָפן אַ קוק טון אויפן שאָסיי, צו זעען, אויב דער וועג איז פריי... ער וועט אוודאי באַלד צוריקקומען. יאָ, — האָט **דער פויער, נאָך אַ מינוט שווייגן,** פלוצעם אַ זאָג געטון אין דער פינצ־טערניש אריין — הם... טאָמער מאַכט זיך, אַז עס געלונגט נישט... איר פאַלט אריין צו די „באָשעס"...

לאַהן און משהן איז אַ שוידער אַדורך דורך זייערע לייבער, דער פויער האָט אָן שום רחמנות ווייטער גערעדט :

— זאָלט איר איין זאַך געדענקען: נישט אונדז אויסגעבן!... זיי וועלן אייך פייניקן, וועלן דוקא וועלן וויסן ווער עס האָט אייך געפירט... ווער עס האָט אייך געוויזן דעם וועג... ביי וועמען איר זענט דאָ איינ־געשטאַנען... נאָר נישט זאָגן!... איר פאַרשטייט? אייך וועט איר שוין סיי ווי נישט קענען פאַרבעסערן... פאַר אונדז, זער שלעכט מאַכן, אויסער דעם, וואָלט איר אויך זער שלעכט געמאַכט פאַר אייערע איי־גענע גלויבנס־ברידער, דען מיר האָבן שוין פיל פון אייך געראַטעוועט, און יעדן טאָג קומען צו אונדז אַנדערע, און בעטן אונדז, אַז מיר זאָלן זיי זייערע לעבנס ראַטעווען...

— איר קענט דערויף רעכענען! — האָט אים משה ראַבינאָוויטש פייערלעך צוגעזאָגט, און האָט דערביי אין זינען געהאַט: „די שעה זאָל נישט איבערשעהען"...

— נו, הער שוין אויף מיט דיין דרשה! — האָט זיך די בעל־הביתטע אריינגעמישט — אַלע קומען אָן, וועלן זיי אויך אָנקומען!... דאַרפסט זיי נישט אָנמאַכן קיין עגמת־נפש; אַנדערע גייט שוין. אדיע...

אַ שוואַרצער שטן, מיט אַ שפּיציקן שקאַרמוץ אויפן קאָפּ איז אָנ־געקומען, האָט, אָן איין וואָרט אויסצורעדן, גענומען די צוויי וואַליזעס, און איז צוריקגעגאַנגען...

— אדיע! — האָט דער פויער געזאָגט שטיל — גייט אים נאָך...

— גיי דו פּאָרויס, — האָט משה געזאָגט צו זיין פרוי.

זיי זענען ארויס, און גלייך האָבן זיי זיך צוריק געפונען אויף דעם זעלבן שאָסיי, מיט וועלכן זיי זענען דאָ, מיט אַ פּאָר שעה צוריק, אָנגעקומען... זיי זענען ווידער פאַרבייגעגאַנגען פאַר דעם שילדל: „האָטעל שווייץ", וואָס האָט איצט, אויף די צוויי דרעננער אויסגעזען ווי אַ סטראַשידלע אין פעלד...

אויפן שאָסיי איז געוועזן פיל ליכטיקער ווי צווישן די בוימער, כאָטש אַ שוואַרצער הימל איז געהאָנגען גאַנץ נידעריק, און האָט צו־געדעקט אַלץ, וואָס געפינט זיך נאָר אויף גאָטס וועלט.

פון ערגעץ ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ סאָפּען פון אַ לאָקאָמאָטיוו. אַ רויטע ליכט, ווי פון אַ שרפה, האָט זיך געצייכנט ווייט אויפן הימל, איז, ווי אַ ראַקעטע, געלאָפן פאַרויס איבער דעם ריטמישן געקלאַפּ פון דער מאַשין, און אַ בעזעם, פון פייערדיקע ריטער, האָט געקערט דעם שוואַרצן הימל, און אַלץ איז ווידער צוריק פאַרשוואונדן...

לאהלען האָט געגומען אַ „ווײַ". זי האָט זיך באַמיט נישט צו שרייען, אָבער אָפּשטעלן אַביסל, האָט זי זיך געמוזט... משה האָט זיך דער־שראָקן:

— קענסט נישט גיין ?

— יאָ.

און זיי זענען ווייטער געגאַנגען.

אָפּגעגאַנגען אַביסל, איז דער שנץ מיט די צוויי וואַליזעס געשטאַנען, און האָט אויף זיי געוואַרט. אַז זיי זענען צו אים צוגעקומען, האָט אַנדרע צו זיי שטיל געשיפּעט:

— גייט מיר נאָך...

זיי זענען שטום נאָכגעגאַנגען. זענען אַרויף אויף אַ לאַנקע, אָן שום וועג... אַרום און איז געוועזן זער שטיל. אַ דריבנע רעגנדל האָט אָן אויפהער געקאַפּעט, האָט נאָס געמאַכט דאָס פּנים, די הענט, און פון משהס בערעטל איז אַראָפּגערונען אין זיין געבויגענעם קאַרק אַריין, אַ גריזשענדיקע נאַסקייט... די ערד מיטן גראָז זענען געוועזן

ווייך אונטער זייערע פיס; און אָנגערעגנטע וואַסערלעך האָבן גע־פליעסקעט אונטער זייערע טריט.

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק, האָבן גאָרנישט געפרעגט, נישט איינער דעם אַנדערן, נישט דעם שגץ, דעם „שוואַרצער“, און אפילו נישט זיך אַליין... זיי האָבן גאָרנישט געטראַכט, נאָר זענען געגאַנגען... געשוויגן און געגאַנגען...

מיט אַלע זייערע חושים, האָבן ביידע, אָן שום איבעררייס, נאָכ־געקוקט דעם שוואַרצן שאָטן, וועלכער איז געגאַנגען פאָרויס, און האָט אין דער פינצטערניש, מיט די צוויי וואַליזעס אין די הענט, אויסגע־זען ווי אַ שוואַרצער גייענדיקער צלם... „נאָר נישט פאַרלירן אים פון אויג... נאָר נישט פאַרבלאָנדזשען“...

זיי אַקעגן, איז אָנגעקומען אַ שוואַרצע, געדיכטע פינצטערניש, אַ חושך... דער שאָטן, דער שוואַרצער גייענדיקער צלם, איז עפּעס אין דער שוואַרצער פוירהאַנג פאַרשוואונדן... עס האָט אויסגעזען, ווי דער חושך וואָלט אים פּלוצעם איינגעשלונגען... מען מוז אים נאָכגיין!... דער חושך, איז אַ וואַלד... דער חושך האָט לעבער, ריסן, שפּאַלטן... עס לויכט דורך זיי אַדורך אַ שוואַרצע פינצטערע נאַכט... אין איינעם פון די ריסן איז געשטאַנען אַנדרע מיט די צוויי וואַליזעס אין די הענט, און האָט אויף זיי געוואַרט:

— עס גייט? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— עס גייט — האָט משה געענטפערט.

לאהלע האָט נישט געקענט ענטפערן: אַ „ווײַ“ האָט זי ווידער גענומען. עס האָט איר, אין אירע קריזשעס, ווי מיט מעסערס גע־שניטן; און זי איז געווען צופרידן, וואָס זי קען אויסנוצן די געלעגנ־הייט, און זיך אויף אַ רגע אָפּשטעלן... זאָגן, האָט זי גאָרנישט גע־וואָלט... קרעכצן, שרייען, — האָט זי זיך מיט אַלע כוחות איינגע־האַלטן. זי האָט געוואוסט, אַז איצט מוז זי זיין שטאַרק, אַז איצט, איז טאַקע ווי ביי אַ געווינער: דער „שמיד־ווײַ“...

— קומט! — האָט אַנדרע באַפוילן.

משה ראַבינאָוויטש און זיין ווייב לאה, האָבן נישט געקענט גיין מיט דער זעלביקער גיכקייט ווי אַנדרע. אונטער אַנדרעס פיס, אונטער זיינע זיכערע טריט, האָבן געקנאַקט שישקעס, האָבן זיך געבראָכן צווייגלעך, — און אונטער משהס און לאהס פיס האָבן זיך געפּלאָנ־טערט שטיינער און קזשאַקעס... פּאַקריוויע האָט דורך די דינע זאָקן, ווי פייער געבריט לאהס געשוואָלענע פיס... און זיי האָבן זיך אַלע ווײַלע פאַרהאַטשעט: דאָ ביי אַ צווייג, דאָ ביי אַ שטיין, און האָבן זיך יעדעס מאָל שיעור נישט, רחמנא־לצלן, די פיס אויסגעדרייט... און דערצו נאָך, זינט מען איז אריין דאָ, אין אָט דעם וואַלד, האָט זי, לאה, אים, משהן געמוזט נאָר פירן... ער האָט עפּעס גאָר אינגאַנצן נישט געזען, וואו ער גייט, און ער האָט זיך אַלע מינוט אין אַ בוים אַנגעשטויסן... אָבער דאָס זענען געווען אַלץ אַזעלכע נאַרישקייטן, וועגן וועלכע עס האָט זיך אפילו איצט טראַכטן נישט געלוינט.

די „ווייען" זענען איצט שוין אונטערגעקומען אַלץ אָפּטער. אַלץ אָפּטער האָט זיך לאהלע געמוזט אָפּשטעלן.

אַנדרע איז ווידער געשטאַנען; אויף דער ערד זענען געשטאַנען די צוויי וואַליזעס.

— דאָ, — האָט אַנדרע שטיל און זער גיך געשעפּטשעט — וועל איך אייך לאָזן... איר דאַרפט נאָר אַריבערקריכן אָט דעם טאָל, איר דראַפּעט אייך אַרויף אויף דעם בערגל, זענט איר שוין אין דער שווייץ... אַביסל ווייטער איז די שווייצערישע גרענעץ־וואַך... גיכער, איילט אייך!...

— אָבער, ווי אַזוי... מיטן געפּעק... אַ פרוי אין אַזעלכע אומ־שטאַנדן?... — האָבן זיי געוואָלט מאָנען יושר. — אָבער, עס איז שוין נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. זיי האָבן אפילו נישט באַוויזן צו זען וואוהין אַנדרע איז פאַרשוואונדן. ממש, די נאַכט האָט אים איינ־געשלונגען.

לאה האָט שטום אַרויסגענומען משהן פון די הענט די קווישלעך, און משה האָט אויפגעהויבן די צוויי וואַליזעס:

— האַלט דיך אָן אין מיין פּלייצע־זאַק — האָט משה שטיל גע־שעפּטשעט.

— איך האַלט דאָך די קווישלעך — האָט לאה געענטפערט.

— וואָס האָסט דו דאָרט אין די קווישלעך? — האָט משה געפרעגט.

— עסנוואַרג... און אַ פּאָר אַנדערע קלייניקייטן.

— מער גאָרנישט?

— ניין.

— לאָז שטיין די קווישן — האָט משה געפּסקנט מיט אַזאַ טאָן, וועלכן מען קען נישט אָפּפרעגן.

לאהלע האָט געפאָלגט.

— האַלט זיך אָן אין מיין פּלייצע־זאַק — האָט משה נאָכאַמאָל זיין פרוי געצהט.

בעת זי האָט דערפילט אין איר האַנט אָן עץ־חיים, איז ביי איר אויסגעקומען, אַז נישט כדי גלאַט זיך אָנצוהאַלטן, אַז זי זאָל נישט פאַלן, האָט איר איר מאַן געצהט דעם פּלייצע־זאַק אָנצונעמען... נאָר, אַז דאָס האָט אַ פיל טיפערן זינען... און אַן אומגליקלעכע, נאָכן אַנט־רונען ווערן פון שנאַ, האָט זי זיך געפילט איצט געשיצט דורך אַ פיל העכערע קראַפט... און זי האָט דעם עץ־חיים פון דער האַנט נישט אָפּגעלאָזן.

זיי זענען אַראָפּגעקראָכן אין טאָל. דאָרטן איז געווען שטיל, נאָך שטילער ווי אין דער הויך. קיין ווינטל, קיין שאָרך, קיין בלעטעלע פון אַ בוים האָט זיך אַ ריר געטון. בלויז די נאַסקייט האָט שטאַרקער גע־פּליעסקעט אונטער די פיס. פאַר זייערע פּנימער איז איצט געשטאַנען אַ פינצטערער באַרג, וועלכער האָט, אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט אויסגעזען נאָך העכער ווי ער איז אין דער אמתן געווען.

משה האָט אַרויפגעשטופּט די וואַליזעס אויף דעם באַרג, און אונ־

טערגעשטופּט לאהן, אַז זי איז אַרויסגעקומען אין דער הויף, האָט לאה ווידער, מיט איין האַנט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ צווייג, און האָט דער־לאַנגט משהן די אַנדערע האַנט, און אים אַרויסגעצויגן.

אין דער הויף איז שוין מער קיין וועלדל נישט געווען. אַ גלייכע זוימע פינצטערניש איז געווען פאַר זיי אויסגעשפּרייט. עפּעס אַ זומ־פּיקע לאַנקע, אָן שום שפּור פון אַ וועג.

משה האָט גלייך, אָן איין רגע זיך אָפּצושטעלן, אָן דעם אָטעם צו כאַפּן, גענומען ווידער די צוויי וואַליזעס אין די הענט אַריין און אַז ער האָט שוין געוואָלט ווייטער גיין, איז ער אַ רגע שטיין געבליבן: „וואוהין?... רעכטס?... לינקס?... פאַרגעסן צו פרעגן... גלייך!" — האָט ער פּלוצעם באַשלאָסן — „פאָרויס!"

זיי זענען איצט געגאַנגען מיט אַ ביסל זיכערע טריט ווי פריער. אין זייערע אויערן האָבן זיי פריילעך געקלונגען אַנדרעס לעצטע ווער־טער: „איר דראַפּעט אייך אַרויף אויף דעם בערגל, זענט איר אין דער שווייץ!"... „אַביסל ווייטער איז די שווייצערישע גרענעץ־וואַך"... „שווייץ... שווייץ... שווייץ... שווייצערישע גרענעץ־וואַך"... — האָבן ריטמיש אָפּגעקלאַפּט און אָפּגעפּליעסקעט זייערע מידע טריט. „שווייץ, שווייץ... מיר זענען גע־ראַ־טע־וועט!"...

•

פּלוצעם, האָט זיך לאהלע אָפּגעשטעלט. משה האָט נישט מער גע־הערט הינטער זיך אירע זיך נאָכשלעפּנדיקע טריט; דער פּלייצע־זאַק אויף די פּלייצעס איז אביסל לייכטער געוואָרן.

— וואָס איז? — האָט משה געפרעגט.

— משה! — האָט לאהלע שטיל גערופן — איך קאָן שוין נישט מער!...

שטאַרק זיך, לאהלע, ווי גאָט איז דיר ליב, — האָט זיך משה ביי איר געבעטן — מיר זענען דאָך שוין אין דער שווייץ!...

— אוי, גאָטעניו! — האָט זיך ביי לאהלען, פון די טיפעניש פון

איך האָרצן אַרויסגעריסן אַ זיפץ, און זי האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר איר שלוכצנדיקן קול.

— שווייג, שטיל, ווי נאָט איז דיר ליב... — האָט זיך משה גע־ערנערט...

„אַפּנים, אַז אויך ער איז, נאָך אַלעמען, נאָך נישט אינגאַנצן זי־כער, צי מיר זענען שוין מאַקע אינדערעאמתן אין דער שווייץ... גאָט זאָל זיך איבער אונדז דערבאַרעמען... זכות־אבות זאָלן אונדז ביי־שטיין!" — האָט לאהלע געטראַכט.

דער „ווייי" האָט נאָכגעלאָזן.

— מען קען ווייטער גיין! — האָט לאהלע שוואַך געזאָגט.

זיי זענען ווייטער געגאַנגען. געטאַפּט די פינצטערניש פון דער נאַכט. געזוכט עפּעס אַ שטיקל וועג, אַ סטעזשקע, נישט דאָ... און מאַד־נע געדאַנקען, וועגן פאַרבלאָנדזשעניש, וועגן פאַרפירעניש, רחמנא לצלן, זענען לאהלען געקומען אויף די געדאַנקען, און זי האָט זיך באַ־אומרואיקט :

— אָבער מען זעט דאָך נישט קיין סימן פון קיין ישוב?!... — האָט לאהלע געשושקעט הינטער משהס פּלייצע־זאַק — וואָס וועט זיין פון דעם גיין?... מען האָט דאָך געשמועסט דרייפערטל שעה... ווי שפּעט קאָן שוין איצט זיין? עס מוז דאָך שוין זיין זער שפּעט?... — האָט זי איר מאַן באַוואָרפן מיט שטילע שעפּטשענדיקע פראַגן, אויף וועל־כע ער האָט נישט געקענט געבן קיין ענטפער. ער האָט נאָר איצט גע־וואוסט איין זאַך: גיין, גיין און גיין... נאָר פאָרויס! וואָס ווייטער פון די היטלעריסטישע רוצחים, וואָס ווייטער, איז בעסער...

אָבער לאהלע האָט שוין מער נישט געקאָנט גיין.

— איצט איז שוין פאַרפאַלן! — האָט לאהלע זיך אָפּגעשטעלט, און מיט אַ ציטערנדיקער שטים געזאָגט — מער קאָן איך שוין נישט... איך מוז זיך אַביסל אָפּרוען... שטעל אַוועק די וואַליזעס, וועל איך זיך אַביסל זעצן.

און אַ זער טרויעריקער געדאַנק איז איר געקומען אין מוח: „אָט דאָ, אויף דעם נאַסן גראָז, וועט זי געבוירן דאָס קינד... מסתמא איז איר מזל אַזוי"...

— אפשר קענסט דו דאָך נאָך גיין געלאַסן? — האָט זיך משה ביי איר געבעטן.

— ניין, משה, איך קען נישט... און עס האָט נישט קיין צוועק אויך... — און זי האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, וועלכער האָט זיי ביידן געמאַטערט, און וועלכן יעדער פון זיי האָט מורא געהאַט פאַרן מויל צו ברענגען: — מיר בלאָנדזשען דאָך... און ווער ווייסט, אויב מיר גייען חלילה נישט צוריק קיין פראַנקרייך?...

משה האָט גיך אָוועקגעלייגט די צוויי וואַליזעס איינע נעבן דער אַנדערער, און האָט געהאָלפן זיין ווייב זיך אויף זיי אַנידערלייגן. און אַז לאהלע איז שוין געלעגן, האָט זיך אים אַרויסגעוויזן, אַז נישט לאהלע אַליין ליגט דאָ, נאָר די גאַנצע ביטערע לאַגע זייערע, אין וועלכער זיי געפונען זיך, ליגט דאָ אויסגעלייגט פאַר זיינע פיס... און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אָנצוהויבן צו טון... ער האָט זיך גענומען ברעכן די פינגער פון די הענט; און דאָס קנאַקן פון די פינגער־גלידער האָט, אין דער פינצטערער לייזדיקייט, אָפּגעקנאַלט ווי ווייטע רעוואָל־ווער־שאָסן... און ער האָט שטיל, אין זיינע געדאַנקען, זיך אַליין פאַר־צווייפלט געפרעגט: „וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען אָן צו טון? מאין יבוא עזרי?"... און ער האָט גלייך זיך אַליין גע־ענטפערט: „עזרי מעם ה' עשה שמים וארץ"!

— מ־שה! — האָט לאהלע, מיט אַ געדעמפטן קול גערופן — משה!...

— נו, וואָס קאָן איך דיר טון? לאהשי... וואָס קאָן איך דיר העלפן?

— האָט אויך שוין משה זיך מער כמעט נישט געהיטן, און געענט־פערט כמעט אויפן קול — נאָר איין גאָט אין הימל קאָן אונדז העלפן...

און דער שוואַרצער פאַס אויף דער נאַסער ערד, אונטער דעם דריבנעם רעגנדל, האָט זיך יעמערלעך און געדעמפט צעוויינט.

לאהלעס געוויין אין דער פינצטערער רעגנדיקער נאכט, אויפן נאסן פעלד, צווישן הימל און ערד, און אונטער דער געפאר פון דייטשע פאטרולן, האט משהן שיעור נישט משוגע געמאכט... טרערן, האט משה בכלל פיינט געהאט; און ווייבערישע טרערן, האט ער גאר נישט גע־קענט פארטראגן... און בפרט נאך איצט, ווען ער האט געפילט די באַרעכטיקטע פארצווייפלונג, פון א פרוי א געווינערין, וועלכע מוז גע־בוירן איר קינד אן עלנטע, ערגעץ אויף א גרענעץ... אויף א נאס פעלד... אין א פינצטערער, קילער הארבסט־נאכט, אן הילף פון א הייבאם. דאס נפש, וועלכעס זי האט ניין חדשים צייט געטראגן אונטער איר הארץ... זייער ביידנס האפענונג אויף א בן־זכר, א קדיש, איבער הונדערט און צוואנציק יאר, דארף גראד געבוירן ווערן אין אזא לאגע, וועלכע איז מסוגל, רחמנא לצלן, דאס ניי־געבוירענע נפש אומצו־ברענגען...

— משה! — האט לאהלע פלוצעם אויסגעשריגן — זאג תהלים, איך בין פארביי !...

און א מוראדיקער, יעמערלעכער געשריי האט אויפגעריסן אין דער פינצטערקייט פון דער נאכט.

משה האט זיך געריסן אין דער פינצטערניש אריין. ער האט גע־שפרייזט צו עטלעכע טריט, הין און צוריק, און אין אלע זייטן; אבער, אומעטום, דער זעלבער חושך, די זעלבע פינצטערע נאכט.

לאהלע שווייגט!... לאהלע וויינט שוין נישט מער... לאהלע שריים שוין נישט מער... וואס איז די מעשה, וואס זי שווייגט?...

— לאהלע! לאהלע! לאהלע!... רעד צו מיר א ווארט!... — האט משה געשריען, און לאהלע האט נישט געענטפערט.

משה האט זיך אראפגעבויגן, האט זיך דערשלאגן צו איר נאסן אויסגעצוואגענעם קאפ האר, וועלכן ער האט גענומען טרייסלען:

— לאהלע! לאהלע!... וואס איז מיט דיר ?...

— אוי... — האט לאהלע ארויסגעקרעכצט.

— ווי פילסטו דו זיך, לאהלע ?

— גוט, — האָט לאהלע געענטפערט מיט אזא טאָן, גלייך ווי זי וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס ער פרעגט זי אזא מאָדנע שאלה...

און גלייך איז זי צו זיך געקומען, זיך דערמאָנט, ווי מען דערמאָנט זיך א חלום :

— משה!... וויי איז מיר!... א קינד!... מען הערט עס גאָרנישט?... עס איז אַוודאי טויט...

— וואָס רעדסטו דו עפּעס, לאהלע?... עס איז דאָך משוגע צו ווערן!...

— יאָ, משה — האָט לאהלע, מיט א האַלדז פארשטיקטע טרערן, געזאָגט — איך מיין, אז דאָס קינד לעבט נישט... וויקל עס איין אין עפּעס.

— וואָס רעדסטו דו?... וואָס רעדסטו דו?... — האָט משה גע־מורמלט — איך האָב דאָך נישט אין וואָס... אפשר דאָך... גיב א קוק... אפשר לעבט עס פאָרט?... וואו האָסטו דו עס?... און וואָס זאָל איך עס איינוויקלען? זאָג !

— אוי, גאָט! איך ווייס אויך נישט... אפשר... אין טלית, אויב דו ביזט מתיר...

— מתיר... מתיר!... — האָט משה געמורמלט גיך — אפשר לעבט עס נאָך?... פּקוח נפש...

— נעם אַרויס דעם טלית פון פּלייצע־זאַק — האָט זי גע־זאָגט — אפשר טאַקע?...

משה האָט זיך מיט ציטערנדיקע הענט געפּאָרעט ביים צעבונדענעם פּלייצע־זאַק. דער רעגן האָט גענומען שטאַרקער גיסן, האָט נאָס געמאַכט די הייליקייטן: די ספר־תורה, די תּפילין... משה האָט איצט נישט גע־טראַכט דערפון... ראַטעווען א נפש איז בילכער... בפרט זיין אייגן בלוט און פלייש... אפשר אַ בן־זכר... א קדיש...

אז משה האָט אַרויסגעשלעפּט פון טלית־זאַק דעם טלית, האָט ער

דערפילט אין זיינע פינגער די הארטקייט פון שופר... פון זיין טאטנס שופר, וועלכן ער האט אין דעם טלית פארוויקלט...

פלוצעם, האט זיך פון דעם שווארצן פאק אויף דער ערד, געהערט א געוויין, שוואך, ווי דאס מיאוקען פון א יונגינקען קעצעלע... און לאה האט זער גיך א געשריי געטון:

— גיכער, אין וואס איינצוואוויקלען, דאס קינד לעבט!...

משה איז פון דעם פלוצעמדיקן געוויין פון דעם ניי־געבוירענעם קינד, און פון לאהלעס אנזאגן די גוטע בשורה, אינגאנצן ווי מבולבל געווארן. ער האט דעם טלית א ווארף ארויף געטון אויף דעם שווארצן פאק, וואס אויף דער ערד, ווי מען ווארפט ארויף א זאך, כדי צו לעשן א שרפה... דער פאק איז דורך דעם ווייסן טלית ליכטיקער געווארן, ער האט זיך גערודערט... און אלץ שטארקער האט זיך געהערט דאס וויינען פון דעם ניי־געבוירענעם קינד.

משה איז געבליבן ווי פארשטיינערט מיטן שופר אין האנט. די פלוצעמדיקע ידיעה, אז דאס קינד לעבט, דאס וויינען פון דעם ניי־געבוירענעם נפש, האט אויף אים אנגעווארפן נאך א גרעסערע שרעק, האט אויף אים ארויפגעווארפן נאך א גרעסערע פאראנטווארטלעכקייט, ווי דאס דערוויסן זיך פריער, אז עס איז געבוירן געווארן א טויט קינד. „עס קאן חלילה אויסגיין... אומקומען... עס איז דאך אויסטערליש, הימלשרייענדיק...“ אלע חושים, אלע אברים זענען ביי אים געוועזן ווי אפגעטויט... אין האלדז האבן אים געשטיקט טרערן, וועלכע ער האט נישט געקענט ארויסוויינען... און אין זיין מויל, כמעט שוין אויף דער שפיץ צונג, איז אים געלעגן א געוואלט־געשריי, וועלכעס ער האט נישט געקענט ארויסשרייען... ער האט זיך געפילט, ווי בעת אין שלאף, ווען עס חלומט זיך א בייזער חלום, מען איז אין סכנה... מען וויל שרייען נאך הילף, און מען קען נישט... ער האט נאר געוואלט בלויז אפזיפצן אביסל די שווערקייט, וואס האט אויפן הארץ געפרעסט... אפאטעמען, נישט מער... און ער האט אליין נישט גע־

וואוסט ווי אזוי, אין די הענט זיינע, מיטן שופר צוזאמענגעדריקט אין זיינע פינגער, האָבן זיך עפּעס אַליין צום מויל דערטראָגן... און פון זיין מויל איז גאָר ארויס אַ מעכטיקע, שאַלנדיקע תּקיעה...

משה האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם קול שופר, און פאַר זיך אַליין... און ער האָט דעם שופר גיך פאַרשטופּט אין בוזעם.

— משה, משה! — האָט לאהלע גערופן — וואָס טוט זיך מיט דיר? ביזט דו חלילה פון זינען אַראָפּ?... מען קען דאָך נאָך חלילה דערהערן!... מיר ווייסן דאָך נאָך נישט וואו מיר זענען... אפשר זענען מיר נאָך חלילה נישט אין דער שווייץ?

— איך בין, ווייזט אויס, טאַקע נישט ביים קלאָרן זינען... גאָט זאָל מיר מוחל זיין... איך האָב נישט געוואָלט... גאָט זאָל מיר מוחל זיין... — האָט זיך משה, מיט אַ האַנט נאַסע פינגער, דעם שטערן גע־ריבן און כסדר געמורמלט — גאָט זאָל מיר מוחל זיין!...

•

צווישן די ביימער האָט עפּעס אַ פינקל געטון... אפשר אַ שטערן אויפן הימל? אפשר אַ גליווערעמל? נאָך איין קליינטשיק פייערל... נאָך גליווערעמלעך... די גליווערעמלעך ווערן גרעסער... זיי דערנענ־טערן זיך... מען הערט שאָרכן... טריט... דייטשן? מיר זענען פאַר־לוירן... נישט דאָ וואָס צו מאַכן... זיך אַליין פאַרראַטן... זיך אַליין אומ־גליקלעך געמאַכט... פאַרפאַלן, פאַרפאַלן... אַלץ איז פאַרלוירן...

— ווער איז דאָרט?... שטייט!... מיר שיסן!... — האָט אַ שטימע געשריגן שטרענג, און דערצו נאָך אויף דייטש.

— פאַרלוירן! — האָט זיך משה אראָפּגעבויגן צום פּאַק אויף דער ערד.

— ראַטעווע זיך! אַנטלויף, משה, ווי גאָט איז דיר ליב... באַהאַלט זיך אין טאָל... אין די קוּשאַקעס... — האָט לאהלע, עפּעס ווי נישט מיט איר שטים געענטפערט.

— היער איזט די שווייץ! — האָט אַ שטימע גערופן.

— געלויבט השם־יתברך! — האָט משה אויסגערופן און אויפן קול האָט ער גענומען שרייען — מיר זענען יידן!... ראַטעוועט!...

און שוין, זענען דריי שאָטנס, מיט העלמען און ביקסן, געוועזן האַרט נעבן זיי. — סיי דאָס דייטש רעדן זייערס, און סיי די פּאָרעם, און די קאָליר פון די אוניפאָרמען זייערע, וועלכע זענען געוועזן באַלויכטן דורך די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס זענען געוועזן אָנגעהאָנגען אויף זייערע ברוסטן, האָבן, אין משהס און אין לאהס הערצער, געוואָרפן דעם שרעקלעכן חשד, אז דאָס זענען דייטשן... ווער ווייסט אויב דאָס זעגען טאַקע באמת שווייצער?... ווער ווייסט?

יעדעס פון די עלעקטרישע לעמפּלעך האָט אָבער געהאַט אויף זיך אַן אויסגעקריצטן בולטן צלם... יעדנפאַלס, נישט קיין האַקנקרייץ... דאָס האָט אביסל באַרואיקט, און געוועקט האָפענונג און צוטרוי.

— וואָס האָט איר דאָ אויף דער ערד? — האָט אַ שטימע געפרעגט.

— מיין פרוי, מיט אַ קינד — האָט משה אַרויסגעשטאַמלט.

— וויפל זענט איר? — האָט ווידער די שטים געפרעגט.

— דריי — האָט משה געענטפערט, און די צאָל „דריי“ האָט אין זיינע אויערן פרעמד געקלונגען.

— ווי אַלט איז דאָס קינד? — האָט אַן אַנדערער פון די זעלנער געוואָלט וויסן.

— גאָר וואָס געבוירן... — האָט משה געענטפערט מיט אַ רחמים־בעטנדיקער שטימע.

— איצט? — האָט דער ערשטער זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט.

— אַט דאָ?!... — האָט זיך אַ צווייטער געחדושט.

— יאָ. — האָט משה ווי אַ פאַרשולדיקטער געענטפערט.

— און די פרוי פילט זיך גוט? — האָט אַן אַנדערער געפרעגט

און די פראַגע האָט כמעט איבערצייגט, אַז דאָס זענען ניט קיין דייטשן.

— יאָ. — האָט לאהלע שוואַך געענטפערט.

— און דאָס קינד? — האָט אַ דריטער געוואָלט וויסן.

— עס לעבט! ... — האָט משה זיך געאײַלט צו ענטפערן.

— דאָס, צום בײַשפּיל, איז אַ געשיכטע! — האָט דער ערשטער געזאָגט, און ווי אַן עלטסטער, האָט ער גלײַך אָנגענומען אַ שטרענגען מיליטעריש־באַפעלערישן טאָן:

— גיך, לויפן טעלעפאָנירן נאָך אַן אַמבולאַנס!... און דערווײַל, ברענגען עטלעכע מענער, מיט אַ טראָג־בעטל!...

איינער איז אַוועקגעלאָפן.

— דאָס האָט איר דאָס אַזוי געטראָמייטערט? — האָט דער, וואָס האָט געגעבן דעם באַפעל זיך פלוצעם דערמאָנט.

— יאָ. — האָט משה געענטפערט ווי אַ פאַרשולדיקטער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדע?!... — האָט דער עלטסטער זיך געבייזערט — איר האָט געהאַט גליק, אַביסל ווייטער, זענען „זיי"...

— זייט מוחל... — האָט משה געשטאַמלט — איך האָב נישט געוואָלט... איר פאַרשטייט... מײַן פרוי איז געגאַנגען צו קינד... איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. פאַר שרעק... זייט מוחל...

— מיט וואָס האָט איר עס אַזוי געבלאָזן? אוואו האָט איר דעם סאַקסאָפאָן אייערן?

— אָט איז ער — האָט משה אַפּיטגעשלעפּט פון אונטערן בוזעם דעם שופר.

— אַ האָרן? — האָט זיך דער עלטסטער געוואונדערט, און אַלע האָבן זיך צוגעבויגן.

— אַ שופר, מײַן הער. — האָט משה פאַררעכט — איך בין רבנער בינער, הער אָפיציר.

— אזוי? — האָט דער עלטסטער דרך־ארץ געקריגן, און אים דעם שופר צוריקגעגעבן.

●

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום, האָבן עטלעכע זעלנער געבראַכט אַ טראָג־בעטל, זיי האָבן פּאַרזיכטיק אַרויפגעלייגט די געווינערן מיט איר קינד. יעדער פון די זעלנער האָט עפּעס גענומען: ווער אַ וואַליזע, ווער דעם פּלייצע־זאַק, משה אַליין, איז געפאַלן פון די כוחות, און צוויי זעלנער האָבן אים גענומען אונטער די אָרעמס.

אין דער פינצטערער נאַכט האָט איבערן נאַסן פעלד געצויגן אַ פּראָצעסיע: אויף אַ טראָג־בעטל, איבערגעדעקט מיט שינעלן, האָט מען געטראָגן די געווינערן מיט איר ניי־געבוירן קינד. הינטער דעם טראָג־בעטל, האָבן צוויי זעלנער געפירט, אונטער די אָרעמס, משה ראַבינאָוויטש, און אַן אָפּטיילונג פון אַ צענדליגג זעלנער, מיט העלמען, ביקסן און עלעקטרישע לעמפּלעך, האָבן באַגלייט און באַלויכטן דעם וועג..

# בעלטראַמי שטאַרבט

בעלטראַמי האַלט ביים שטאַרבן. עס איז שרעקלעך צו זען דעם סוף פון אַ מענטשן: ער ליגט היינט אַ גאַנצן טאָג פאַרטראָגן און אָטעמט שווער. אַז איך דריי זיך אויס מיטן פּנים צו אים, פיל איך זיין גסיסה־אָטעם אויף מיר . . .

עס איז שרעקלעך צו פילן דעם לעצטן אָטעם פון אַ גוסס אויף דיין פּנים: דו האָסט דעם איינדרוק, ווי דער אָטעם פון דעם גוסס וואָלט געזוכט אַ מקום־מקלט אין דיין לעבעדיקן גוף . . . דו האָסט דעם איינדרוק, ווי דער אָטעם, וועלכער לויפט אַרויס דורך די נאָזלעכער פון דעם שטאַרבנדיקן, קלאַפּט ביי דיר אָן, וויל זיך ראַטעווען, וויל אין דיר אַריין, וויל נאָך לעבן . . .

בעלטראַמיס פּנים איז געל, געפּעלבלט. די געלקייט שלאָגט אַדורך דורך דער גרויער אָנגעוואַקסענער באָרד זיינער. ער האָט שוין זינט עטלעכע טעג קיין כוח נישט זיך אָפּצוגאָלן. דער שפּיטאָל־פעלדשער, אין זיין ווייסן כאַלאַט, מיט די עלעקטרישע שער־מכשירים, דער וואָס שערט און גאָלט אַלע קראַנקע אין זייערע בעטן, און אַלע געשטאָרבענע אין טויטן־שטיבל, איז צו אים צוגעקומען:

— איר זענט מיסיע בעלטראַמי?

בעלטראַמי האָט שוואַך באַוועגט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און דער פעלדשער האָט שוין געפּאַכעט פאַר זיין פּנים מיט אַ ווייכער סערוועט:

— מען וועט אייך אָפּגאָלן.

בעלטראַמי האָט מיט די לעצטע כוחות געבעטן:

—לאָזט מיך צורו! . . .

— סאַ נ׳וואַ פּאַ? — פרעגט אַ פאַרוואונדערטער דער פעלדשער. בעלטראַמי ענטפערט נישט . . . שוועסטער מאַרי מאַכט צום פעלדשער

א דיסקרעטן צייכן, אז ער זאָל אים לאָזן צורו, און דער פעלדשער פּאַקט צוריק איין די מכשירים :

— נו, וועט עס זיין אויף אַן אַנדערש מאָל . . .

— דו האָסט רעכט רופט זיך אָן וואַשעראַן דער קאַפּע־קעלנער, דער וואָס ליגט שוין דאָ פיר חדשים אויף אַ שווערער האַרץ־קראַנקייט. — ווי די מעשה זאָל נאָר נישט זיין, וועט ער אַלץ זיין דיינער אַ קליענט . . .

דו... היינט אַ גאַנצן טאָג בעט בעלטראַמי מיט זיינע ציטערנדיקע בלאַסע ליפּן און מיט זיינע גלעזערנע פאַרטערטע אויגן, אַז מען זאָל אים לאָזן צורו . . . אָבער שוין זייגער האַלב זיבן פאַרטאָג, ווען אַלע קראַנקע, וועלכע קענען נאָר אַראָפּגיין פון זייערע בעטן, האָבן זיך גע־וואַשן ביים קראַן, בעת וועלכן זיי האָבן זיך געסודעט וועגן דעם, אַז דער גומער דרייצן „פּאַקט זיך אין וועג" . . . איז שוין אַרויפגעקומען אַ שוועסטער מיט אַ טעצל מכשירים אין דער האַנט, צו צאַפּן פון בעלט־ראַמין עטלעכע ביסלעך בלוט . . .

די וויסנשאַפט איז בלוטדורשטיק... זי פאָדערט אַ סך בלוט... זינט די דריי וואָכן, וואָס איך בין דאָ, זע איך זי דאָ יעדן טאָג — די וויסנשאַפט — וועלכע קומט דאָ אַרויף צאַפּן פון דעם אָרעמען שוסטער בעלטראַמי בלוט . . .

אַמאָל איז זי — די וויסנשאַפט, — פאַרקלײדט אין אַ ברונעטן באַ־ברילטן יונגעמאַן, אָנגעטון אין אַ בלענדנדיקן ווייסן כאַלאַט.

— באָן זשור, מ׳סיע בעלטראַמי ! — זאָגט די וויסנשאַפט. סאַ וואַ ? . . .

דער אָרעמער בעלטראַמי, אַז ער דערזעט אים, וואָלט ער זיך געוואָלט וועלן קענען דעם מאַן מיטן ווייסן כאַלאַט, וועלכער ברענגט אים צו־טראָגן דאָס טעצל מיט מכשירים, מיט אַזאַ מין פּראָפעסיאָנעלער גלייכ־גילטיקייט, פּונקט ווי אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן טראָגט אונטער זיין קליענט דעם באַשטעלטן פרישטיק . . . ער וואָלט מיט די לעצטע כוחות געוואָלט מאָנען ביי אים גערעכטיקייט, צו אים אויסשרייען :

היתכן ? לא די, איך קען מיר נישט העלפן, טאָ צו וואָס צאַפּט איר נאָך פון מיר דאָס לעצטע ביסל כוחות ? . . .

אָבער דער אָרעמער בעלטראַמי האָט שוין מער קיין כוח צו רעדן, און ער האָט שוין אויך מער נישט קיין מוט, קיין קוראַזש צו הערן . . . ער איז נישט מער ווי אַן אָרעמער שוסטער, און מיטן מאַן אין ווייסן כאַלאַט מוז מען זיין פריינדלעך, ער איז אַ געלערנטער מענטש, אַ דאָקטאָר, דאַרף מען ווייסן ווי מיט אַזאַ מענטש צו רעדן... שטרענגט זיך דאָס געלע געפעלבטע פנים אָן, אַ פּאָר גלעזערנע פאַר־טרערטע אויגן עפענען זיך אויף, ער אָטעמט שווער אָפּ דורך די פאַר־ברענטע בלאַסע ליפּן און דרייט מיט דעם קאָפּ אויף ניין . . . אַז עס גייט אים נישט גוט . . . און מיט די לעצטע כוחות ציט ער אָפּער אַ ציטערנדיקע געלע, אָדערדיקע האַנט, וועלכע ער לאָזט אָנמעכטיק פאַלן אויף דער קאָלדרע . . .

דער מאַן אין ווייסן כאַלאַט זאָגט מעכאַניש :

— אָרעמער בעלטראַמי ! . . .

און ער קניפּט אים צו דעם שלאַבעדיקן געלן האַנט־מוסקול מיט אַ רויטער קיילעכדיקער גומע, שטעכט אריין די נאָדל, שמעלט אונטער איין פלעשעלע נאָכן אַנדערן, און פון דעם געלעכערטן אָדער, פון דער געלער אויסגעדאַרטער האַנט, רינט אין די פלעשעלעך אריין וואַרעם רויט בלוט . . .

די ווייסשאַפט אין ווייסן כאַלאַט דאַנקט , און גייט, מיט דער טאַץ, אויף וועלכער עס געפונען זיך די דריי אָנגעפילטע רערלעך מיט בלוט — ארויס. און בעת אונטן, אין די לאַבאָראַטאָריעס, ציילט מען דעם אָרעמען שוסטער בעלטראַמיס מיליאָנען רויטע און ווייסע קיי־קעלעך, קלאָגט זיך דאָ דער פאַרמאַטערטער שוסטער בעלטראַמי פאַר זיין ווייב, וואָס קומט צו אים אויף אַ וויזיט :

— מען צאַפּט פון מיר דאָס גאַנצע ביסל בלוט אויס ! . . .

און זי, זיין ווייב, אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט אַ פּאָר אָפּגעהאָרעוועטע הענט,

זי, וועלכע ארבעט ערגעץ אין א האטעל אלס וועשין און קאן זיך קוים אפרייסן איינמאל אין וואך צו קומען זען איר מאן, זי מוטיקט אים :

— קוראזש פיער, קוראזש ! . . .

א טאכטער קומט, שטעלט זי זיך אוועק אויף דער אנדערער זייט פון קראנקענס בעט. מיט דער מאדאם בעלטראמי באגריסט זי זיך פרעמד :

— באן זשור, מאדאם !

זי דערלאנגט איר נישט די האנט, דעם טאטן — אויך נישט . . . אים פרעגט זי בלויז :

— וואס מאכסטו ?

— נישט זער גוט — ענטפערט דער טאטע און קוקט מיט ליבע אויף זיין טאכטער, און מיר זעט אויס, אז דער קראנקער וויל עפעס זאגן זיין טאכטער, נאר די פון אקעגנאיבער, די וועלכע רופט זיך „מאדאם בעלטראמי" — איז א שטערונג . . .

דער שטערבלעך־קראנקער בעלטראמי איז, אין געציילטע טעג, וואס בלייבן אים נאך איבער צו לעבן, פיל נענטער צו זיין טאכטער ווי צו זיין ווייב . . . ער זאגט צו איר מיט ציטערנדיקע ליפן און מיט א בעטנדיקן בליק :

— נעם, טאכטער, א בענקל, און זעץ זיך.

די טאכטער, נעמט נישט קיין בענקל, און זעצט זיך נישט . . . זי שטייט אביסל, רעדט צו אים א פאר ווערטער, לייגט אוועק אויף זיין נאכט־שענקעלע א פאפירן בייטעלע מיט פרוכטן, א פעקעלע סוכארעס און אן א קוש צו טון דעם טאטן, אן צו דערלאנגען די האנט דער מאדאם בעלטראמי, גייט זי אוועק מיט א מינע פון איינער, וואס האט אויף עפעס געוואַרט און זיך נישט געקענט דערוואַרטן . . .

ווער קאן וויסן, וואס אזוינס עס צעטיילט אט די אָרעמע מענטשן ? וועלכער קליינלעכער עגאָאיזם עס האט זיך געשטעלט צווישן טאטן און טאכטער ? . . .

קאן זי אפשר נישט מוחל זיין דאס, וואס ער האט פארטוישט איר

פארשטארבענע מוטער אויף אט דער וועשין ? . . . ווער ווייסט ? . . . די וויזיט־שעה איז געענדיקט. די וויסנשאפט איז ווידער דא . . . דאס מאל, טראגט די וויסנשאפט א טונקל־בלוי קלייד מיט ווייסע שפרענקעלעך. אויף איר בלאנדן געקרעפטן קאפ טראגט זי א ווייסע אנגעקראכמאליעטע הויב. א קליין פעלערינקעלע פונעם זעלבן שטאף ווי דאס קלייד, הענגט איבער אירע רונדע אקסלען, און גלעקלט זיך איבער אירע ראזע נאקעטע ארעמס.

זי גייט גלייך און שטייף, ווי א מאריאנעטע — די שוועסטער מארט און אירע דריבנע ווייסע ציינדעלעך שמייכלען :

— באן זשור, מ׳סיע בעלטראמי . . . נישט מער ווי א שטאך .

— באן זשור, שוועסטער ענטפערט בעלטראמי מיט א שוואכער שטימע און דערלאנגט איר דעם שלאבעריקן שוואכן ארעם . . .

אז שוועסטער מארט גייט ארוים פונעם זאל, לענגאוים צווישן די צוויי רייען בעטן, גריסט זי אויף רעכטס און לינקס צו די קראנקע און שמייכלט מיט אירע דריבנע ווייסע ציינדעלעך. און איר גאנצער געשטעל, איר גאנצער גאנג, מיטן טעצל מיט די דריי אנגעפילטע רערלעך בלוט — איז אזוי שטאלץ, אזוי גראציעז, ווי דער אפגאנג פון א דערפאלגרייכער אקטריסע פון דער בינע אונטער הילכיקע אפלאדיסמענטן פון גאנצן זאל . . . דו האסט דעם איינדרוק, אז אט וועט זי זיך באווייזן אויף בים, וועט ווידער צאפן בלוט פון דעם ארעמען בעלטראמי, און וועט ווידער אפגיין, נאך גראציעזער און נאך זיגרייכער, ווי אונטער א שטורעם פון נאך שטארקערע אפלאדיסמענטן . . . דער פארצווייפלטער בעלטראמי גלאצט צו מיר מיט זיינע פארטרערטע אויגן און מיט אן אפגעהאקטן אטעם זאגט ער צו מיר :

— זיי לאזן מיך נישט צורו . . .

**דו** . . . דאס איז אלץ, וואס דער ארעמער שווער־קראנקער מענטש בעט . . . ער ווייסט, אז ער איז אומהיילבאר . . . אז זיין לעבן ענדיקט זיך מיט זיין צוויי־און־זעכציקסטן לעבנס־יאר . . . ער ווייסט, אז

ער וועט שוין דאָסמאָל פון שפּיטאָל אַ לעבעדיקער נישט אַרויס . . . ער האָט דאָס גלייך געוואוסט, גלייך ווי מען האָט אים נאָר דאָ אַהער־געבראַכט, און מען האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט נומער דרייצן . . . דער נומער דרייצן האָט אים שטענדיק געבראַכט אומגליק . . . ער האָט דאָס אַפילו דעמאָלט געזאָגט צו שוועסטער מאַרגעריט. אָבער יענע האָט געלאַכט, און אים אָפּגעווענדט מיט דעם אַרגומענט, אַז טאַקע גראָד היינט, איז פון אָט דעם בעט נומער דרייצן אַהיימגעגאַנגען אַ געהיילטער . . .

קעגן אַזאַ מין אַרגומענט, האָט שוין בעלטראַמי, וואָס איז סיי ווי נישט קיין גרויסער בעל־לשון, גאָרנישט געהאַט קיין ווערטער אָפּצוּאַ־ווענדן . . . אָבער ער האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין מיט אַ שווער האַרץ, און מיט דעם טרויעריקן געפיל, אַז ער וועט שוין פונדאַנען מער נישט אַרויסגיין . . . און טאַקע דעם ערשטן זונטאָג, ווען זיין ווייב איז אים געקומען דאָס ערשטע מאָל באַזוכן, זענען די ערשטע ווער־טער זיינע צו איר געווען: „זיי האָבן מיך געלייגט אין בעט נומער דרייצן“ . . .

— ווען איך וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט האָט ער דעמאָלט צו מיר געזאָגט — וואָלט איך צוריק אַהיימגעגאַנגען . . . איך וואָלט בעסער געוואָלט שטאַרבן אויף מיין אייגן בעט . . . דאָ איז שלעכט צו שטאַרבן . . . מען צעשניידט דיך אויף שטיקער, מען נעמט פון דיר אַרויס דאָס האַרץ, די לעבער, דעם מאָגן און די קישקעס, און מען לערנט דערמיט די סטודענטן . . . דערנאָך, לייגט מען דאָס אַלץ צוריק אַריין אין בויך ווי אין אַ זאַק אַריין, און מען נייט צוריק צו . . . און האָסט דו משפּחה, וועלכע זאָלן דיר איינאָרדענען אַ לייטישע, מענטש־לעכע לוויה, באַגראָבט מען דיך ווי אַ מענטש, טאָמער האָסט דו נישט קיינעם, באַגראָבט מען דיך ווי אַ הונט . . .

אַז איך האָב אים געפּרוּאווט טרייסטן, אים זאָגן, מען טאָר נישט פאַרצווייפלען, ער וועט זיכער געזונט ווערן ; אים געזאָגט, אַז אויך

איך לייד אויפן הארץ, און דאך האב איך, אז איך וועל געזונט ווערן... האט ער מיר געענטפערט: אז עס איז זער שיין פון מיין זייט אים אזוי צו טרייסטן, אבער ער ווייסט שוין גוט... און ער האט מיר אנגעוויזן אויף דעם עמאאילירטן נומער דרייצן, וואס איז געהאנגען איבער זיין בעט צוקאפנס...

איך האב יענעם אונט א רגע געטראכט, פארלייגן דער שוועסטער מארגעריט, אז זי זאל אונדז טוישן די בעטן... איר זאגן א ליגן: אז מיר ברענגט די צאל דרייצן מזל און ברכה, בעת ער, איז פאקערט גאר, זיכער, אז די צאל דרייצן ברענגט אים אומגליק... אבער איך האב נישט געהאט דעם קוראזש צו פארלאנגען פון די שווייצערישע שוועסטערן, וועלכע טוען אלץ מיט אזא מוסטערהאפטער פלאנמעסיקייט, צו מאכן אזא מין קאלאסאלע רעוואלוציע, ווי איבערצולייגן בעלטראמין אין בעט נומער פערצן, און מיך אין בעט נומער דרייצן... און ווער קאן וויסן? ... אפשר האט דאס מיר אויך נישט דערלויבט מיין אייגענער עגאאיזם און מיין אייגענער אבערגלויבן, וואס רוט דארט ערגעץ טיף אין מיין אייגענעם אונטערבאוואוסטזיין? ... ווער קאן עס וויסן? ...

●

דער ראדיא־אפאראט צאלט פאר די צוואנציק סאנטים, וואס מען האט אין אים ארייננגעלייגט, מיט דזשאז, מיט סווינג. א סאקסאפאן וויינט אוים זיין מעשן געוויין... וואס וויינט ער? וואס קלאגט ער דאס אזוי, דער סאקסאפאן? ... ווער קאן וויסן וואס פארא ליידן עס וויינט דארט אריין, אין לאנדאן צי אין ניו־יארק, אן אומגליקלעכער נעגער אין זיין סאקסאפאן? ווער קאן וויסן? ...

אינדרויסן איז: שווייץ, זשענעווע, פעלקער־בונד־געביידע... מהנות ווייסע הונגעריקע מעוועס באלאגערן די שפיטאל־פענצטער, קלאפן מיט די שנאבלען אין די שויבן, בעטלען שטיקלעך ברויט ביי די קראנקע.

די בערג אַרום זשענעווע זענען באַשיט מיט שניי. אויבן, איז דער שניי ווייס. די זון שיינט און בלענדט איבער דעם שניי. עס זעט אויס, ווי מען וואָלט טויזנטער ווייסע לײַלעכער אויסגעשפּרייט אויף די שפּיצן בערג צום טרוקענען... נידעריקער איז דער שניי גרוי און די טויזנטער ביימלעך זענען אויס ווי סטאַדעס שעפּסן וואָלטן אַרויף אויף די בערג געקלעטערט . . .

בעטעקס, דער לינאָטיפּיסט, וואָס אַרבעט שוין זינט צוואַנציק יאָר אין „זשורנאַל דע זשענעוו“ און וועגן וועלכן וואַשעראָן, דער קאַפּע־קעלנער, ווײַצלט זיך, אַז ער האָט שוין אין זיין קערפּער אַזויפיל בליי אָנגעקליבן, אַז ער וואָלט שוין געקענט זיך מאַכן אַן אייגענעם „זשורנאַל דע זשענעוו“ . . . ער גייט אַרום איבערן זאַל, אָנגעטון אין זיין פּריצעשן שלאָפראָק, שאַרנדיק מיט די פּיס: „שאַט! דער בעל־הבית זיינער, רענע פּאַיאָ גייט רעדן! . . . רענע פּאַיאָ, דער שעף־רעדאַקטאָר פון „זשורנאַל דע זשענעוו“ וועט געבן זיין וועכנטליכן פּרעסע־איבערבליק! . . . שאַט! רענע פּאַיאָ רעדט! . . .

פּאַר אונדז פּליטים, טייטשט ער מיט גרויס דרך־ארץ אויס ווער רענע פּאַיאָ איז. מיט פיל שטאָלץ אויף זיין בעל־הבית זאָגט ער:

— זיינע רעדעס אין ראַדיאָ ווערן ציטירט און קאָמענטירט אין צייטונגען אין דער גאַנצער וועלט . . .

ער איז פונדעסטוועגן איבערראַשט זיך צו דערוויסן, אַז ער אַנטדעקט דאָ נישט פאַר אונדז קיין נייעס, אַז מיר האָבן אַפילו אין פראַנקרייך, אונטער דעם גרעסטן טעראָר פון די דייטשן, און אַפילו אין די באַהעלטענישן, געהערט יעדן פרייטאָג רענע פּאַיאָן . . .

אָבער דאָ, האָט פאַר אונדז רענע פּאַיאָ נישט דעם זעלבן רייץ, וואָס דאָרט: דאָרט האָט עס געשמעקט מיט שווייץ . . . מיט נייטראַליטעט... און עס האָט פאַר אונדז געהאַט דעם רייץ פון פאַרוואָרטקייט, פון קאָנספּיראַציע און פון מסירת־נפש... בעת דאָ איז עס בלויז אַ פראַגע פון פּופּצן סאַנטים . . .

דער ראַדיאָ ברענגט די לעצטע נייעס: אויף די פראָנטן שטאַרבן טעגלעך הונדערטער, טויזנטער מענטשן, דורך מאָדערנע, אולטראַ־מאָדערנע טויטן . . . דער טויט פליט אַן פון די הימלען, קומט אָנצולויפן פון די האָריזאָנטן און טויכט אויף פון די טיפענישן פון די ימען.

די קריגס-פירנדיקע צדדים „אַנטדעקן" איינער ביים אַנדערן, נאָכן צוריק „באַפרייען" שטעט און דערפער — מאַסן-קברים פון ציווילע מענטשן; און די ספּיקערס שטעלן זיך אָוועק ביי די מיקראָפאָנען, ביי וועלכע זייערע דיקטאַטאָרן האָבן זיי באַפוילן זיך אַוועקצושטעלן, און זיי שילדערן אָפּ אין די טרויעריקסטע פאַרבן, די צענדליקער-טויזנטער דערמאָרדעטע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע ער זעט טאַקע איצט אַזוי שטייענדיק ביי די אויפגעגראָבענע מאַסן־קבר ים, וואָס זיין אַרמיע האָט „אַנטדעקט".

און די צייטונגען צעטראָגן די שרעקלעכע ידיעות איבער דער גאַנצער וועלט און אין אַלע שפּראַכן... די שווייצערישע צייטונגען ברענגען די ידיעות מיט פעטער שריפט, און באַלד אונטער דעם, דערמאָנט מען אין אַ קליינער נאָטיץ, אַז די שווייץ האָט אַריינגעלאָזן צענדליקער טויזנטער פּליטים, אַז עס גייט צו ווינטער, אַז מען דאַרף געלט... און דער אויספיר איז: מען זאָל נישט פאַרגעסן צו שענקען עפּעס פאַר די „אָרעמע פּליכטלינגע"...

און פיל פון אָט די „פּליכטלינגע" ליגן דאָ אין דעם שפּיטאָל, פינף זענען מיר אין דעם שפּיטאָל־זאַל:

איינעם, אַ יידישן שניידער פון פּאַריזער „פּלעצל", כמעט אַ בן־שבעים, האָט מען דאָ אַ נאָמען געגעבן „נעגוס"... און אָט דער „נעגוס", איז דאָס דאָ, אין דעם שפּיטאָל־זאַל, דער ספּעצימען, דער מוסטער פון די „פּאָלאָנעע"... לויט אים אורטיילט מען דאָ דאָס פּוילישע פאָלק. די פּליטים, די יידן... פאַרפעלט אַמאָל דער „נעגוס" זיך די הענט צו וואַשן פאַר אַן עסן, זענען אַלע „פּליכטלינגע" שמוציקע, מען דאַרף זיי נישט לאָזן אָנרירן דאָס לעבל ברויט, נאָר אַ שווייצער מוז דאָס ברויט צעשניידן...

צום נאָענטסטן מאָלצייט וואַשט ער זיך דאָך שוין יאָ, און אַלע אַנדערע פּליטים היטן זיך שוין טאַקע אויך, אַז זיי זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן זיך די הענט צו וואַשן, הייסט עס ווידער: „די „פּליכטלינגע" פאַרכאַפּן דעם קראַן און מען קען גאָרנישט צוקומען די הענט זיך צו וואַשן...

דאָס אָרעמע געבעכדיקע מענטשל, דאָס „נעגוסל", קען כמעט נישט קיין פראַנצויזיש, כאָטש ער וואוינט שוין זינט אַ פערטל יאָרהונדערט אין פאַריז, האָט קינדער פראַנצויזן, און צוויי זין זיינע זענען אפילו פראַנצויזישע קריגס-געפאַנגענע אין דייטשלאַנד...

מיט דריבנע טריטעלעך שלייכט ער אַרום איבערן שפּיטאָל-זאַל און מיט פיל שטאָלץ ווייזט ער אַלע קראַנקע אַ פאָטאָגראַפיע פון זיינע זין, פראַנצויזישע זעלנער:

— איך וואָלט אייך שוין געוואונטשן מיט זיי צו רעדן — זאָגט ער צו די שווייצער אויף פּראָסט מאַמע-לשון, און עס מאַכט אים גאָר־נישט אויס, וואָס זיי פאַרשטייען אים נישט.

און די שווייצער וואונדערן זיך: ווי אַזוי האָט עס עפּעס אַזאַ מענטש געקענט קומען אַזש פון פאַריז אין דער שווייץ?... ווי אַזוי האָט ער דאָס געוואוסט דעם וועג, וואו אַריבערצוגיין די גרענעץ, אַז ער איז גאָר נאָך קיינמאָל אין דער שווייץ נישט געווען?

— ער האָט מסתמא געפרעגט דעם וועג — פּרוּווט אימיצער צו פאַרענטפערן...

— ווי אַזוי האָט ער געפרעגט, אַז ער קען גאָרנישט רעדן? — ענטפערט אַן אַנדערער מיט אַ פראַגע.

און זיי, די שווייצער, וואונדערן זיך בכלל, ווי אַזוי קען מען עפּעס לעבן אין פאַריז פינף און צוואַנציק יאָר און נישט קענען זיך אויס־לערנען רעדן פראַנצויזיש? . . . וואָס וואָלטן נאָך די זעלבע מענטשן געזאָגט, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, אַז כאָטש ער איז אין פּוילן גע־בוירן, קען ער פונדעסטוועגן פּונקט אַזוי ווייניק פּויליש ווי פראַנ־

צווזיש ? און, אז אפילו זיין יידיש לאזט אויך נאך איבער פיל, פיל צום ווּאונטשן ?

אט דאס ארעמע מענטשל, מיט די דריבנע, צופיל דריבנע פאלטשע ציינדלעך, מיט דעם קעפל שווארצע, כמעט פעך־שווארצע האר געקעמט אין א שרונט, מיט דעם קליינעם שווארצן בערדל, מיט זיין איינגע־שרומפנקייט, מיט זיין אויסגעדארטקייט, זעט גיכער אויס ווי א קראנקער סוכאטנער בחור, איידער אויף א מאן נאענט פון די זיבעציק... דאס גיט פיל שטאף די שווייצערישע קראנקע צום ארייננקלערן, צום נאכרעכענען און צו פרואוון טרעפן זיין עלטער... זיי קענען באין־אופן נישט גלויבן, אז ער זאל שוין אלט זיין ניין און זעבציק יאר... און זיי ווייסן שוין צו דערציילן וועגן „פאלאנעע", וועלכע קומען דא אריין אין דער שווייץ מיט פאלטשע פאפירן און נארן אפ די נאאיווע שווייצערישע פאליציי...

וואשעראן, דער קאפע־קעלנער, טייטשט אויס:

— יונגע לייט לאזט מען דאך נישט אריין, נו, מאכט מען זיך אלט...

— געננוי אזוי ווי אין שפיטאל עסט מען דאך בעסער ווי אין די לאגערן, נו, מאכט מען זיך קראנק, און מען נארט אפ די שווייצע־רישע דאקטוירים, מען פארנעמט שפיטאל־בעטן, וועלכע פעלן שפעטער אויס פאר די שווייצערישע קראנקע, און מען עסט אויף די ראציאָנעס עסן, וועלכע עס דארפן עסן די שווייצער — זאגט מאראקס, דער, וועלכער בארימט זיך, אז ער איז אן „עכטער זשענעווער", דער, וואס קרענקט אויף א פוס און לעבט שוין אזוי שיינע עטלעכע יאר אויפן חשבון פון דער מלוכה, אין די אזילן און שפיטאלן. ער פארענדיקט מיט א מאך אוועק מיט דער האנט, ווי ער וואלט א פליג אוועקגעיאגט:

— ביי מיר איז דאס נישט קיין נייעס, אין אלע מלחמות מוזן די ארעמע שווייצער זיין די קרבנות, און אויסהאלטן „פליכטלינגע"...

און ער הויבט אוועק צו זיין בעט, ווארפנדיק פאראכטנדיקע בליקן צו די עטלעכע קראנקע פליטים...

אין בעט נומער זיבן, ליגט א באקאנטן פראנצויזישן ראבינערס א ברודער, א נאטוראליזירטער פראנצויז. ביי זיין זייט, אינעם בעט נומער אכט, ליגט א יונגער שווייצערישער פויער, וועלכער האט פאר דער מלחמה געארבעט אין פראנקרייך, און האלט זיך שוין דעריבער אויך פאר א שטיק „פראנצויז"... ביידע „פראנצויזן", האבן זיך גאר גיך באפריינדעט. דען, חוץ דעם, וואס זיי ביידע האבן געקענט רעדן וועגן פראנקרייך, האבן זיי נאך אויך געקענט שמועסן פראפעסיאנעל, דען זיי זענען ביידע געוועזן פון דער זעלבער בראנזשע, פון דער טראנספארט-בראנזשע. און כאטש דער ייד איז א געוועזענער בעל-הבית, אן אונטערנעמער, און ער, דער שווייצער, איז נישט מער ווי אן אנגעשטעלטער, א פשוטער טרעגער, ווי איינער פון דעם צענדלינג טרעגער, וואס האבן ביי אים געארבעט, און פון וועלכע ער פלעגט זיך האלטן מיט א געוויסער דיסטאנץ, איז אבער דאדורך, וואס דער איז א שווייצער, דעם ראבינערס ברודער ליבער געוועזן מיט אים צו שמועסן, ווי מיט די „פוילישע יידן", וועלכע ווילן זיך באין־אופן נישט אסימילירן, און רעדן אפילו דא, אין דעם שווייצערישן שפיטאל אויך יידיש...

האבן טאקע די צוויי „פראנצויזן" א גאנצן טאג גערעדט וועגן עקספעדיציע דורך באן, און דורך וועג... וועגן צוזאמענשטויסן פון זייערע לאסט־אויטאמאבילן און דער עיקר האבן זיי זער פיל גערעדט וועגן די פארשידענע שענקען און קנייפעס, אין וועלכע זיי פלעגן זיך פארהאלטן אויף די וועגן פון פראנקרייך, ווי אזוי און וואס מען פלעגט דארט עסן... און דער ייד, דעם פראנצויזישן ראבינערס ברודער, האט אין ענין אכילה ארויסגעוויזן גאר גרויסע בקיאות...

ער האט זיך מיט אים פארברודערט, געטיילט זיך מיט אים מיטן ביסן. אבער אט איז פלוצעם אנגעקומען זיין ברודער — דער ראבי־

נער, אים צו באזוכן, האָט זיך דער שווייצער „פראַנצויז" פּלוצעם ארומגעזעצן, אז זיין פריינד, דער „פּראַנצויז" — איז גאָר א ייד... האָט אים די דאָזיקע אַנטוישונג זער שטאַרק אויפגערעגט און די גאַנצע צייט פון דער וויזיט־שעה האָט דער שווייצער געקוקט בייז אויף דעם ייד מיט דער באָרד... און נאָך זיין אוועקגיין, האָט ער זיך אויסגע־דריקט מיט שנאה קעגן יידן, און ער האָט באַליידיקט זיין פריינד מיט דער ערגסטער באַליידיקונג, וועלכע ער האָט נאָר פאַר אים געקענט אויסטראַכטן:

— אזוי?... ביזט דו, הייסט עס, אויך א יופען?!...

און וואַשעראַן, דער קאַפּע־קעלנער און מאַראַקס דער „עבטער זשע־נעווער" האָבן דעם נייעם יידן־שונא געמוטיקט פון זייערע בעטן:

— און נישט אבי ווער — האָט וואַשעראַן געזאָגט מיט א פייף — א ראַבינער!...

— איך האָב דאָך אייך היינט געזאָגט: זיי, אַלע פיר, זענען יופּענס — האָט מאַראַקס טריומפירט...

דעם ראַבינערס ברודער איז געווען זער געקרענקט. ער וואָלט זיי זער געוואָלט ענטפערן, אָבער ער האָט נישט געוואַגט... זיי זענען שווייצער... שיצט ער זיך הינטער זיין מאָגן־געשוויר... לייגט זיך צו צום בויך דעם הייסן גומענעם פענכער... און ער באַגנוגנט זיך בלויז מיט דעם, וואָס ער דרייט זיך אָפּ פון זיין „פריינד":

יענער טשעפּעט זיך אָבער:

— די יופענס, דאָס איז היינט נישט קיין טייער אַרטיקל...

— אויב אייך געפעלן נישט קיין יידן, קענט איר מיך צורו לאָזן — האָט דעם ראַבינערס ברודער פּלוצעם גענומען אירצן זיין פריינד און פּאַך־קאַלעגע, וועמען ער האָט נאָך ביז מיט א שעה צוריק מעשה גומער ברודער געדוצט... ער איז נישט אויפגעשטאַנען צו דער קאַווע. וואָס מען האָט, ווי יעדן טאָג, נאָך די וויזיטן סערווירט.

די שוועסטער מאַרי, פּאַרטייליגדיק די טערמאָמעטערס צווישן די

קראנקע, האָט דערוויייל אַלץ געהערט, אָבער זי האָט זיך געמאַכט גלייך ווי זי ווייסט פון גאָרנישט און האָט זיך געוואונדערט:

— וואָס איז? מ'סיע זשאַק שטייט נישט אויף צו קאַווע?!...

— עס האָט מיך גראַד, שוועסטער, גענומען איצט אַ קריזיס — האָט זשאַק געענטפערט.

יענע נאַכט איז זשאַק אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן... ער איז אַלע ווײַלע אויפגעשטאַנען, זיך אַרויסגעשלײַכט אין קאָרידאָר און געוואָרט צו די אַנדערע קראַנקע, וועלכע קענען נישט שלאָפן... אינדערפרי האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי אַן איבעריקער... ער האָט נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טון... און ענד־לעך האָט ער מיך „אַנטדעקט"... און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. דאָס מאָל איז ער שוין געווען ווייכער, נאָכגיביקער און ער האָט שוין מער נישט אַזוי שטאַרק פאַרטיידיקט די נויטווענדיקייט פון אַסימי־לאַציע...

●

אין בעט נומער עלף ליגט אַ האָלענדישער יידישער אַכצן יאָריקער בחור. וואָכן־לאַנג האָט זיך דער בחור געשלעפּט מיט באַנען און צו פוס איבער גרענעצן, איבער פעלדער און וועלדער, ביז ער האָט זיך דערשלעפּט דאָ אין דער שווייץ... ער ליידט אויף אַ שווערער אַסטמע, וועלכע שטיקט אים און ווערגט אים כמעט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. זיין שפּיציקער קאָפּ איז אים טיף איינגעגראָבן אין די הויכע שמאָלע אַקסלען. די שוואַרצע אויגן זיינע זענען אָן שום גלאַנץ, אויסגעלאָשן ווי ביי אַ זקן און זענען טיף אַריינגעגראָבן אין זיין שטערן. זיינע ברעמען זענען דין, זער דין און הענגען איבער זיינע רויטע אויגנדעקלעך, ווי איבער אַ געוועלב פון אַ קלויסטער־פענצטער... און צווישן די צוויי טיף־אַריינגעגראָבענע אויגן אַרבעט זיין לאַנגע שאַרפע נאָז מיט אירע צוויי בלויע נאָז־פליגלען...

די נאָז, וועלכע איז ביי אַלע אַנדערע מענטשן אַן אומבאַוועגלעכער

אבער, איז ביי דעם אַכצן־יאָריקן האָלענדישן יידישן בחור אַ לעבעדי־קער אַבער, וועלכער באַוועגט זיך כסדר... די צוויי נאָז־פליגלען אַרבעטן תמיד. זיי הויבן זיך אויף און פאַלן מיט אַ ריטעם און מיט אַ פייף צוריק איין. און פאַרהוסט זיך דער בחור, דויערט דער הוסט לאַנגע, לאַנגע מינוטן. זיין קאָפּ גראָבט זיך נאָך טיפער איין אין די אַקסלען, דאָס גאַנצע קנאָכיקע פּנים זיינס ווערט אָנגעגאָסן מיט אַ רויטקייט, די צוויי נאָז־פליגלען צעשפּרייטן זיך און ער קען זיך פריער נישט באַרואיקן ביז עס קומט נישט די שוועסטער מאַרי מיט אַן אָנגעפולטן סעראַנג... איז ער אָנגעטון, לאָזט ער, אַזוי הוסטנדיק, אַראָפּ די הויזן, וועלכע שלאָבערן אויף זיין דאַרן גוף ווי אויף אַ סטראַשידלע אינעם פעלד... ליגט ער אינעם בעט, אַן אויסגעטוענער, דעקט שוועסטער מאַרי, אַן אַ וואָרט אויסצורעדן, אָפּ די קאָלדרע, אַ ווייסער, זער ווייסער שלאָבעריקער היפּט טוט אַ גלאַנץ מיט זיין ווייסקייט צווישן די לייַלעכער און שוועסטער מאַרי שפּריצט אַריין אין דער ווייסקייט דעם פולן סעראַנג מיט דער פליסיקייט, דעקט אים צוריק צו דעם אָפּגעדעקטן היפּט, און גייט אַוועק מיט דער זעלבסטצופרידנקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס געפיל, אַז ער האָט אָפּגעטון אַ גוטע זאַך...

אָבער שוועסטער מאַרי איז יונג, פריש; אירע העל־בלאָנדע האָר זענען דריבנע געקרעפּט, און מיט זייער געדיכטקייט, מיט זייער קראַפט, שטופּן זיי אַראָפּ אויף הינטן איר ווייסע אָנגעשטייפטע שוועס־טער־הויב; ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „לאָזט אונדז, מיר ווילן געזען ווערן, באַוואונדערט ווערן!... דעקט אונדז נישט צו מיט אָט דער שטייפער ווייסער שוועסטער־הויב!... דו ביזט צו יונג, צו פריש, צו שיין!... דיין ווייסער שרונט אינמיטן קאָפּ, דיינע זיידענע גאָלדענע לאָקן, וועלכע ציען זיך אַזוי אומענדלעך ווייט אונטער דער שטייפער ווייסער שוועסטער־הויב, קענען באַוועגן מענערישע ליפּן צו אַ קאָמ־פּלימענט, קענען באַוועגן אַ מענערישע האַנט צום צערטלען, צום גלעטן!...“

און אויגן האָט שוועסטער מאַרי העל־בלויע, ווי די לויטערקייט און די דורכזיכטיקייט פון אַ פרילינגס־פרימאָרגן אויפן דאָרף, אויפן פעלד... און איר נאָז איז נישט קיין נאָז — נאָר אַ בעזועלע, איר מויל — אַ מיילעכל, אירע ציין — צײנדעלעך, און אירע ליפּן, זענען דין און רויט, ווי אַן אָפענע וואונד... און אירע צוויי באַקן זענען רונדיק, ראָז און פריש. און איר גאַנצער געשטעל, איר גאַנצער גאַנג, איז ווי פון אַ ליאַלקע. אַ ליאַלקע, וואָס גייט, רעדט און לאַכט... אויף איר געלעכטער איז דאָס געזאָגט געוואָרן דער פּסוק: „קול באשה ערווה"... איר גאַנצע יוגנט, איר גאַנצע פרישקייט, איר גאַנצער ווייבלעכער רייץ, וועלכער איז געפּענטעט, פאַרפּאַקט אונטער די ברייטע און לאַנגע גראָב־אָנ־געפּעלבלטע שוועסטער־מלבושים, אין די שוואַרצע וואָלענע זאָקן, אין די הויכע שוואַרצע געקנעפּלטע שיך מיט די נידעריקע קלעצלעך; איר גאַנצע יוגנט, איר גאַנצע פרישקייט, איר גאַנצער אוצר פון באַהאַל־טענער ווייבלעכקייט, לאָדנט זיך אוים דורך איר מויל, דורך איר רעדן, דורך איר געלעכטער...

און זי האָט ליב קלאַסישע און סענטימענטאַלע מוזיק, די שוועסטער מאַרי. און דער דאַדיאָ־אַפּאַראַט שטייט גראַד אויף דעם נאַכט־טישל נעבן דעם בעט פון דעם יונגען האַלענדער... דאָס גיט איר אַ גוטע גע־לעגנהייט עטלעכע מאָל אין טאָג זיך אוועקצושטעלן און אַפילו אוועק־צוזעצן זיך נעבן זיין בעט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע פאַרחלומטע אויגן צו בענקען אונטער די קלאַנגען פון מוזיק...

און אויף איר פּנים שפּילט זיך דעמאָלט אָפּ, ווי אויף אַן עקראַן, איר אינעווייניקסטער נשמה־גערענגל: אָט איז איר פּנים העל, לויכטנ־דיק און אירע אויגן זענען אָפן, זי רעדט און לאַכט, שטיפט כמעט לאַבוזעוואַטע מיט דעם אַכצן יאָריקן קראַנקען יידישן בחור; און איר יונגמלעכער שוואונג שטייגט מיט דעם שטייגן פון דער מוזיק, מיט דעם אויפברויז פון אירע געפּענטעטע לײדנשאַפטן... און מען האָט דעם איינדרוק, אַז אָט באַלד וועט זי אַראָפּרייסן פון זיך די שוועסטער־

מלבושים, און וועט ווילד אויסשרייען: „גענוג!... פריי וויל איך זיין, פריי!“...

אָבער באַלד דערנאָך פאַרמאַכט זי פּלוצעם די אויגן און איר ראָז פּנים ווערט פאַרטונקלט, פּונקט ווי מען וואָלט פּלוצעם די רולעטן פאַר די פענצטער אַראָפּגעלאָזן... און זי זיצט אַזוי אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך, פרום; און מען זעט בולט, אַז דאָרט אינעווייניק, אין די טיפעניש פון איר נשמה האָט איצט גובר געווען די פרומקייט, די חרטה... און כאָטש אירע ליפּן באַוועגן זיך נישט, הערט מען פונדעסטוועגן ווי זי מורמלט אין זיך אַ תפילה, אַ געבעט צו גאָט און צו זיין זון, אַז זיי זאָלן איר מוחל זיין אירע זינדיקע געדאַנקען און אַז זי זאָגט צו אויף להבא צו זיין גוט און פרום... און כדי זיך אויסצוקויפן פון די זינד, באַשליסט זי צו פאַרשטאַרקן איר שמד־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידי־שע פּליטים, און הויפּטזאַכלעך צווישן די קינדער און יוגנטלעכע, וועלכע זענען דאָ אהערגעקומען אין דער שווייץ אָן עלטערן און דער־שעפּטע, אונטערדערנערטע, פאַרקרעציקטע און פאַרלייזיקטע, ברענגט מען זיי דאָ, פון די פאַרשידענע „אויפפאַנגס־לאַגערן“ אהער צו פירן, באַגלייט פון אַ זעלנער אויף צו היילן און דעזינפעקציאָנירן...

איינער פון די דאָזיקע איז אויך יאַקאָב, דער אַסטמאַטישער אַכצן יאָריקער יידישער בחור... מיט אים איז זי שוין אויף אַ שטיקל דרך... ער חברט זיך שוין איצט וואָס אַמאָל ווייניקער מיט די יידן: מיט דעם ראַבינערס ברודער, און מיט דעם „פּאָליאַק“ — דעם יידישן שריפט־שטעלער, וועלכער האָט פאַרלאַנגט די ביבל, דווקא אין העברעאיש... און וועלכער האָט שטאַל און אייזן פון יידישקייט, איז אַ גרויסער קעגנער פון שמדן זיך, און האַלט אָן אויג אויף אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר אויף דעם געביט... אים וואָלט גלייכער געווען, וואָס גיכער משלה צו זיין פונדאַנען... אויסהיילן קאָן מען דאָך אים שוין סיי ווי נישט...

זי, מאַרי, האָט פאַר יאַקאָבן פאַרשאַפט אַ געבעט־בוך, און אַ „נײַ־עם טעסטאַמענט“ אויף האָלענדיש. און יעדעס מאָל ווען זי קומט צו

צו זיין בעט, אים דאָס בעט צו פאַרר־כטן, צי אים א שפּריץ צו מאַכן, אים דעם הוסט־אָנפאַל צו באַרואיקן, קוקט זי אויף אים מיט פיל ליבע און רחמנות... און זי מישט פאַר אים אויף און וויַיזט אים אָן א פרישן קאַפּיטעל אינעם „נייעם טעסטאַמענט" אויף דעם הייַנטיקן טאָג.

און יאַקאָב, וועמען עס שטיקט פון זיין פריסטער קינדהייט אָן א שווערע אַסטמע, האָט אין אַלגעמיין, אין משך פון די אַכצן יאָר פון זיין לעבן, געהאַט גאָר וויַיניק צייט און נאָך וויַיניקער געדולד, צו דערוועגן יידישן וויסן און יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

פון יידישקייט ווייסט נאָר יאַקאָב בלויז: אַז זיין פאָטער פלעגט איינמאָל אין יאָר, יום־כפור, פאַרמאַכן דאָס געשעפט, אָנטון זיך אין א פראַק מיט א הארטן הוט און אַוועקגיין אויף א גאַנצן טאָג אין סינאַגאָגע, און... מען האָט יענעם טאָג געגעסן דאָס מיטאָג אין שטוב, אָן דעם טאַטן, און אָן דער מאַמען... נאָך איין זאַך פון יידישקייט געדענקט ער יאַקאָב: ווען זיין יונגערער ברודער איז געבוירן געוואָרן, האָבן זיך ביי זיי אין הויז פאַרזאַמלט א צענדלינג יידן, און איינער, א ייד מיט א באָרד, האָט דאָס קינד באַשניטן; וואָס עס האָט שפּעטער טאַקע גורם געווען, אַז די געשטאַפּאָ זאָל אים טאַקע דאַדורך דערקענען, אַז ער איז א יידיש קינד... כאָטש ער איז צוזאַמען מיט זיין מוטער געוועזן גוט באַהאַלטן ביי גויים... און דורך אים, איז די מאַמע אויך אַריינגעפאַלן און מען האָט זיי ביידע דעפּאָרטירט...

חוץ די צוויי פאַלן, האָט יאַקאָב ביי זיינע עלטערן אין הויז קיין שום רעליגיעזע, אָדער נאַציאָנאַלע פייערלעכקייטן נישט געזען... זיין א ייד, איז ביי אים בכלל פאַרבונדן מיט עפּעס אַזאַ געפיל פון בושה... ער האָט שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז מען דאַרף זיך דערמיט שעמען, אַז מען דאַרף זיך דערמיט באַהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך דער־צו נישט מודה זיין... און געענדיקט האָט זיך פאַר אים דער ענין יידישע אָנגעהעריקייט: מיט פאַרפאָלגונגען, מיט אויסבאַהאַלטן זיך, מיט אומגליק, און מיט דעפּאָרטאַציע...

טאַ פאַרוואָס זאָל ער זיך אָפּגעבן מיט דער שוועסטער מאַרי, וועל־בע איז אַזוי שיין ווי אַ געטין, און איז אַזוי גוט צו אים ווי די מאַמע זיינע, און זאָל נישט טון דאָס, וואָס זי פאַרלאַנגט פון אים?...

און וואָס פאַרלאַנגט זי דען פון אים דאָ אויסטערלישס?... אַז ער זאָל גלויבן אין גאָט, און אין זיין זון יעזוס?... וועמען קען דאָס שאַטן? און וועמען קען ער דאָ דערמיט שלעכטס טון?... אפשר גאָר טאַקע, אַז ער וועט תשובה טון און זיך אומקערן — ווי די שוועסטער מאַרי זאָגט — „צו דעם ליכט, וואָס האָט פאַר אים אויפגעשיינט און זיך צו אים באַוויזן, אין דעם סאַמע קריטישסטן מאָמענט פון זיין לעבן, ווען ער איז געבליבן איינער אַליין אויף דער וועלט"... דאָס ליכט — דאָס איז זי, מאַרי... און ער מוז גלויבן און האָפן צו דעם גאָט, אין וועלכן עס גלויבט, און צו וועלכן עס האָפט זי, זיין געטין — די שוועסטער מאַרי... און ווער ווייסט? אפשר טאַקע, אין דעם זכות, וואָס ער וועט גלויבן און בעטן, וועלן זיינע עלטערן צוריקקומען פון דעפּאָרטאַציע? אפשר?

די יידן זאָגן, אַז יעזוס איז געווען אַ ייד... טאָ איז דאָך אוודאי גוט... טאָ וואו איז דאָ דאָס פאַרברעכן?...

דער יידישער שריפטשטעלער זאָגט, אַז זיינע עלטערן וועלן צו־ריקקומען פון דעפּאָרטאַציע און וועלן זיך דערוויסן, אַז ער, דער זון זייערער, האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, וועלן זיי זיין אין כעס... ער גלויבט דאָס נישט... און אפשר יאָ?... אַ שאַד, מען האָט קיינמאָל ביי זיי אין שטוב וועגן דער פראַגע נישט גערעדט... ער מיינט, אַז דער פאָטער וואָלט געווען בייז... די מאַמע — אפשר נישט?... מען טאָר נישט — זאָגט דער שריפטשטעלער — אינעם איצ־טיקן שווערן מאָמענט, וואָס דאָס יידישע פאָלק לעבט איבער, דעזער־טירן פונעם יידישן פאָלק, אַנטלויפן און איבערגיין אינעם לאַגער פון שונא... ער מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז מען דאַרף נישט טוישן די רעליגיע... דאָס איז אפשר חכמות, אַז מען האָט שוין אַ רעליגיע...

ער אָבער האָט דאָך גאָר נאָך קיין רעליגיע קיינמאָל נישט געהאַט... פאַרבייט ער דאָך נישט... ער נעמט נאָר ערשט איצט אָן אַ רעליגיע... טאָ ווער קען דאָס אים אריינזאָגן אַ דעה, וואָס פאַרא רעליגיע ער זאָל אָננעמען?... אָך, ווי עס פרעסט אים דאָס היינט די פאַרשאָלטענע אַסטמע!... שוועסטער מאַרי זאָגט, אַז זי וועט זיך באַמיען, זי האָט שוין, זאָגט זי, געשריבן וועגן דעם אַ בריוו צום פּאַסטער, אַז מען זאָל אים אָוועקשיקן קיין דאַוואָס... דאָרט איז שניי און מען קען זיך נאַקעט ברע־נען אויף דער זון... דאָרט קאָסט זער טייער... דאָרט איז גוט פאַר זיין אַסטמע... אַז זי וועט האָבן אורלויב — האָט זי געזאָגט — וועט זי צו אים אַהינקומען... נו? קען ער דען איר, דער שוועסטער מאַרי אָפּ־זאָגן?... אַז זי איז צו אים אַזוי גוט... ער האָט דאָך גאָר נאָך קיינ־מאָל אין זיין לעבן נישט געפילט אַזאַ מין וואוילשטאַנד, אַזאַ מין גליק, ווי ער פילט זינט ער האָט זיך מיט איר באַקענט... ער האָט דאָך גאָר נאָך קיינמאָל אין קיינעמס אָנוועזנהייט נישט געהאַט דאָס היילקע געפיל, אויף וועלכן ער האָט גאָרנישט קיין נאָמען, ווי ער האָט דאָס לעצטנס יעדעס מאָל, ווען שוועסטער מאַרי דער־נענטערט זיך צו אים, צו זיין בעט... מאַרי... אַזאַ געטלעכע פרוי, מיט אַזאַ געטלעכן נאָמען... מאַרי... יעזוסעס מוטער האָט אויך אַזוי געהייסן... פיל פאָטאָגראַפיעס פון דער „היילקער מאַריא” האָט אים שוין מאַרי געגעבן אַלס געשענק... ווי מאָדנע ענלעך זיי זענען זיך ביידע... אַז ער קוקט אויף די פאָטאָגראַפיעס קומט אים תמיד אויס, אַז ער קוקט אויף איר... אויף דער שוועסטער מאַרי... און אַז ער קוקט אויף דעם געטלעכן קינד, וואָס זי האַלט אויף איר שויס, דוכט זיך אים אויס, אַז דאָס האַלט שוועסטער מאַרי אויף איר שויס אַ קינד פון אים... זיינס אַ קינד, וואָס מאַרי האָט פון אים געהאַט, פון זיינע באַציאונגען, וואָס ער האָט מיט איר אין זיינע חלומות...

•

— שוועסטער מאַרי באַגנוגנט זיך אָבער נישט בלויז מיט היילן די

גופים פון די קראַנקע, זי היילט אויך זייערע נשמות... יעדן אָוונט, אַ פערטל פאַר אַכט, ווען זי האָט שוין אַלץ אָפּגעטון, אַלץ דערליי־דיקט, געמאַכט אַלע פּאַרוואורפן די קראַנקע, וועלכע געניסן נישט פון איר סימפּאַטיע, אויסגעשמייכלט אַלע שמייכלען צו די אַלע, וועל־כע געפעלן איר, אויסגעקלינגלט אַלע אירע געלעכטערן צו די יונגע לייט, מיט וועלכע זי וואָלט זיך זיכער באַנומען, ווי עס באַנעמען זיך אַלע יונגע מיידלעך אין איר עלטער, ווען זי וואָלט נישט געטראָגן די אוניפאָרם פון אַ שוועסטער־אָרדן... אַז זי האָט שוין דאָס אַלץ אָפּ־געטון, זעצט זי זיך אַוועק ביי דעם ווייס־געדעקטן טישל אויבנאָן און נעמט די עוואַנגעליע אין האַנט, בלעטלט די דינע בלעטלעך מיט דעם דריבנעם געדיכטן שריפט, און טוט אַ זאָג צום גאַנצן זאַל:

— איר זענט גרייט צו הערן, מיינע הערן?

— מיר בעטן! — ענטפערן אַ צענדלינג שטימען מיט איינמאָל,

און שוועסטער מאַרי בלייבט זיצן ווי אַ מאַדאָנע מיט דער עוואַנ־געליע אין דער האַנט, אַלע קראַנקע ווערן שטיל.

יאַקאָב, וועלכער האָט נאָר וואָס אַריינגעוואָרפן אַ צוואַנציק סאַנ־טים־שטיק אינעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וועלכער האָט אים געזאָלט דער־פאַר אָפּצאָלן מיט אַ פערציק מינוטיקן קאָנצערט פון די „לעקיונאַ־קיור־בען־באַים“, פאַרדרייט גיך דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, שפּיצט אָן זיין פויגל־פּנים, האַלט איין די פליגלען פון זיין שאַרפער נאָז, און זיינע טיפע אויגן קוקן שטאַר צו דעם טישל, צו דעם פּראָפיל פון דער שוועס־טער מאַרי, מיט דער צעעפנטער עוואַנגעליע אין דער האַנט...

דער קאַפּעלמייסטער וואַשעראַן האָט איבערגעריסן דאָס דערציילן אַ פּעטן מוזיק־האַל־וויץ דעם האַלב־בלינדן און האַלב־פּאַראַליזירטן בערנאַרד; זיי ביידע פילן זיך פאַרפּליכטעט, די ערשטע צו ווייזן דעם גוטן ביישפּיל פון רעספּעקט צו דער שוועסטער מאַרים תפילות, דען זיי זענען אויך, פונקט ווי די שוועסטער מאַרי און ווי אַלע שוועסטערן פון שפּיטאָל — פּראָטעסטאַנטן.

די קאַטאָליקן זענען דאָ און דער מינדערהייט, באַציִען זיי זיך גלײַכגילטיק, אָבער טאָלעראַנט צו דער שוועסטער מאַרים צערעמאָניעס...

און די פּאָר ייִדן, פּליטים, פֿאַרפֿאָלגטע, מיט צער אָנגעזאַפּטע, פֿרעמדע, אײַנגעבעטענע, האָבן נישט בדעה, אַפֿילו מיט איין וואָרט זיך אַרײַנצומישן אין דעם פּערמאַנענטן קאַמף, וואָס אין דעם שפּיטאָל שפּילט זיך אָפּ צווישן די קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן, וועגן דער הענגעמאַניע דאָ אין דעם שפּיטאָל און וועגן די נשמות פֿון די קראַנקע... זיי, די ייִדן, קלײַבן זיך בכלל שלעכט פֿונאַנדער אין דעם אונטערשייד צווישן אָט די צוויי רעליגיעס... די ייִדנפֿראַגע, אַזוי ווי דער היטלעריזם האָט זי אָוועקגעשטעלט, און וועלכע ווערט שוין זייט צען יאָר געשריבן מיט ייִדיש בלוט אויף די בלעטער פֿון דער נײַעסטער געשיכטע פֿון אייראָפּע, איז נישט קיין רעליגיעזע פֿראַגע, נאָר זי איז געוואָרן אַ ראַסן־פֿראַגע... מען האָט די פּרווי פֿון דעם פֿראַנצויזישן ראַבינער ברודער נישט דעפּאָרטירט דערפֿאַר, ווײַל זי זאָל האָבן געצונדן ליכט פֿרײַטאָג צונאַכטס, צי אָפּגעהיטן אַנדערע ייִדישע מצוות... מען האָט זי דעפּאָרטירט, כאָטש זי האָט איר גאַנץ לעבן געלעבט פּונקט ווי אַלע אַנדערע פֿראַנצויזקעס פֿון איר הויז, פֿון איר גאַס, פֿון איר שטאָט... אַ פֿראַנצויזקע ווי אַלע פֿראַנצויזקעס, נאָר פֿון אַן אַנדער ראַסע...

און לעווינען האָט מען דעפּאָרטירט זײַן זון, מיט דער שנור, מיט זײַן אײנציקן אייניקל, כאָטש ער, דער זיידע אַפֿילו, האָט שוין פֿון לאַנג געהאַט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן יעדע אָנגעהעריקייט מיטן ייִדישן פֿאָלק... ער איז שוין לאַנג קיין ייִד נישט, אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו ווערן אַ גוי... ער האָט שוין גענוג מי און אַרבעט אַוועקגעלייגט צו ווערן אַ פֿראַנצויז. נו, וואָס איז ער איצט?... איין גאָט אין הימל ווייסט, ווי שווער ס'איז אים אין אָנהייב אָנגעקומען זיך אָפּצוגעוואוינען פֿון די ייִדישע שבתים, פֿון די ייִדישע ימים־טובים,

פון די יידישע מאכלים, פון די יידישע טעאטער־לידלעך, וועלכע האָבן זיך אים נאָך א צייט לאַנג אין קאָפּ געזוונגען... די לידלעך, וועלכע ער האָט פון אברהם גאָלדפאַדענס מויל אַליין, אין טשערנאָוויץ און אין יאַסי געהערט... ער געדענקט נאָך גוט, ווי עס האָט זיך אים די ערשטע צייטן געבענקט אַהיים, נאָך זיין שטעטל, נאָך זיינע יידן, מיט זייערע מנהגים און ימים־טובים... עס האָט זיך אים אין אָנהויב אויסגעוויזן, אַז ער איז עפּעס אַריינגעקראָכן אין אַן אייביקן וואָכעדיקן לעבן, אָן אַ ברעקל פרייד, אָן אַ פּיצל יום־טוב.

ער געדענקט נאָך גוט, ווי ער האָט אַפילו צו די פראַנצויזישע עסנס זיך נישט געקענט צוגעוואוינען. ווי עס איז אים, די ערשטע צייטן, אַ חלשות אָנגעגאַנגען פאַר די אויסטערן, און אַנדערע ים־שרצים, וועלכע די פראַנצויזן עסן... און דאָס פאַרגעניגן, וואָס ער האָט געהאַט ווען ער האָט זיך אָוועקגעכאַפּט פון זיין גויעשקער ווייב, אַרויסגעכאַפּט זיך פון זיין פאַרגויעשטער שטוב, זיך אַראָפּגעכאַפּט אויפן פּאַריזער „פּלעצל” און אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ יידישן רעסטאָראַן, כדי אָפּצועסן אַ שטיקל יידישע געפילטע פיש, אַ העלדזל מיט טשאָלענט, און פאַרטרונקען מיט אַ היימישן גלעזל ניינציקער...

אין אָנהויב האָט ער דאָס געטון אָפט. שפּעטער, זעלטענער; און די לעצטע יאָרן, שוין גאָר, גאָר זעלטן. פּונקט ווי ער האָט זיך שוין לעצטנס גאָר זעלטן אַריינגעכאַפּט אין יידישן טעאַטער... ביידע זאַכן, האָבן שוין פאַר אים נישט געהאַט דעם טעם וואָס אַמאָל... דאָס יידישקייט, אין אַלע זיינע פאָרמען, האָט זיך פון אים וואָס אַמאָל אַלץ מער אָוועקגערוקט און דאָס גויעשקייט האָט זיך צו אים נישט צוגערוקט... אין סאַמען בעסטן, ווען ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ גוי, האָט מען אים געזאָגט: „סאַל יופּען”... ווען ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ פראַנצויז, האָט מען אים אויף די בולוואַרן נאָכגעשריגן: „שמוציקער אויסלענדער”... און צולעצט, האָט ער געמוזט, גלייך מיט אַלע פוילישע יידן זיך אַוועקשטעלן אין דער רייע

פאַרן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, כּדי אויסצופילן די דעקלאַראַציע און אָפּן דערקלערן, און אונטערשרייבן מיט זיין אייגענער האַנט, אַז ער איז אַ ייד, אַז זיין פרוי, וואָס כאָטש זי איז שוין אַן אמתע קריסטין, איז, ווייל זי האָט מיט אים חתונה געהאַט — אויך געוואָרן אַ יידישקע... און אַז זיינע קינדער, און אפילו דאָס אייניקל, זענען אַלע יידן... דאָס, וואָס זיי האָבן זינט יאָרן מיט אַלע מיטלען געזוכט צו באַהאַלטן, האָבן זיי איצט געמוזט אָפּן, שוואַרץ אויף ווייס, דערקלערן, און אונטערשרייבן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל עס ווייסן...

און שפּעטער האָט מען זיך נאָך נישט באַגנוגנט מיט דעם. מען האָט אים אַ געלן צעטל „יידישעם געשעפט" אויפן שענסטן אויסשטעל־פענצטער פון זיין געשעפט אָנגעקלעפּט... און דערנאָך, האָט מען אים דאָס געשעפט גאָר אינגאַנצן צוגענומען... און מען האָט אים דעם זון, מיט דער שנור, מיט דעם אייניקל צוגענומען... זיי אַרעסטירט און דעפּאָרטירט... און זיין ווייב איז אים פאַר עגמת־נפש געשטאָרבן; און ער אַליין, האָט געמוזט, אויף זיינע אַלטע יאָרן, אַנטלויפן אין דער פרעמד, און אַן אַלטן, אַ קראַנקען, אַ צעבראָכענעם, האָט אים אַ גרענעץ־שמוגלער פאַר צוואַנציק טויזנט פראַנק אין אַ פינצטערער רעגנדיקער נאַכט אונטערגעוואָרפן ערגעץ, הינטער די שווייצערישע שטעכנדיקע גרענעץ־דראָטן, ווי אַ זינדערין וואַרפט אונטער אַ ממזור הינטערן פּלויט... און די שווייצערישע גרענעץ־וועכטער האָבן אים אַ פאַרמאַטערטן, אַ קראַנקען אויפגעהויבן, אים דורך די דראָט־פאַרצוימונגען אַדורכגעשלעפּט, און אין גענפער שפּיטאָל געברענגט, וואו ער ליגט שוין אַזוי שיינע עטלעכע וואָכן.

דאָ, איז ער איצט נענטער צו די יידן ווי צו די קריסטן. און אַז ער האָט דערהערט, אַז איך בין אַ יידישער שריפטשטעלער, האָט ער זיך דערפרייט ווי אַ קליין קינד... אַ שטיק יוגנט, אַ שטיק היים, אַ שטיק טשערנאָוויץ, אַ שטיק יאַסי, האָט פאַר אים אויפגעטויכט:

— יעס פרייט מיך זער, עס פרייט מיך זער! — האָט ער מיר גע־

דריקט די האַנט. — איך האָב געקענט גאַלדפּאַדענען!... „דאָס פּינ-טעלע ייד“... „דאָס טליתל“... — און די פּאַרטרערטע אויגן הינטער די ברילן האָבן אויפגעלויכטן, און ער האָט זיך אַ זעץ אויף געטון און געגומען זינגען: „דאָס טליתל, דאָס טליתל, דאָס אייביקע קלייד“... און דאָס ציטרין־פּנים האָט אָנגענומען די פאָרעם פון אַן אתרוג... אַן אתרוג — אַ הדר... אַ וועלט מיט יידישן חן איז פון ערגעץ געקומען אָנצופליען און זיך אויסגעלייגט אויף זיין פאַרמעטענעם פּנים, אויף זיין ווייסן קאָפּ האָר, אויף זיין שאַרפער נאָז, מיט די גילדענע ברילן אויף זיינע אויסגעלייטערטע אויגן... און ער האָט גאַרנישט באַמערקט, אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט... אַז דער האָלענדער האָט שוין פאַר-דרייט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אַז אַלע קראַנקע ליגן שוין שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם אונטער די קאָלדרעס; מיט די בליקן גע-ווענדעט צו דער שוועסטער מאַרי, וועלכע זיצט מיט דער אָפענער עוואַנגעליע אין דער האַנט... און ער האָט אויך נישט באַמערקט, אַז די שוועסטער מאַרי שפּיזט אויף אים מיט אירע בלויע אויגן... אָט, אָט, ווען עס וואָלט נאָך אַזוי אָנגעהאַלטן אַ רגע, וואָלט זיכער דערפון געוואָרן אַ מין רעליגיעזער קאָנפליקט... מען וואָלט עס אויסגעטייטשט ווי אַ גרינגשעצונג מצד די אויסלענדער, די יידן, און... מער פעלט שוין דאָ נישט...

וואַשעראָן, דער קאַפּע־קעלנער, דער, וואָס פילט זיך צום מיינסטן גאָענט, דורך זיין פּראָטעסטאַנטישקייט, צו דער שוועסטער מאַרי, ווייזט איר מיט זיין ווייז־פינגער אויף זיין שטערן, אַז דער אַלטער איז „גערירט אויפן קעסטל“...

און די שוועסטער מאַרי, שיקט אַהין צום בעט נומער זעקס אַ קורצן מעסאַזש, וועלכער קלינגט מיט פאָרוואורף, מיט דרויאונג און מיט דערציערישקייט:

— איר וועט ענדלעך דערלויבן, מ'סיע לעווין?...

אבצן קראַנקע האַלטן איין דעם אָטעם, שטעלן אָפּ דאָס קרעכצן,

דאָס הוסטן, דאָס שנייצן, דאָס שפּייען, און אפילו דאָס אורינירן אונטער די ווייסע לײַלעכער אין די נומערירטע פּלעשער אַריין... אַלע־מענס בליקן זענען געווענדעט צום ווייסן געדעקטן טישל, צו דער שוועסטער מאַרי, וועלכע זיצט איצט, און פּאָזירט אַלס אַ מאָדעל פון אַ מאַדאָנע...

איך האָב דעם איינדרוק, אַז אָט, אָט, וועט זיך אין זאַל באַווייזן אַ מיקעל אַנדזשעלאָ, צי אַ ראַפּאַעל, מיטן פּאַלעט און פּענדזל אין האַנט; וועט מאַיעסטעטיש דורכגיין לענגאויס דעם זאַל, וועט זיך דערנענטערן צום טישל, וואו עס זיצט שוועסטער מאַרי, ער וועט זיך פאַר איר גאַלאַנט פאַרנויגן, איר אַרויסנעמען די עוואַנגעליע פון האַנט, און מען וועט איר אין אירע אָרעמס לייגן אַ נאַקעט, ראָז, פּוכלע, ניי־געבוירן קינד און פון אָט דעם פּייערלעכן מאָמענט, וועט גע־בוירן ווערן אַ נייער שעדעווער פאַר מוזייען: „די הייליקע מאַרי פון זשענעווע“...

אָבער מיקעל אַנדזשעלאָ איז נישט געקומען. ראַפּאַעל אויך נישט. מען האָט אויך דער שוועסטער מאַרי קיין ניי־געבוירן קינד אין די אָרעמס נישט געלייגט; נאָר זי האַלט נאָך אַלץ אין דער האַנט אַ באַנד עוואַנגעליע און זי צעקאַליעטשעט דערפון אַ קאַפּיטל, דען שוועסטער מאַרי איז אַ דייטש־שווייצערקע און זי לייענט זער שלעכט פראַנ־צויזיש...

— אַ שלעכטער בעל־קורא — רעדט צו מיר אַריבער דעם ראַבי־נערס ברודער נאָך דעם ווי שוועסטער מאַרי האָט געענדיקט.

מיר גלוסט זיך אָבער איצט פון דעם וויץ נישט צו לאַכן... דען דער גאַנצער זאַל האָט פאַרגעסן אין בעלטראַמין, אָבער איך האָב אים די גאַנצע צייט אָבסערווירט. איך האָב די גאַנצע צייט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזן. און איין און דער זעלבער געדאַנק האָט מיר געהאַמערט אין מיין מוח: אַזוי וועל אויך איך מסתמא אויסזען

אין די לעצטע מינוטן... אזוי וועל אויך איך מסתמא פארענדיקן מיין לעבן...

און טרויעריק ווערט מיר אויף דער נשמה און די אויגן גייען מיר איבער מיט טרערן: אזוי האט מסתמא אויך געענדיקט זיין לעבן מיין פאטער, דארט ערגעץ, אין זיין קעלער־שטוב, אין דעם קליינעם שטעטל אין פוילן, און אזוי ענדיקט אויך זיין לעבן דער עלנטער שוסטער בעלטראמי, אין דער וועלט־שטאט זשענעווע. אין דעם רחבותדיקן ווייס־לאקירטן שפיטאל, וואו עס ווימלט מיט פראפעסארן, דאקטוירים, שוועסטערן, ענפירמיערן, און ענפירמיערקעס, — שטארבט בעלטראמי אפשר נאך עלנטער, ווי מיין פאטער דארט, אין דעם קליינעם שטעטל אין פוילן, אין דער קעלער־שטוב...

דארט, האט אפשר א וועלכער שכן אויפגעוועקט די שכנים: „רב נתן האלט ביים שטארבן!... שטייט אויף, רב שלמה! שטייט אויף, רב חיים!...“ און די שכנים האבן זיך אויפגעכאפט, אפגעגאסן נעגל־וואסער, האבן געכאפט אויף זיך א מלבוש, אויסגעזוכט אויף אינדער־גיך פון די ספרים־שענקלעך דעם מעבור־יבוק... אוועלכע שכנטע האט זיך אויך מסתמא אויף אינדערגיך אנגעטון, געכאפט אויף זיך אן אויבער־מלבוש, צי א שאל, און איז געלאפן דארט ערגעץ אין דער צענטער גאס אויפוועקן אן אויסגעגעבענע טאכטער, וועלכע איז מסתמא געלאפן מיט פארבראכענע הענט איבער דער גאנצער שטאט און די שטיינער פון שאסיי מיט אירע טרערן נאס געמאכט; און די פינצ־טערקייט פון דער נאכט מיט איר צער אויפגעטרייסלט: „מיין טייערער טאטע, וואו לאזט דו מיך איבער?!“... און דא?... די שוועסטער מארי האט פרום צוגעמאכט די הייליקע עוואנגעליע, באלד וועט זי אפגיין זינגרייך, ווי א דערפאלגרייכע אקטריסע, לענגאויס דעם זאל, צווישן די צוויי רייען ווייסע לאקירטע בעטן, אין וועלכע עס ליגן אכצן קראנקע, מיט אכצן מינים ליידן און יסורים. זי וועט זיך ביי דער טיר אויסדרייען, ווי להבדיל דער חזן צו באו־בשלום, וועט פריינד־

לעך און פרום אונדז ווינטשן אַ גוטע נאַכט, וועט אָפּדרייען דאָס ליכט און וועט אַוועקגיין...

די קראַנקע, וועלכע וועלן קענען, וועלן גלייך איינשלאָפן. און די, וואָס זייער קראַנקהייט לאָזט נישט שלאָפן, וועלן צוערשט אַביסל זיך וואַקלען, און ענדלעך וועלן זיי זיך דעצידירן איינצונעמען אַ שלאָף־מיטל, און וועלן פאַרשלעפּערטע, אין אַ נעמיש פון יסורים מיט קאָשמאַרן אַדורכקומען די נאַכט, נאָך וועלכער זיי וועלן אויפשטיין נאָך מידערע, נאָך מער פאַרמאַטערטע...

און פריטץ, דער נאַכט־וועכטער, ווען ער וועט אַרום האַלבער נאַכט דורכגיין דורך די צוויי רייען בעטן, כדי צו זען צי אַלע לעבן נאָך, צי אַלע אָטעמען... וועט ער אפשר באַמערקן, אַז בעלטראַמי אָטעמט נישט מער... וועט ער אים אַריבערציִען דאָס ליילעך איבערן קאָפּ און מיטן בעט, וואָס איז ספּעציעל צו דעם צוועק געמאַכט אויף רעדלעך, וועט ער אים אַרויספירן אין קיל־שטיבל אַריין...

●

ווייזט אויס, אַז אויך בעלטראַמי שרעקט זיך פאַר דער נאַכט, פאַר דער פינצטערניש, פאַר דעם שטאַרבן אין דער פינצטער, בעת אַלע שלאָפן... איך זע ווי ער שטרענגט זיך אָן, ער דרייט מיטן קאָפּ, ער וויל עפּעס טון, אָננעמען מיטלען, זיך ווערן... אָבער ער האָט שוין נישט קיין כוחות... און איך, זיין נאָענטסטער שכן, וואָס שטאַרב שוין מיט אים אַזוי מיט פון היינט אינדערפרי אָן, העלף אים אַרויס:

— האָט איר עפּעס אַ פאַרלאַנג איידער מען לעשט אויס דאָס ליכט, הער בעלטראַמי?

ביי בעלטראַמין ציטערן די ליפּן, ווייזט אויס, אַז ער וויל מיר ענטפערן, נאָר ער קאָן נישט... איך טרעף לויט זיינע גרימאַסן, אַז ער זאַמלט אָן כוחות צו פאָרמולירן און אַרויסצוזאָגן זיין וואונטש, העלף איך אים אַרויס :

— זאָל איך אייך צורופן די שוועסטער, הער בעלטראַמי ?

זיין קאָפּ באַוועגט זיך אויף יאָ, און אין זיינע זער פאַרנעפּלטע אויגן באַווייזט זיך אפילו אַ געוויסע דאַנקבאַרקייט... איך בין גליק־לעך, וואָס איך קען טון כאָטש אַ קליינע טובה, אַ שטיקל חסד מיט אָט דעם גוססדיקן מענטשן... און איך רוף צו די שוועסטער מאַ־רי, וועלכע גייט נישט זער גערן צו, און מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס האָט שוין זיין ארבעטס־צייט אָפּגעאַרבעט, און מען וואָגט ביי אים צו פאַרלאַנגען נאָך עפּעס אַ קליינע, נישט זער וויכטיקע געפעליקייט, וועלכע גייט נישט אריין אין דעם ארבעטס־פּראָגראַם פון טאָג, פרעגט זי אים :

— עס גייט נישט גוט, הער בעלטראַמי ?...

דער גוסס, וועלכער איז, ווייזט אויס, ביים באַוואוסטזיין, דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין...

— האָט איר עפּעס אַ פאַרלאַנג, הער בעלטראַמי? — פרעגט זי ווייטער.

און פון בעלטראַמיס אויגן טוען אַ פלייץ טרערן און מיט די לעצטע כוחות זאָגט ער :

— עס איז דער סוף, שוועסטער!... טעלעפאָנירט נאָך מיין איידעם, איך בעט אייך...

און ער בלייבט ליגן אַ פאַרמאַטערטער פון דעם לעצטן אָנ־שטרענג...

שוועסטער מאַרי גייט פרום פון אים אַוועק..

וואָס וועט זי טון, די שוועסטער מאַרי?... וועט זי אויספּילן דעם לעצטן ווילן פון דעם גוסס?... וועט זי אויסלעשן דאָס ליכט?...

שוועסטער מאַרי לעשט נישט אויס דאָס ליכט. זי גייט ארויס, קומט אין אַ קורצער ווײַלע ארום צוריק אריין, אין דער באַגלייטונג פון דער עלטסטער שוועסטער אַננאַ.

זיי גייען ביידע מיט געמאָסטענע, שטילע, פרומע טריט, ווי עס גייען די נאָנעס אין די קלויסטערס... זיי שטעלן זיך אָפּ ביים בעט

גומער דרייצן, שוועסטער אננא בויגט זיך אריבער איבער בעלטראמין און פרעגט אים פרום:

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג, הער בעלטראַמי?

— אײ — דעם! — ענטפערן מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם, די בלאַסע ליפּן פון דעם גוסס.

שוועסטער אננא רעדט צו אים ווי צו אַ קראַנק קינד, וועלכער פאַרלאַנגט עפּעס אַזאַלכעס, וואָס מען קען אים נישט נאָכגעבן:

— עס איז ביינאַכט, הער בעלטראַמי און אייער איידעם האָט נישט קיין טעלעפאָן ביי זיך אין שטוב... די פּאָסט איז פאַרמאַכט... מען קען אים נישט רופן... און פאַרגעסט נישט, אַז אייער איידעם וואוינט נישט אין זשענעווע גופא, נאָר ערגעץ אין אַ פאַרשטאָט... צום באַדויערן, הער בעלטראַמי, אוממעגלעך... און שוועסטער אננא וואַרט אַ רגע, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף זיינעם אַן ענטפער און זאָגט ענדלעך, מיט אַ טאָן פון איינעם, וואָס וואַגט:

— אויב הער בעלטראַמי וויל, קאָן מען אים רופן דעם גלח...

בעלטראַמיס האַלב־טויטער קאָפּ האָט געשאָקלט אויף ניין...

פאַרוואָס?...

ווער קאָן וויסן?...

ווער קאָן וויסן, צי דער גוסס בעלטראַמי האָט זיך נישט אינעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן רעוואָלטירט און מיט דעם אָפּזאָגן אויפצונעמען דעם גלח, האָט ער אפשר אויסגעדריקט זיין גאַנצע פאַרביטערטקייט, זיין גאַנצן פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער וועלט, וואָס ער, דער שוסטער בעלטראַמי, וועלכער האָט במשך פון בערך פופציק יאָר, צענדליגער טויזנטער פּאָר זוילן אַרויפגעקלאַפּט אויף די שיך פון דער מענטשהייט, מוז שטאַרבן אַן עלנטער... און זיין איידעם, וועלכער אַרבעט גראָד, זינט יאָרן, אין אַ פאַבריק פון טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, האָט נישט אין זיין שטוב קיין טעלעפאָן, דורך וועלכן מען זאָל אים קענען רופן צום בעט פון זיין שטאַרבנדיקן שווער?

ווער קאָן וויסן, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין מוח און אין דער נשמה פון אַן אָרעמען, און עלנט־שטאַרבנדיקן שוסטער־אַרבעטער, וואָס זיין פרוי וואַשט אַ גאַנצע וואָך וועש פאַר אַ רייכן האָטעל, און וואָס אַ טאָכטער איז אויף אים פאַרהאַסט און קומט אים נישט זעען, ווייל ער האָט איר מוטער אויף אַ שטיפמאַמען — אַ וועשין פאַרטוישט?... ווער קאָן וויסן?

די עלטסטע שוועסטער אַננאַ האָט דרייסיק יאָר שפּיטאָל־פּראַקטיק הינטער זיך. פאַר אירע אויגן זענען שוין אויסגעגאַנגען הונדערטער מענטשן, פון פאַרשידענעם גראַד, פון פאַרשידענעם עלטער, און פון פאַרשידענער מענטאַליטעט... זי איז פול מיט צאָרן אויף דעם אומגליוביק, וועלכער וויל, אַפילו אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן נישט אומקערן זיך צו גאָט און צו זיין זון... אָבער אויסערלעך בלייבט זי גלייכגילטיק... און פריינדלעך, פרום בויגט זי זיך נאָכאַמאָל אַריבער איבער בעלטראַמין און זי זאָגט אים פרום אַ ליגן, בשעת מיט זיסער זעלבער פרומקייט ווי זי זאָגט אַ תפילה:

— הער בעלטראַמי, מיר וועלן אייך יעדנפאַלס פון דאָ אַרויספירן, טאָמער קומט אָן אייער איידעם, זאָלט איר קענען אומגעשטערט, און אָן צו שטערן אַנדערע, מיט אים רעדן...

בעלטראַמי האָט שוין גאָרנישט מער געענטפערט... שוועסטער מאַרי טשעפּעט אָפּ די מעכאַנישע האַמונג, וואָס האַמעוועט די רעדלעך פון בעט, און ביידע שוועסטערן, שוועסטער אַננאַ און שוועסטער מאַרי, פירן אַרויס פון זאַל דאָס בעט נומער דרייצן מיטן גוסס בעלטראַמי און זיי לעשן אויס דאָס ליכט.

●

זיבצן קראַנקע טראַכטן איצט שטיל וועגן דעם סוף פון דעם מענטשן... יעדער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן דעם, אָבער קיינער וואָגט נישט די שטילקייט איבערצורייסן.

בעסאָן, דער וועמען מען וועט די טעג דאַרפן אַמפּוטירן דעם רעכטן

פוס און וועלכער ליידט דערוויל שרעקלעכע יסורים פון זיינע בראנד־וואונדן, ער רייסט דער ערשטער איבער די שטילקייט:

— אוי!... עס איז אים שוין בעסער ווי מיר, דעם אָרעמען בעל־טראמי!...

— שלאָף, און לאָז שלאָפן אַנדערע! — שרייט צו אים אַריבער וואשעראַן דער קאָפּע־קעלנער — אַלטער אייפערזיכטיקער, וואָס דו ביזט!... נישט געזאָרגט, דיין צייט וועט אויך קומען... אָבער נישט היינט ביינאַכט... אויף היינט האָב איך שוין גענוג... העי, דו, „פליענ־דיקער האָלענדער", האָסט נישט אַביסל שיינע מוזיק?... וואָס שווייגסט דו עפּעס לכבוד דער שמחה מיט דיין קאַטערינקע?... איך וויל נישט שענקען וועגן דער שמחה מיינע צוואַנציק סאַנטים, וואָס דו האָסט ביי מיר גענומען...

דער האָלענדער האָט זיך נישט לאַנג געלאָזט בעטן און האָט אויפ־געדרייט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. אַ פּיצעלקע רויט לעמפּעלע האָט אויפ־געלויכטן נעבן דעם האָלענדערס בעט אין דער פינצטערקייט פון זאַל. און גלייך דערנאָך האָט אַ קלינגענדיקער און אַ קלאַפּנדיקער דזשאַז־אָרקעסטער זיך צעקלונגען און זיך צעקלאַפּט איבערן גאַנצן זאַל... דאָס פּויקן פון פּויקן, דאָס שאַלן פון טרומפּייטן, דאָס קלינגען פון טאַצן און דאָס וויינען פון סאַקסאָפאָנען, האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם קרעכצן פון בעסאָנען, מיט דעם הוסטן פון האָלענדער, מיט דעם שנאָרכן פון דעם „נעגוס" און מיטן זיפצן פון דעם אַלטן לעווין, וועל־כער טרויערט נאָך זיין פאַרשטאָרבן ווייב, בענקט נאָך זיינע דעפּאָר־טירטע קינדער, און נאָך זיין איינציק אייניקל...

דער זייגער פון עפּעס אַ שכנותדיקן קלויסטער שלאָגט אויס צען קלינג. איך קען זיך נישט באַפרייען פון בעלטראַמים געל פּנים, פון זיינע גלעזערנע פאַרטערטע אויגן, פון דעם פרומען ליגן, וואָס די שוועסטער אַננאַ האָט אים געזאָגט... און פון דעם סקריפּען פון די

רעדליעך פון בעט, וואָס איז געבליבן הענגען אין דעם חלל פון דעם שפּיטאָל־זאַל, נאָכדעם ווי מען האָט בעלטראַמין אַרויסגעפירט...

איך דריי זיך אָפּ פון דעם ליידיקן אָרט, וואו עס איז ביז איצט געשטאַנען דאָס בעט נומער דרייצן... איך וואָלט זער געוואָלט שלאָפן, איך נעם איין אַ שלאָף־מיטל, מיין קאָפּ ווערט מיר שווער... אַלץ אַרום שווימט... כוואַליעט זיך... מיין בעט איז אַ שיפל... איך הוידע זיך אויפן ים, אויף די כוואַליעס...

•

אַז איך עפן אויף אינדערפרי די אויגן, שטייט ביי מיין בעט די שוועסטער מאַרי. עס איז שוין ליכטיק אינעם זאַל, שוועסטער מאַרי דערלאַנגט מיר דעם טערמאָמעטער.

די טעמפּעראַטור האָט, ווייזט אויס, זיך ביי מיר געהויבן... שוועס־טער מאַרי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט געפרעגט: „אַזוי גאָר?...” און זי האָט גיך אויפגעשריבן די טעמפּעראַטור אויף דער טאַבעלע, וואָס הענגט ביי מיר צוקאָפּנס און איז אַוועק.

דער קאָפּ איז מיר שווער. איך קען נישט אויפשטיין, צוגיין צום קראַן זיך וואַשן... קיינער פאַרלאַנגט דאָס אויך נישט פון מיר... שוועסטער מאַרי ברענגט מיר צו אַ שיסל וואַסער זיך אָרומצוואַשן.

איך קוק זיך אַרום אויפן זאַל, אויף די קראַנקע, וועלכע שטייען אויף פון זייערע בעטן, אויף די שוועסטערן, וועלכע פּאַכען מיט ליי־לעכער און קאָלדרעס, מאַכן גלייך די געלעגערס פון די קראַנקע. איך דערמאָן זיך, אַז בעלטראַמי איז טויט, און איך חידוש זיך, וואָס אַלע גייען אַזוי גלייכגילטיק פאַרביי דאָס ליידיקע אָרט, וואו עס איז נאָך נעכטן געשטאַנען דאָס בעט נומער דרייצן, וואָס קיינער רעדט נישט וועגן בעלטראַמין... וואָס קיינער וואָגט נישט וועגן אים ביי די שוועסטערן נאָכצופרעגן...

אויף דעם ליידיקן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דאָס בעט נומער

דרייצן, האָט שוועסטער אננא אויסגעשפּרייט אַ ליילעך, זי ליגט אין דעם ווייסן ליילעך אַריין: אַ פּאַלטן, אַ פּאָר שיך, אַ פּאָר הויזן און עטלעכע שטיקלעך וועש... זי פאַרשרייבט אַלץ זאָרגפעלטיק אין אַ גרויסן בוך... יעדע זאַך, יעדע שמאַטע, יעדע פּאָר צעריסענע גאַטקעס, שפּילט שוין איצט אַ גרעסערע ראָלע ווי דער מענטש בעלטראַמי...

אויפן נאַכט־טישל נומער דרייצן איז געבליבן ליגן אַ פאַריתומטער נאַטור־מאָרט: אַ האַלב פלעשל וואַסער, אַ גלאָז, אַ שטיקל אָפּגעשיילטע פּאָמעראַנץ, צוויי סוכאַרעס און אַ גרויסער פאַרצייטישער זילבערנער קעשענע-זייגער, וואָס די ווייזערלעך זענען שטיין געבליבן צווישן די באַגילדעטע רוימישע ציפערן דריי און פיר...

בעלטראַמיס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט...

בעלטראַמיס זייגער קלאַפּט אויך נישט מער...

# אין קינדערהיים

מיינע זונדעלעך: הערשעלע און פסח'ל — אַ מתנה.

עס איז האַרבסט. אינדרוויסן איז טריב, נאַס, רעגנדיק. די וואָלקנס זענען אַראָפּגעפאַלן פון הימל און ליגן דאָ אויסגעלייגט אין דאָרף אויף דער ערד.

ווען מען וואָלט איצט געמעגט אַרויסגיין אינדרויסן, וואָלט מען געגאַנגען אין די וואָלקנס... קען זיין, אַז אין די וואָלקנס וואָלט מען געקענט זען מלאכים אַרומפליען...

אַלץ איז פאַרשוואונדן: דאָס דאָרף, די בערג, די גאַנצע שווייץ. נישט דאָ מער קיין שווייץ, נישט דאָ מער קיין בערג, נישט דאָ מער קיין דאָרף.

נישט דאָ מער דער „גראַנד האָטעל" — דער לאַגער... וואו זענען אַהינגעקומען אַלע פּאַפּאַס מיט אַלע מאַמאַס? אפשר זענען זיי שוין אויך געוואָרן מלאכים?

דער קלויסטער-זייגער קלינגט, אָבער מען זעט נישט דעם קלויסטער. נישט דאָ דער קלויסטער, נישט דאָ דאָס טורעמל מיטן גלאָק, און נישט דאָ דער זייגער.

נישט דאָ דער באַרג מיט די הילצערנע הייזקעלעך, מיט די גרינע לאָדנדלעך. און אפילו דאָס באַרג-באַנדעלע, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ פון באַרג אין דאָרף אַריין, ווי מען גליטשט זיך אַראָפּ אויף אַ פאַרענ-משע — איז אויך פאַרשוואונדן.

די קועלעך קלינגען מיט זייערע גלעקער אויף די העלדזער. אָבער וואו זענען זיי, די קועלעך? די קועלעך זענען אויך מסתמא אין די

וואַלקנס... עס מוז זיין זער שיין צו זעען ווי די קיעלעך פיטערן זיך אין די וואַלקנס.

●

ווען די לערערקע וואָלט נישט געווען אַזאַ שלעכטע, ווען זי וואָלט געלאָזן אַרויסגיין, וואָלט מען אַרומשפּאַצירט אין די וואַלקנס... און דערנאָך, ווען עס וואָלט זיך אויסגעלייטערט, און די וואַלקנס וואָלטן צוריק אַרויף אין די הימלען — וואָלט מען מיט זיי מיטגע־פלויגן... אוי ווי שיין, ווי גוט וואָלט דאָס געווען!... אַזוי, אַז מען טאָר נישט אַרויסגיין, וועלן זיי אַלע: ביידע לאַגערס, דער „כשרער לאַגער" און דער „טרפהנער לאַגער", און די גאַנצע שווייץ, מיט דעם דאָרף, מיט די בערג, מיט די הייזקעלעך, מיט דעם קלויסטער, מיט דעם באַרג־באַנדעלע, און אַלע מענטשן, מיט אַלע קיעלעך — אַלע, וועלן זיי אַרויף מיט די וואָלקנס אין די הימלען, און מיר וועלן אַזוי מוזן אויף אייביק בלייבן אין דעם קינדערהיים, און וועלן אייביק מוזן עסן רייז מיט ראַזשינקעס...

די לערערקע האָט שטרענג פאַרווערט אַרויסצוגיין. עס איז זער גע־פערלעך — האָט זי געזאָגט. — מען פאַרקילט זיך, מען קריגט היץ, מען ווערט קראַנק... „און מען שטאַרבט" — האָט מאַרים, דער עלט־סטער צווישן זיי צוגעגעבן, כדי אָפּצושרעקן דאָס „קליינוואַרג".

אָבער קליינוואַרג האָט זיך גאָרנישט אַזוי שטאַרק אָפּגעשראָקן פאַרן שטאַרבן: „באַ — האָט זשאַקי געזאָגט — שטאַרבן, אויך מיר אַן עסק... אַז מען שטאַרבט, גייט מען אַרויף אין הימל, מען קומט אין גן־עדן, און מען זעט גאָט"...

אָבער עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום טענות, מען האָט געמוזט בלייבן אינעווייניק.

●

אינעווייניק, איז נישט די זעלביקע זאַך וואָס אינדרויסן. אינ־

דרויסן, אַז מען קומט אַרויס, איז אײנגאַנצן אַ נײַע וועלט מיט נײַע שפּילערײַען. איטלעכער געפינט זיך דאָס, וואָס ער האָט ליב:

זשאַנאַ, למשל, קלעטערט אַרויף, ווען קיינער זעט נישט, אויף אַ בוים, און אַז ער איז שוין גאָר אויבן, באַהאַלטן צווישן די בלעטער, ווערט ער אַ פויגל — אַ קוקו, און ער שרייט אַראָפּ: „קוקו! קוקו!"

„מוקי" פאַרטשאַיעט זיך הינטערוויילעכס הינטער אַ מיידעלע, ווען זי איז שטאַרק פאַרשפּילט מיט איר ליאַלקע, און שטעלנדיק זיך הינטער איר אויף אַלע פיר, בילט ער: „האַו! האַו!" ווי אַן אמתדיק הינטל. דאָס מיידעלע טוט אַ צאַפּל פאַר שרעק, צעוויינט זיך, אַנטלויפט, און אַלע קינדער לאַכן.

מען פאַרוויילט זיך זער גוט אינדרויסן: מען טאַנצט, מען שפּרינגט, מען הוידעט זיך אויף די טירן פון גאָרטן, און די טירן סקריפּען אַזוי שיין צו צום טאַקט... מען יאָגט זיך אַרום אין גאָרטן איינער מיט דעם אַנדערן, און אַז מען כאַפּט זיך, גייט מען אַ געוועט: ווער וועמען עס וועט לייגן...

עס איז זער פריילעך אינדרויסן, אויפן פרייען פעלד, אין גאָרטן, און זייער טרויעריק איז צו זיצן אינעווייניק אין קינדערהיים.

●

אייערנעכטן האָט מען געשפּילט אין מלחמה... מאָריס איז געווען דער גענעראַל. מען האָט זיך צעטיילט אויף צוויי אַרמעען, און מען האָט געשאָסן איין אַרמעע אויף דער אַנדערער... אין אָנהויב, בלויז מיטן מויל: פּאַם! פּאַם! פּאַם!... אָבער שפּעטער האָט מאָריס אויסגעפונען, אַז בלויז מיטן מויל קען מען דעם שונא נישט באַזיגן... האָט מען זיך באַוואָפנט מיט שטעקנס, מיט העלצער און מיט שטיינער, און מען האָט זיך אַזוי שיין געשפּילט... האָט אָבער אימיצער געטראָפן סילווענען אַ שטיין אין קאָפּ אַריין, און מען האָט אים געמוזט אַוועקפירן צו דער דאָקטאָרין. די דאָקטאָרין האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקאָנט ווערן טויט... די דירעקטריסע האָט געשריגן, און

זי האָט פאַרוועדט צו מאַכן מלחמות... „מען קען — זאָגט זי — אי־מיצן נאָך חלילה דערהאַרגענען"... נו, אויף דערויף איז דאָס דאָך אַ מלחמה... פעטער זשאַק איז דאָך אויך געוואָרן טויט אין דער מלחמה... די גרויסע מעגן אַלץ, און מיר טאָרן גאָרנישט...

●

עס איז זער אַ שאָד, וואָס מען האָט געמוזט אויפהערן די מלחמה אין סאַמע בעסטן, ווען מען האָט זיך אַזוי גוט געשלאָגן... אָבער אי־דרויסן קען מען אַלץ... אַז מען האָט געמוזט מאַכן „שלום", האָט מאָרים גלייך אויסגעקלערט אַ נײַ שיין שפּיל : „נאָך דער מלחמה" האָט דאָס שפּיל געהייסן.

מען האָט אָנגעטראָגן זאַמד און שטיינער, און מען האָט געבויט אַ הויז. מען האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב, און מיט קאָנסערוון־פּושקעלעך האָט מען געבראַכט וואַסער פון ברונעם, מען האָט אָנגעפולט דעם גרוב, און עס איז געוואָרן אַ טײַך...

מען האָט אָנגעריסן ריטלעך, מען האָט צו זיי צוגעבונדן שטריק־לעך, און מען האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם „טײַך" כאַפּן פיש.

דערנאָך, אַז מען האָט שוין געהאַט גענוג פיש אָנגעכאַפּט, האָט מען זיך געשפּילט אין אַ „לאַגער".

„רירי", דער מיטן רויטן קאָפּ האָר, וועלכער איז דער שטאַרק־סטער, דער דיקסטער פון אַלע, דער פאַר וועלכן אַלע האָבן מורא — איז געוואָרן „לאַגער־לייטער".

ער האָט איינגעטיילט איטלעכן אַרבעט. יעדער האָט געמוזט עפּעס טון: האַקן האָלץ, שלעפּן וואַסער, שיילן קאַרטאָפל; און ער, דער „לאַ־גער־לייטער", איז געשטאַנען מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, און האָט קאָמאַנדעוועט, געשריגן און גע־זידלט, און האָט באַשטראָפט די קליינע זשיגעט: פאַר דאָס, וואָס זי האָט נישט געשיילט גענוג קאַר־טאָפל, וועט זי נישט קענען פאָרן צו איר ליאַלקע אויף אורלויב...

זשיגעט האָט געוויינט, און האָט אויסגעשריגן פאַר אַלע „פליכט־

לינגע", אַז דער „לאַגער־לייטער" איז אַ גנב... אַז מען האָט אָנגעכאַפּט אָן אַ שיעור פּיש און ער האָט זיי אַליין אויפגעגעסן... אַז ער עסט אויף דעם צוקער, און זיי גיט ער צו טרינקען קאַווע מיט סאַכאַרין... אַז נעכטן האָט ער געדאַרפט געבן פּוטער צום נאַכט־עסן — האָט ער גאָר געגעבן רעטעך....

מען האָט זיך זייער שיין געשפּילט. מען האָט אַזויפיל געלאַכט. נאָר ער, „רירי" דער „לאַגער־לייטער", האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים זידלען און מען זאָל פון אים לאַכן, האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל זיך מער נישט שפּילן אין קיין „לאַגער", ער האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין „נאָך דער מלחמה", און זיין מאַמע זאָגט, אַז נאָך דער מלחמה וועלן שוין מער נישט זיין קיין לאַגערס...

טאָ וואו וועלן דעמאָלט זיין אַט די אַלע מענטשן?

●

אַ שאָד, וואָס „רירי" וויל זיך מער נישט שפּילן אין קיין לאַגער!... דאָס איז זייער אַ שיין שפּיל, און צום שענסטן איז, ווען מען שפּילט זיך אין אַ „כשר־לאַגער"... מען טיילט זיך אויין אין צוויי חברות : „כשרע" און „טרפהנע"... די ייִנגלעך, וואָס ווילן אָנקומען צו די „כשרע", מוזן דורכגיין דורך דעם כשרן „לאַגער־לייטער", ער שלעפּט זיי אַרויס די העמדלעך פון די הייזלעך, און זעט נאָך, אויב זיי טראָגן ציצית... געפינט ער ביי זיי ציצית, נעמט ער זיי אָן, טראָגן זיי נישט קיין ציצית — מוזן זיי גיין צו די טרפהנע...

די אָנגענומענע, קריגן פּאַפּירענע קאַפּעלעך, וועלכע זיי טוען גלייך אָן אויפן קאָפּ, און זיי ווערן „כשרע"... זיי גייען זיך באַזונדער, און ווילן זיך מיט די „טרפהנע" מער נישט מישן.

די מיידעלעך וואָס ווילן ווערן „כשרע" ווידער, מוזן זיך קויפן ליכטעלעך, פאַרשטעלן זיך מיט די הענטעלעך די אויגעלעך, זיך צאַביסעלעך שאָקלען, עפּעס מורמלען שטיל און זאָגן דערנאָך „גוט שבת".

די „כשרע" הענגען זיך אָן האַנטעכלעך אויף די אַקסלען, שאָקלען

זיך, פּאַטשן מיט די הענט, און בלאָזן שופר. און אַז אַ „טרפהטער"
וויל צוקומען אַ קוק טון, מוז ער זיך אַרויפלייגן אַ נאָזטיכל אויפן קאָפּ.

די „טרפהנע" זענען דעמאָלט זער מקנא די „כשרע", עס איז ביי
די „כשרע" אַזוי יום־טובדיק, שיין און ביי זיי איז אומעטיק און
וואָכעדיק... זיי שטעלן זיך אַוועק קוקן ביים „לאַגער", ווי די שקציםלעך
אינדערהיים, פלעגן אַריינקוקן דורך די פענצטער פרייטאָג צונאַכטס
אין די יידישע שטובן.

●

מען שפּילט זיך אויך אין „שפּרעך־שטונדע" : „רירי", אַט דער
מיטן רויטן קאָפּ האָר, דער „לאַגער־לייטער", זעצט זיך אַוועק אויף
אַ קלאָץ מיט אַ טעלעפאָן ביים אויער, און אַלע „פליכטלינגע" קומען,
איינער הינטערן אַנדערן צו אים אָן, און בעטן ביי אים פאַרשידענע
טובות... און ער האָט אויף אַלעמען איין ענטפער : „מאַכן זי אַ געזוך
צור צענטראַל־לייטונג"...

מען לאַנגווייליקט זיך נישט אינדרויסן. יעדער קען טון, וואָס ער
וויל. הענרי, למשל, דאָס בלאַסע דאַרע יינגעלע מיט די גרויסע שוואַר־
צע אויגן, ער שפּילט זיך נישט מיט, מיט די אַלע שפּילן... ער, אַזוי
ווי ער קומט נאָר אַרויס אין גאָרטן, נעמט ער גלייך אָנקלויבן בלימע־
לעך... ער מאַכט אַ בינטל, און זאָגט, אַז ער וועט דאָס געבן זיין מאַ־
מען, ווען זי וועט צו אים קומען...

אָבער זיין מאַמע קומט קיינמאָל נישט אים לייגן שלאָפן... אַלע
ווייסן, אַז זיין מאַמע איז דעפּאָרטירט, נאָר מען וויל דאָס אים נישט
זאָגן... „רירי" איז אַ שלעכט קינד : ער האָט זיך אַנומעלט געריצט
מיט הענרי, אַז אים וועט די מאַמע קומען לייגן שלאָפן, און זיין מאַמע
וועט נישט קומען... ער האָט אים געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן זיין
מאַמען אויסגעטון נאַקעט, און אַריינגעוואָרפן אין אַ ברענענדיקן אויוון
אַריין. הענרי האָט זיך אַ וואָרף אַנידער געטון אויף דער ערד, און

געוועמען שרעקלעך וויינען. די דירעקטריסע איז אַנגעלאָפן, האָט אים אַריינגעטראָגן אויף די הענט, און האָט שפּעטער אָנגעזאָגט, אַז מער זאָל מען אים דאָס נישט זאָגן. און אים העגרין האָט זי פאַרזיכערט, אַז זיין מאַמע וועט צוריקקומען...

די דירעקטריסע ווייסט דאָך נאָך בעסער ווי „רירי".

●

אינדרויסן איז אַ פרייע וועלט. וואָס איינער וויל טוט ער... אינעווייניק, אין קינדערהיים, אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג, ווען מען טאָר נישט אַרויסגיין, איז שלעכט. אַלץ וואָס מען וויל טון — טאָר מען נישט.

וויל מען זיך אַראָפּגליטשן פון דער פּאַרענטשע, איז נישט מעגלעך צוצוקומען. די פּאַרענטשע איז קליין, אינגאַנצן איין שטאָק שטיגן... פאַלט אימיצער אויף דער המצאה זיך אַראָפּצוגליטשן, זענען באַלד אַלע דאָ... און מאָרים ווערט באַלד דער קאָמענדאַנט, און ער קאָמאַנדעוועט, אַז מען זאָל זיך שטעלן אין דער רייע. און איידער עס קומט אונטער דיין רייע זיך אַראָפּצוגליטשן, קומט דערווייל אונטער די לערערקע. און שרייט שוין, אַז מען טאָר נישט.

נו, פאַרפאַלן. אַז מען טאָר נישט, טאָר מען נישט... אָבער וואָס איז שוין פאַראַנען פאַר אַן אומשולדיקערע זאַך ווי אַראָפּשפּרינגען פון די עס־טישן ? דאָס טאָר מען שוין אפילו אויך נישט.

אויסגעקלערט דאָס שפּיל האָט „ביבי". ער איז דער ערשטער אַריין אין עס־זאַל. קיינער איז דאָרט נישט געווען. האָט ער אַרומגעשפּרייזט אַ צוויי דריי מאָל הין און צוריק לענגאויס דעם זאַל, און האָט זיך מיישב געווען, איז אַרויף אויף אַ שטול, פון שטול — אויפן טיש, און אָפּגעציילט : איינס, צוויי, דריי, און אַ שפּרונג אַראָפּ געטון. ער איז גלייך דערנאָך נאָכאַמאָל אַרויף, און ווידער אַראָפּגעשפּרונגען. און דערנאָך זענען אָנגעקומען : זשאַנאַ, און זשאָזעף, און ביבי, און ליולו, און אפילו די מיידעלעך זענען אויך געווען בעלנים אויף דעם

פאַרגעניגן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, זענען אַלע קינדער געשפּרונ־
גען פון די טישן. און אַז עס האָבן אויסגעפּעלט טישן, איז מען אַרויף
אויף די קרעדענסן. און איטלעכער האָט געוואָלט דעם אַנדערן איבער־
שטייגן. און דאָס שפּרינגעניש איז געוואָרן באַגלייט מיט אַזעלכע
קולות, אַז עס זענען זיך אַנגעלאָפן: די דירעקטריסע, די לערערקעס,
און אַפילו דאָס קיך־פּערסאָנאַל, און מען האָט די גאַנצע חברה פאַר־
טריבן אין שפּיל־זאַל.

●

מיד איז מען געוועזן, דערשוויצט, און די דירעקטריסע האָט אָנ־
געשריגן, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט: ווער אויף דער קאַנאַפּע, ווער
אויף אַ שטול, אַנדערע אויף דער ערד; און אַ צוויי דריי, האָבן נאָך
אויפגעעפנט די שראַנק, זענען דאָרט אַריינגעקראָכן, און זיך פאַר־
מאַכט.

אין אַ ווינקל אויף דער ערד איז געזיצן היינריך. ער האָט אַרויסגע־
שלעפּט פון זיין פּאַרטעכל־קעשענע עפּעס אַ שיין זילבערן פּאַפּירל,
האָט עס אויסגעגלייכט, אויסגעגלעט אויף זיין נאַקעטער קני, און איז,
ווייזט אויס, געווען פון דעם זילבערנעם פּאַפּירל זער צופרידן, דען ער
האָט זיך אַזש צעזונגען מיט עפּעס אַ לידל, וואָס ער האָט נאָך אַמאָל
אין לייפּציק געהערט.

פּלוצעם האָט מאָריס אַ זאָג געטון:

— ער איז אַ „באָש“...

— אַ געשטאַפּאָ — האָט זיך אָנגערופן זשאַקי.

— היטלער! — האָט צו אים סאַ געשריי געטון „רירי“.

— היטלער! היטלער! היטלער! — האָבן אַ פּאָר צענדלינג שטי־
מעלעך געגומעו שרייען מיט איינמאָל.

מאָריס האָט זיך מיישב געווען, אַז בלויז שרייען איז נישט גע־
נוג, און האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף „היטלערן“ דערקלערן מלחמה...

און שוין זענען צו אים צו א חברה יונגען, האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף געטון, האָבן אים אַרויסגעריסן דאָס זילבערנע פּאַפּירל, עס צעריסן אויף פּיצ־פּיצלעך, און האָבן עס צעשיט אין דער לופט.

היינריך האָט זיך געפּרואווט אַקעגנשטעלן, האָט מען אים אַני־דערגעלייגט, מען איז אויף אים אַרויפגעפאַלן, מען האָט אים געדושעט און געשריגן:

—טויט אים! טויט אים! ער האָט דעפּאָרטירט יידן!

אין אָנהויב, האָט היינריך העלדיש געקעמפט. ער האָט זיך פאַר־טיידיקט, מיט קולאַקעס, מיט סטוסאַקעס, האָט מיט די נעגל געגראַ־משעט, האָט ביי די האָר געריסן... אָבער אַז די מחנה קעגן אים איז געוואָרן גאָר גרויס, האָט ער זיך אונטערגעגעבן, און זיך צעוויינט.

— ער האָט פאַרשפּילט! — האָט מאַרים געמאָלדן.

— ער האָט פאַרשפּילט! ער האָט פאַרשפּילט! — האָבן אַלע, אין כאָר, גענומען זינגען — היטלער האָט פאַרשפּילט די מלחמה! היטלער האָט פאַרשפּילט די מלחמה!

און איינער הינטערן אַנדערן האָבן זיי זיך פאַרמירט אין אַ קאָר־טעזש, און האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום „היטלערן”:

—היטלער האָט פאַרשפּילט די מלחמה! היטלער האָט פאַרשפּילט די מלחמה! און „היטלער” איז געלעגן אויף דער ערד, געשלונגען די טרערן, און געזופּט פון דער נאָז.

●

פלוצעם האָט מאַרים, אַ באַגייסטערטער פון דעם זיג איבער „היט־לערן” גענומען זינגען די מאַרסעליעזע. אַלע קינדער האָבן אונטער־געכאַפּט.

געענדיקט די מאַרסעליעזע, האָט אימיצער אָנגעהויבן דעם שווייצער הימען. אַלע האָבן געוואוסט, וואָס דאָס איז, האָבן געוואָלט מיט־זינגען, עס האָט אָבער נישט געקלאַפּט, נישט אַלע האָבן געקענט.

יאָסעלע האָט גענומען זינגען די יידישע מאַרסעליעזע — די „התקוה". דאָס האָבן אַלע געקענט, און האָבן זיך אַזוי באַגייסטערט, אַז איינער האָט געוואָלט איבערשרייען דעם אַנדערן.

די ווערטער האָט געקענט בלויז יאָסעלע. קיינער האָט אָבער די ווער־טער נישט פאַרשטאַנען. דעם ניגון האָבן אַלע געקענט, און אַ גרויסער טייל האָט אויך געקענט מיטזינגען די פּאָר ווערטער : „עוד לא עבדה תקותנו"...

פּיעראָ, דאָס יינגעלע מיט די לאַנגע בלאָנדע לאָקן, און מיטן זיל־בערנעם צלם אויפן האַלדז, האָט מיטגעזונגען, און געשריגן נאָך הע־כער ווי אַלע : „עוד לא עבדה תקותנו"...

— דו שווייג! — האָט מאָריס צו אים פּלוצעם אַ זאָג געטון. — דו האָסט נישט קיין רעכט דאָס צו זינגען!...

— דו ביזט אַ קאַטאָליק — האָט אים אונטערגעהאָלפן זשאַקי.

—אַ משומד ! — האָט אונטערגעבאַפּט „רירי".

— אַ גוי, ער וועט גיין אין גיהנם אַריין — האָט געזאָגט „קיקי".

— ער וועט גיין אין גיהנם אַריין, ער איז נישט קיין ייד — האָבן אַ פּאָר צענדלינג שטימען געשריגן.

— יאָ, איך בין אַ ייד — האָט זיך פּיעראָ אויפגעשטעלט — מיין טאַטע איז אַ ייד.

— דיין טאַטע איז אויך געשמדט — האָט אים געענטפערט מאָריס.

— און זיין מאַמע איז אַ גויע — האָט געזאָגט יאַקאָב — מיט

אַזאַ גרויסן צלם אויפן האַלדז — האָט ער אָפּגעמאָסטן די גרויס פון צלם, צעציענדיק די הענטעלעך ווי וויט ער האָט נאָר געקענט.

— זיין מאַמע קניט מיט אים יעדן אָוונט אַנידער — האָט עדות געזאָגט יאָסעלע — און זיי בעטן צום גויעשקן גאָט... יאָ, יאָ, ער האָט דאָס אַליין געזען, ער שלאָפט מיט אים אין נומער זיבן.

— גוי, גוי, אין גיהנם אריין ! גוי, גוי, אין גיהנם אריין ! —
איז געוואָרן אַ געזינגעריי, און מאָרים האָט אויסגעטייטשט :

— אַז ער וועט שטאַרבן, וועט מען אים באַגראָבן אויף דעם גויעשקן בית־עולם... און דערנאָך וועט ער מוזן אַדורכגיין די ערד, און וועט צוקומען צו אַ וואַסער... נאָך דעם וואַסער, איז ווידער דאָ ערד, און נאָך דער ערד — איז ווידער דאָ וואַסער... אַזוי אָן אַ שיעור ערד און וואַסער, וואַסער און ערד... און אונטער דעם לעצטן וואַסער איז דאָ אַ פייער, דאָס איז דאָס גיהנם... דאָרט זיצט דער טייוול... דער טייוול וועט אים אַ כאַפּ טון און אים טון אַ וואָרף אַריין אין גיהנם.

ביי פּיעראָן זענען די בלויע גרויסע אויגן פול געוואָרן מיט טרערן, ער האָט זיך אָבער געשעמט צו וויינען.

●

ביים אוונט־ברויט, איז פּיעראָ געזיצן טרויעריק, ער האָט דאָס עסן נישט אָנגערירט. שפּעטער, ווען די מאַמעס קומען אויסטון און לייגן שלאָפן זייערע קינדער, האָט פּיעראָס מאַמע געפונען איר קינד אַ טרויעריקן. ער האָט אַפילו צו די זיסווארגן, וואָס די מוטער האָט אים געברענגט, נישט געוואָלט זיך צורירן. זי האָט אים געטאַפּט דאָס קעפּל, אויב ער האָט נישט קיין היץ, האָט אויסגעפונען, אַז עס איז אים גאָרנישט, אַז ער פּיעשטשעט זיך... האָט זי אים אויסגעטון, און געלייגט אין בעט אַריין.

אַ צענדלינג קינדער פון די שכנותדיקע צימערן, זענען, אין נאַכט־העמדער און אין פּידזשאַמעס, אַרוים פון זייערע בעטן, און אונטער דער אָנפירונג פון מאָריסן, האָבן זיי זיך פאַרקליבן הינטער דער טיר נומער זיבן, האָבן זי לייכט געעפנט, און האָבן אַריינגעקוקט דורך דער שמאָלער שפּאַרע, כדי צו זעען אויב דאָס, וואָס יאָסעלע האָט געזאָגט איז אמת...

פּיעראָס מאַמע האָט זיך געאַמפּערט מיט פּיעראָן : זי האָט דוקא

געוואָלט, אַז ער זאָל אַנידערקניען, און זאָל זאָגן מיט איר דאָס געבעט, און פּיעראָ האָט באַין אויפן נישט געוואָלט.

— איך וויל נישט! — האָט פּיעראָ געשריגן — איך וויל נישט זיין קיין קאַטאָליק, און גיין אין גיהנם אַריין !... איך וויל זיין אַ ייד, וויל איך, און שוין !

די צעעפנטע שפּאַרע אין דער טיר איז אַלץ גרעסער געוואָרן, און אַז פּיעראָ האָט פּלוצעם דערזעען די מחנה קינדער אין דער שפּאַרע פון דער טיר, איז ער גאָר האָפּערדיק געוואָרן, און אַנשטאָט אַנידערצוקניען, האָט ער זיך גאָר אויפגעשטעלט אין בעטלע, און האָט פייערלעך אויסגעזונגען: „עוד לא עבדה תקותנו !"...

# האָטעל רוזוועלט

אין די הייסע טעג פון יוני נײַנצן-פערציק, האָט זיך אין פראַנקרייך אָנגעהויבן דער „עקזאָד“ — דער „ויסעו ויחנו“ פאַר דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג : געיאָגטע פונעם האַקנקרייץ, פון באָמבאַרדירונגען און עוואַקואַציעס, האָבן אויף די וועגן פון פראַנקרייך, זיך אַרויסגעלאָזן מיליאָנען מענטשן : אין באַנען, אין אויטאָמאָבילן, אויף פערד־און־וועגענער, אויף רייט-וועגעלעך און צופוס; מיט וואַליזעס אין די הענט, מיט קלימקעלעך אויף די פאַרשוויצטע פלייצעס; מענער, ווייבער, זקנים און קליינע קינדער; אָפט מיט זויג־קינדער אין די קינדער־וועגעלעך — האָבן זיי זיך, טאָג און נאַכט, געשלעפּט אויף די וועגן, האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער צעפאַלענער פראַנצויזישער אַרמעע, וואָס איז אַ צעפלאָשעטע, ווי שאָף אָן אַ פאַסטעך, געלאָפן פון דער „מאַזשינאָ־ליניע“... זעלנער און ציווילע זענען צוזאַמען געלאָפן, און אָפט אויך צוזאַמען, אונטער דעם געוואָי פון סירענעס, זענען זיי געפאַלן מיט די פאַרשוויצטע, צעשראָקענע פנימער צו דער אויסגעטרוקנטער, שטויביקער ערד, אָדער האָבן זיך באַהאַלטן צווישן גרינע שטעכעדיקע קוסטעס, אין די וועלדער און צווישן הויכע, צייטיקע תבואה־זאַנגען אויף די פעלדער... די דייטשע עראָפּלאַנען מיט די שוואַרצע האַקנקרייצן, האָבן, מיט אַ פאַרטויבנדיקן גערויש, זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק, איבער די קעפּ פון די אַנטלויפנדיקע זעלנער און ציווילע, און האָבן, אָן שום רחמנות, זיי באַשאָסן מיט אַ האָגל פון קוילן...

מידע פון לויפן, אָפּגעשוואַכטע פון שרעק, הונגער און דורשט, פאַרברענטע פון דער הייסער יוני־זון, איז דער רוב פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג גיך אָפּגעשטאַנען... זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין

פאַרלאָזענע הייזער, אין האַלב-אָפּגעברענטע פאַרמעס פון די שטעט־לעך און דערפער. די פלינקע דייטשע מאָטאָציקלען און די גרויע פּאַנ־צערס, מיט זייערע ציינערדיקע רעדער און אַרויסשטאַרצנדיקע האַר־מאַטן־העלדזער, האָבן די צעפלאָשעטע מחנות גיך איבערגעיאָגט, האָבן די שטעט און די דערפער, איינס נאָכן אַנדערן, אָן שום ווידער־שטאַנד, איינגענומען; זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די מלוכה־געביידעס די בלוי-ווייס־רויטע פענער, האָבן אַרויפגעצויגן זייערע בלוט־רויטע פענער מיט די שוואַרצע האַקנקרייצן, און האָבן געגעבן באַפעלן צו די פליטים זיך צוריקצוקערן אין זייערע היימען.

מער צעשראָקענער פון אַלע, איז געלאָפן די יידישע באַפעלקערונג פון די יידישע ישובים: פון בעלגיע און פראַנקרייך; פון די קהילות פון בריסל, אַנטווערפן, ליל, מעץ, שטראַסבורג און פּאַריז. די יידישע פליטים האָבן עקשנותדיק געקעמפט: מיט דער מידקייט, מיט דעם הונגער, מיט דעם דורשט, מיט דער היץ; זיי האָבן זיך נישט אָפּגע־שטעלט און זענען נישט צוריקגעגאַנגען; דען זיי האָבן געוואוסט, אַז פאַר זיי איז נישט דאָ קיין „צוריק"... אַז זיי מוזן לויפן, ווי פון אַ שרעקלעכער מגפה, ווי פון אַ פּעסט!... וואָס ווייטער — אַלץ בעסער, וואָס ווייטער פון זייער גרעסטן שונא, וואָס ווייטער פון האַקנקרייץ...

עס זענען געלאָפן: פראַנצויזישע יידן, וואָס האָבן אויסגעזעען ווי גויים, וואָס האָבן גערעדט פראַנצויזיש און האָבן גוט געקענט די פראַנצויזישע ערד, מיט אירע שטעגן און וועגן; און עס זענען אויך געלאָפן די איינגעוואַנדערטע יידן, וואָס חוץ זייער יידישקייט, זענען זיי נאָך אויך געווען „פרעמדע" אין דעם לאַנד; פרעמד איז זיי גע־ווען די פעטע, שעפעדיקע, פראַנצויזישע ערד, פרעמד און מיט האַס — די בליקן פון דער פראַנצויזישער באַפעלקערונג, און אָפט אפילו אויך די בליקן פון זייערע אייגענע פראַנצויזישע ברידער... אַ פרעמד־קייט און אַן עלנט, האָט צו זיי געווייעט פון אַלע ווינקעלעך פון דעם פרעכטיקן, צעבליטן פראַנצויזישן לאַנד, און הינטער זיי האָט זיי

נאָכגעיאָגט, ווי פרעה האָט נאָכגעיאָגט זייערע אור־עלטערן, בעת זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, מיט א שרעקלעכער שנאה, דער בלוטיקסטער שונא זייערער — דער האַקנקרייץ...

עס זענען געלאָפן יידן פון אַלע שיכטן, פון אַלע קלאַסן: אַרויפ־געאַרבעטע, אימיגרירטע יידן, זענען געפאָרן אין זייערע שפּיגלדיקע, רייכע אויטאָמאָבילן, אָפּגעברענטע מאַרק־הענדלער, האָבן זיך געהעצ־קעט אין זייערע אָפּגענוצטע, צעטרייסלטע אויטאָמאָבילן, פּאַריזער בעלי־מלאכות און אַרבעטער, האָבן זיך אַרויסגעלאָזן צופוס, האָבן אויפגעהויבן די הענט צו יעדן דורכפאָרנדיקן וואָגן, האָבן אויסגע־בעטלט אַ פּאָר קילאָמעטער פאָרן, און זענען דערנאָך ווייטער געלאָפן צופוס... עס זענען אויך געלאָפן: צעשראָקענע, גרייז־גרויע רבנים און דיינים, אין לאַנגע יופּעצעס, פּליושענע קאַפּעליושן, מיט לאַנגע באָרד־און־פּיאות, מיט זייערע באַשייטלטע רביצנס און מיט זייערע זיידענע רבנישע קינדער... אויך יונגע, מאָדערנע ראַבינערס, אין קורצע רעק־לעך, מיט, און אָן באָרד־און־פּיאות; מוהלים, שוחטים, גבאים און שמשים, מיט בערדלעך און קאַפּעליושן און מיט אַרונטערגעמאַכטע פּיאות הינטער די אויערן... און געשלעפּט האָבן אָפּט די מענטשן: אַ חוץ דעם נייטיקסטן, טלית און תפילין, און אויך גאַנץ אָפּט: ווער אַן אָפּגעראַטעוועטע ספר־תורה, ווער אַ מגילה, אַ שופר, אַ חנוכה־לאָמפּ, אַ בשמים־ביקסל, אָדער אַן אַנדערן חפץ — אַ ירושה פון אַ טייערן טאַטן, אָדער זיידן, וואָס איז אַן אויסגעפּרוּווטע סגולה, אָפּגעהיט צו ווערן פון כלע בייז...

•

נאָכן וואָפנשטילשטאַנד, איז פראַנקרייך צעטיילט געוואָרן אויף צוויי־ען: אויף אַ „באַזעצטן געביט", וואו עס האָבן געוועלטיקט די נאַ־צים, און אַן „אומבאַזעצטן געביט", וואו עס האָבן געהערשט פּעטען און לאַוואַל.

פון דער נע-ונדער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך נאָר אַ קליי־

נער טייל צוריקגעקערט אין דעם „באַזעצטן געביט“; און די, וואָס זענען יאָ צוריקגעגאַנגען, זענען געגאַנגען נאָר אויף דערווײַלע, ווער עס האָט געהאַט עפּעס וויכטיקס צו דערלעדיקן, ווער עס האָט געהאַפּט אימיצן, אַ פאַרלוירענעם משפּחה־מיטגליד אויפצוזוכן, אָדער עפּעס אפשר, פון פאַרמעגן אַרויסצוראַטעווען און באַלד צוריקצוקומען... דער גרעסטער טייל אָבער, האָט גלייך אויפגעשלאָגן זיינע געצעלטן אין דער „פרייער זאָנע“... און ווי איינער עס האָט געקענט, אַזוי האָט ער זיך איינגעאָרדנט: ווער עס האָט געלעבט פון גרייטן, ווער עס האָט זיך גענומען אַביסל אונטערצוהאַנדלען אָדער זוכן אַ ביסל אַרבעט ביי אַ פּויער; און אַ גאָר גרויסער טייל, האָט געמוזט גלייך, פון דער ערשטער מינוט אָן פון זיין פאַרוואָגלטקייט, אויסשטרעקן די האַנט צום „קאָמיטעט“ — די אייביקע, יידישע צדקה־פּאַטשיילע, וואָס באַגלייט דעם יידן אויף אַלע זיינע וואָגלענישן, ווי עס באַגלייטן די חיילותן, זייערע וועגענער מיט פּראָוויאַנטן און אַמוניציעס...

מען האָט געלעבט פון היינט אויף מאָרגן. מען איז קיינמאָל נישט געוועזן זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג. יעדער פּרעפעקט פון אַ דעפּאַר־טאַמענט, יעדער מער פון אַ שטעטל, יעדער זשאַנדאַרם פון אַ דאָרף, האָט זיך באַצויגן צו די אַנגעוואַנדערטע יידן, לויט דער מאָס סימפּאַ־טיעס, וואָס ער האָט געהאַט צום „מעכטיקן זיגער“ — צום האַקנ־קרייץ...

יעדער איינער פון זיי, האָט דעם „פרעמדן“, דעם יידן, געקענט אַרויסשיקן פון זיין דעפּאַרטאַמענט, פון זיין שטאָט אָדער דאָרף, לאָזן אים אַרעסטירן, אָדער אַריינזעצן אים אין אַ לאַגער; דען לויט אַלע ראַדיאָס און לויט אַלע צייטונגען, איז דער ייד געוועזן דער איינציקער שולדיקער אין דעם, וואָס פראַנקרייך איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ קריג, און וואָס זי האָט דעם קריג פאַרשפּילט...

האָט, פאַר די יידן, נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דער „ויסעו ויחנו“: מען איז געלאָפן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, פון איין דאָרף אין

אנדערן... מען האָט געצויגן אין די פּאַרוואָרפנסטע שטעטלעך אין דערפער, וואו נאָר מען האָט געהערט, אַז עס האָט דאָרט אימיצן, אַ קרוב, אַ שכן אָדער אַ פריינד, אָפּגעגליקט במנוחה אויפצושלאָגן זיין געצעלט; ערגעץ אין אַ שטאָט, וואו עס זיצט אַ „קאָמיטעט“, ערגעץ, וואו מען האָט געהערט, אַז דער פּרעפעקט, דער מער, אָדער דער זשאַנדאַרם איז „נישט קיין שלעכטער גוי“... אַז פאַר אַ פּאָר טויזנט פראַנק קען מען זיך דאָרטן „איינמעלדן“...

דעמאָלט, האָבן אַ פּאָר הונדערט יידן, מיינסטנס פּאַרמעגלעכע, זיך פאַרקליבן אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע, וואו די רייכע האָטעלן און פּאַלאַצן פון זשואַן-לע-פּען, קאַן, ניצע און מאָנטע-קאַרלאָ האָבן געפּוסטעוועט, און וואו די אייגנטימער פון די האָטעלן, האָבן ביים נייעם ווישי-פּרעפעקט, געהאַט אַ „צד אין דער שיסל“, און ווי באַלד די יידישע געסט האָבן נאָר געקענט באַווייזן אַז אַפּותיקא — האָבן די האָטעלניקעס שוין באַוויזן זיי איינצומעלדן... און דעמאָלט האָבן אויך, אַקעגן אַ צענדליגג רבנים און דיינים, וואָס זייערע קהילות זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די עמליקים, זיך פאַרקליבן אין ניצע, און האָבן זיך באַזעצט אין „האָטעל רוזוועלט“...

●

די ברייטע, מאַרמאָרענע טרעפּ, זענען רחבותדיקע, העלע, ראָזעווע, אַדורכגעוואָרפן מיט בלויע אָדערלעך, און זיי זעען אוים ווי שטיקער יונג לייב... אַ געבלימטער, באָרדאָ פּליושענער טעפּיך, איז מיט גלאַנציקע, מעשענע שטאַנגען, אַריינגעפּרעסט אין די שטיגן, אויף די באַלוסטראַדעס און אויף די שטאָקן, שפּיגלען זיך, אין די גרויסע שפּיגלען, די צעבליטע וואַזאָנעס, גרינע פּאַלמעס און ווילדע קאַקטוסן, וועלכע דערמאָנען אין ארץ-ישראל, אין דער מערת-המכפלה, און אין דער מוטער רחלס קבר...

די רבנים האָבן זיך דאָ אָפּגעדונגען צימערן, אויף די העכערע, אויף די ביליקערע שטאָקן פונעם „האָטעל רוזוועלט“, דאָרטן, וואו אויף

די שטיגן ליגט שוין מער נישט דער באַרדאָ פּליושענער טעפּיך, וואו אויף די באַלוסטראַדעס שטייען שוין נישט מער די גרינע וואַזאָנעס, וואו די ווענט פון די קאָרידאָרן זענען שוין נאַקעטע, אָן שפּיגלען; וואו די טרעפּן זענען שוין פון אַ טונקעלערן און ביליקערן מאַרמאָר, און וואו אויף די פּאָרענטשעס הענגען די האָטעל־דינסטן דערווייַלע אָן די אָפּגעצויגענע לייַלעכער פון די צימערן בשעת זיי האַלטן זיי אין רוימען...

דאָ, אויף די שטאָקן, האָט די דירעקציע פון „האָטעל רוזוועלט" איינגעשטימט אַריינצושטעלן פאַר די רבנים, צו צוויי בעטן אין אַ צימער, אַנשטאָט דעם פראַנצויזישן איין־בעט־סיסטעם; און זיי זענען אויך באַשטאַנען דערויף, אַז די רביצנס זאָלן מעגן אין די צימערן אַליין זיך קאָכן זייער כשר עסן...

אויף די ביישטידלעך פון די ווייס־לאַקירטע טירן, האָט מען, צום ערשטן מאָל אפשר, זינט דער „האָטעל רוזוועלט" עקסיסטירט, אָנגעשלאָגן מזוזות... און געטון האָט מען דאָס, מיט אַ דינינקען נעגעלע, פאַרזיכטיק, אַז מען זאָל חלילה נישט מאַכן קיין צו גרויסן לאָך אין דער שפּיגלדיקער ווייסער פאַרב... און אויף די געוועקסטע פּאָדלאָגעס, האָבן די רבנים־פּליטים, אָנגעלייגט, איינע אויף דער אַנדערער, אויף דערווייַלע, ווי אין אַ וואָקזאַל, זייערע קוישן און וואַליזעס, וועלכע מען האָט צומאָל נישט אויפגעפּאַקט... דען וואָס איז דען דאָס, אומשטיינסגעזאָגט, אַ דירת־קבע?... דאָס איז דאָך נאָר אַ מין דירת־ארעי!... אַלץ איז דאָך דאָ נאָר אויף דערווייַלע... מען איז דאָך קיינמאָל נישט זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג... יעדן חודש, און אָפט אויך יעדע פּופצן טעג, מוז מען דעם „אויפענטהאַלט" פאַרלענגערן; יעדעס מאָל האָט מען שרעק; פון איינמאָל „פאַרלענגערן" ביז צום אַנדערן, איז די רביצן פון „פּלעצל", מיט איר שוואַך הארץ, מיט איר צוקערקרענק און מיט אירע געשוואָלענע פיס — פּשוט פאַרביי... דען עס קען חלילה אַרוים אַ נייע גזירה: אַנשטאָט „פאַרלענגערונג", קען מען

גאָר קרינגן אַן „אויסוווייז“... און גיי זוך דיר איצט ערגעץ אַ נייעם מקום־מיקלט !...

— אוי! — זיפצט אַלעמאָל אַרויס די רביצן פון „פּלעצל“. — מיר זענען ביי זיי, ווי דאָס ליים ביים טעפּער אין די הענט!... כי הנה כחומר ביד היוצר! — פאַרטייטשט זי, פאַר דעם מאַן אירן, דעם פּסוק אויף לשון־קודש...

און דער מאַן אירער, דער רב פון „פּלעצל“, דרייט זיך אַרום, אין זיין אויסגעדרייוולטן, זיידענעם שלאָפראָק און מיט דער יאַרמעלקע אויף דעם גרויעם קאָפּ האָר, הין און צוריק, לענגאויס דעם צימער, און ער באַרואיקט זיין רביצן, מיט אַ גמרא־ניגון און מיט דעם אַלטן יידישן ביטחון :

— נאָר נישט אַריינפאַלן אין עצבות, רביצן!... השם־יתברך וועט העלפן, עס וועט אַ ליאַדע טאָג, מיט השם־יתברכס הילף, אָנקומען אַ „ספּעשל־וויזע“ פון אַמעריקע, און מען וועט, מיט גאָטס הילף, איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל, פּטור ווערן פון דער פאַרשאָלטענער אייראָפּע, מיטן דייטש, מיט אַלע זיינע בעלפערס און משרתים, און מיט אַלע זייערע פראַנצויזישע תלמידים!...

אָבער דווקא, תמיד, ווען דער רב פון „פּלעצל“ מיינט שוין, אַז ער האָט שוין געפונען די ריכטיקע ווערטער, צו טרייסטן און צו באַ־רואיקן זיין שוואַך־האַרציקע רביצן, הענגט זי זיך דווקא אָן אין זיינע אייגענע ווערטער :

— אוי, די תלמידים!... — זיפצט זי, די דיקע, שלאַבעריקע רביצן, מיטן טשיפּיק אויפן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און מיט די צוויי געשוואָלענע פּיס ווי די קאַנעס, און זי וויגט זיך ווי אַן אומרו פון אַ זייגער. — די תלמידים!... זיי האָבן זיך שוין איינמאָל אָפּגעלערנט די מלאכה פון רשעות!... אוי!... דער תלמיד קען בעסער ווי דער רבי, וויי איז אונדז נעבעך און ווינד!...

און דער רב פון „פלעצל" היט זיך שוין, אז ער זאל זיך נישט ארויסכאפן מיט אן איבעריק וואָרט און ער מורמלט נאָך כסדר:

— נאָר נישט אריינפאלן אין עצבות, רביצן, השם־יתברך וועט העלפן!...

און ער באהאלט פאר דער שוואַך־הארציקער רביצן זיינער, די קלאנגען, וואָס טראָגן זיך אַרום אין „האָטעל רוזוועלט", אז מען גרייט זיך שוין, רחמנא ליצלן, צו נעמען יידן אין די לאַגערן...

●

לענגאויס דעם קאָרידאָר, דרייען זיך אַרום, הין און צוריק, ווי אין א בית־מדרש, דער ליטווישער רב פון האָלאַנד, מיט דעם רויטן גאלי־ציאנער רב. דער ליטווישער רב רעדט מיט דעם גאליציאנער פאָלי־טיק... גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, רק ער פאָליטיקעוועט... ער שלינגט די בלעטער, ער האָט קיינמאָל נישט גענוג די ניַיעס, און גלייך ווי עס באווייזט זיך נאָר א ייד, וואָס קומט אָן אין „האָטעל רוזוועלט", באַ־ווייזט יענער נאָך נישט צו פאַרמאַכן דאָס טירל פון דער ווינדע, ווי דער ליטווישער רב לויפט אים שוין אקעגן:

— איר האָט אפשר א שווייצער בלאַט?... איר האָט אפשר גע־הערט ראַדיאָ?... איר ווייסט אפשר עפּעס נייעס?...

און פון די צוויי יידן, ווערן גלייך דריי, און אלע דריי שפאַצירן זיי אזוי אַרום, הין און צוריק, לענגאויס דעם קאָרידאָר און שמועסן פּאָליטיק... און געדיכטער פון אלע, און העכער פון אלע, הערט זיך דעם ליטווישן רבס ליטווישער יידיש, זיין איבערשלאָגן אלעמאָל:

— וואָס פאַרשטייט איר פּעיליסע דאָרט, אין הילכות מלחמה!...

וויל טאַקע קיינער מיט דעם ליטוואַק נישט אָנהויבן, מען וויל אים נישט איבערשפּאַרן, מען הערט אים אויס און מען גיט אים נאָך, כאָטש זער אָפט, אז מען הערט אים רעדן, אויף זיין ליטווישן יידיש, געמישט מיט רוסישע ווערטער, מיט זיין „פּיעכאָטע", מיטן „אָדסטר־פּאיען" און „באדסטופּאָיען", מיט די „וויסילקעס" און „זאַקלאַדני־

קעם" — ווייסט מען נישט פון וועלכער מלחמה ער רעדט, צי פון דער איצטיקער, אָדער פון דער, פון ניינצן הונדערט פערצן...

מיט אַ הוסטן און מיט אַ קרעכצן, מיט אַ דלאַניע אַריינגעשטעקט אין זיין בוזעם אונטער דער שוואַרצער, אַטלעסענער קאַפּאָטע און מיט אַ שפּיץ פון זיין רויטער באָרד פאַרביסן צווישן די ציין, דרייט זיך אַרום דער גאַליציאַנער רב מיט דעם ליטוואַק; ער שווייגט און ער הערט... אַלע ווילע כאַפּט ער זיך אָן מיט דער האַנט דאָ ביי דער לעבער, דאָ ביים האַרץ, בלייבט אַ רגע הינטערשטעליק, זיפצט אָפּ, גלייך ווי אַ טיפער שטאָך אונטערן האַרצן וואָלט אים דעם אָטעם פאַרשפּאַרט, און ער גייט ווייטער, און הערט ווייטער דעם ליטוואַקס פּאָליטיק...

דער גאַליציאַנער רב איז פאַר דער מלחמה געפאָרן קיין איטאַליע אין די בעדער, זיך קורירן זיין לעבער, האָבן אים דאָרטן די בעדער גאָרנישט געהאָלפן, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט קיין ווישי, און די מלחמה איז, בעונו לבינו, אויסגעבראָכן און ער האָט שוין נישט געקענט אַהיימפאָרן... איז ער אַזוי, דער גאַליציאַנער רב, מיט אַלע זיינע חולעתן, געבליבן שטעקן אין פראַנקרייך, האָט מיטגעמאַכט דעם גאַנצן „ויסעו ויחנו", האָט תחילת געוואָלט צוריק קיין איטאַליע און אַז אויך איטאַליע איז אַריין אין קריג, איז ער געבליבן דאָ שטעקן אין ניצע...

אויף דעם גאַליציאַנער רב האָבן די רביצנס גרויס רחמנות. ער איז דער איינציקער רב אין „האָטעל רוזוועלט", וואָס האָט נישט זיין רביצן... איז געבעך עלנט ווי אַ שטיין... גיבן די רביצנס, און זייערע רבנישע קינדער, אויף אים אכטונג, טראָגן אים אין שטוב אַריין טעפּלעך הייסן טיי, מען פאַרבעט אים אָפּט צום רב פון „פּלעצל" צום עסן, און מען פאַרזאָרגט אים דערנאָך מיט אַ פעגבער הייסן וואַסער צו דער לעבער...

●

הינטער אַן אַנדערער, שכנותדיקער, ווייסער, לאַקירטער טיר מיט

אַ מזוזהלע, דרייט זיך אַרום אַ נערוועאַישער, ווי אַ געפאַנגענער אין אַ שטייג, דער פראַנקפורטער ראַבינער. זיין זיידן, קורץ אונטערגע־שוירן בערדל, איז שוואַרץ, ווי דער קורצער, שוואַרצער אַנצוג, וואָס ער טראָגט; זיין פּנים איז בלייך — ווי דאָס העמד מיט דעם גע־פּרעסטן קאָלנער זייַנעם, און זיין לאַנגע נאָז איז שאַרף — ווי עס זענען שאַרף די געפּרעסטע קנייטשן אויף זיינע הויזן.

ער, דער „דייטש", פילט זיך דאָ, צווישן זיינע „פּוילישע קאָלעגן", זער נישט באַקוועם... ער ווייס, אַז פאַר זיי, איז ער נישט גענוג פרום... און עס פאַרדריסט אים, וואָס די רביצנס ווילן זיך מיט זיין פרוי נישט מישן... טאָמער פעלט עפּעס אַמאָל דער רביצן פון „פּלעצל" אַ קיך־כלי, וועט זי חלילה צו דער „דייטשקע" נישט אַריינשיקן אַנט־לייען. די „ליטוואַקעס" דעסטגלייכן... און אַז דער פראַנקפורטער האָט איינמאָל פאַרבעטן דעם גאַליציאַנער אויף אַ מיטאָג — האָט ער אָפּ־געזאָגט... זיי — די „פּאָליאַקן" — האַלטן נישט פון זיין רבנישקייט... די רביצן זיינע, טראָגט אירע אייגענע האָר, און ער, אויך מיר אַ רב!... ער שערט זיך די באָרד, טראָגט נישט קיין פּאות, גיט פרויען שלום־עליכם, און אַז עס קומט אים אויס, גייט ער אפילו אַריין אין דער ווינדע, מיט אַ פרעמדער אישה... זיין לאַגע איז בכלל נישט דאָ וואָס מקנא צו זיין: אים איז שווערער פאַר זיי אַלע... פאַר די פראַנצויזן, איז ער אַ דייטש, פאַר די דייטשן, איז ער אַ ייד, פאַר די נישט־פרומע, איז ער אַ רב, און פאַר די רבנים — איז ער אַן אפּיקורס!...

— די „פּאָליאַקן", — זאָגט דער פראַנקפורטער ראַבינער צו זיין רביצן — נאָר זיי סודען זיך!... איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט עפּעס אַ שייכות מיט אַמעריקע...

— וואָס דען? — זאָגט די פראַנקפורטער רביצן, וועלכע פאַרציי־רעוועט זיך אַ זיידענעם זאָק. — קאָנסט גאַנץ רואיק זיין, זיי וועלן שוין אַ ליאַדע טאָג אַוועקפאָרן!... צווישן זיי איז דאָ אחדות!...

— עס איז אויך נישט קיין וואונדער, — זאָגט דער פראַנקפור־

טער ראבינער צו זיין רביצן — זיי האבן דארטן לאנדסלייט, חסידים... יעקישע יידן, זענען דאך קיינמאל נישט געפארן קיין אמעריקע — האבן מיר טאקע איצט נישט צו וועמען זיך צו ווענדן!...

און אן עלנטער בלייבט ער שטיין ביי זיין אפענעם פענצטער, און קוקט, מיט שטארע, פארבענקטע בליקן, דורך זיינע לויטער־אויסגעפוצטע ברילן מיט די גילדענע האלאבליעס, איבער דעם וואלד מיט דעבער און קוימענס, צו די ווייסע, בלויע בערג, מיט דעם פאס פינקעלדיקן ים, און ער בענקט, נאך יענע צייטן, ווען ער איז, אין א שווארצן פראק און א גלאנציקן צילינדער־הוט, געזיצן אויבנאן אין דער מינאגאגע... און איז געווען דער „הער דאקטאר" און „הער ראבינער"... און די פראנקפורטער רביצן, פארציענדיק די אפגעלאזטע „אויגן" פון איר איינציקער פאר זאכן — בענקט נאך יענע צייטן, ווען זי האט געהאט, אי פון כל־טוב, און אי דעם גרעסטן אנזען, נאך די צייטן, ווען זי איז געווען די „פרוי דאקטאר" און „פרוי ראבינער"...

●

אזוי טיר ביי טיר, אויף די אויבערשטע שטאקן פונעם „האטעל רוזוועלט", אומעטום וואו עס זענען נאך אנגעקלאפט מזוזות, זיצן זיי, די אפגעקומענע, אויסגעבלייכטע און אפגעמאגערטע רביצנס אפ גאנצענע טעג אויף די נישט־צוגעבעטע בעטן... דער גאנצער טאג זעט דא ביי זיי אויס, ווי עס האט אמאל ביי זיי אויסגעזעען בלויז דער אינדערפרי, פארן אנבייסן, איידער דער רב פלעגט אהיימקומען פון פרימארגנדיקן דאווענען... מען טוט זיך נישט אן, שטענדיק אין טשפיק, אין שלאפראק און אין שטעק־שיך... אפילו דאס שייטל, פארקעמט מען נאר פון פרייטאג צו פרייטאג... ניצע איז אזוי שיין: אומעטום, וואו מען זאל נאר דעם בליק נישט אנהענגען, בליען בלומען, בלומען אויף די ווענט, בלומען אויף די באלקאנען; אויף די פענצטער, פאר די הייזער, הינטער די הייזער; ביימער גאנצע, גערטנער גאנצע מיט

בלומען; גאַנץ ניצע איז אַ וואַלד פון בלומען... און אין די אָוונטן בלאָזט דאָ אַריין, דורך די אָפענע פענצטער, אַ געמיש פון גן־עדן־ריחות, יעפּעם אַ געמיש פון ציטרינען, אתרוגים, פייגן און פּאָמע־ראַנצן... די אַלע פּירות, שמועסט מען, וואַקסן דאָ... און דער ים, זאָגט מען, איז דאָ אַזוי שיין... אָבער ווען מען גלוסט זיך דאָס אַלץ צו גיין אָנקוקן?... ווי קען מען זיך מיט דעם אַלעם פרייען?... אַז אויף דער וועלט איז געשען אַזאַ וויסטער חורבן נעבעך!...

אַזוי זיצן זיי, די רביצנס, אַפּ גאַנצענע טעג, וויגן זיך, און זיפצן און קרעכצן, אויף זייער אויסגעוואָרצלטקייט, אויף זייערע היימען, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן אויף הפקר, אויף זייערע משפחות אין די אָקופּירטע לענדער, פון וועלכע עס איז אוממיגלעך אַ בריוו צו באַקומען, און מען ווייסט נישט אפילו, אויב זיי לעבן נאָך דאָרט, צי זענען זיי חלילה אין דעם שטורעם אומגעקומען...

מיט גרויס באַדויערן, קוקן זיי אויף זייערע מענער — די רבנים, וועלכע זענען נעבעך פּלוצים אַפּגעריסן געוואָרן פון זייערע כסאַ־רבנות, פון זייערע קהילות, פון זייערע שולן, וואָס ווער ווייסט, וואָס די נאַצים האָבן שוין דאָרטן פון זיי געמאַכט!... זיי האָבן גרויס רחמנות אויף זייערע מענער: אפילו קיין ספר, אין וואָס אַריינצו־קוקן, האָבן זיי דאָך נישט באַוויזן מיטצונעמען... און ערשט, ווי זיי ווערן נעבעך איינגעדאַרט, איינגעקוואַרט, זיי קומען נעבעך אַפּ די טעג מיט אַ פּאָר גראַם טרוקן ברויט... קיין שטיקל פלייש, איז, נישט צו זינדיקן מיט די רייד, אפילו אויף שבת נישט דאָ... אַ גויעשע, טריפהנע שטאָט, דאָס ניצע, קיין שוחט, קיין כשרע יאַטקע, קיין מיקווה! — פּשוט אַ העק !...

●

די רבנים ווידער, זיצן אַפּ, טעג גאַנצע, ביים קליינעם האָטעל־טישל, זיי שרייבן בריוו נאָך אַמעריקע... ווער עס שרייבט צו „אנשי“, צו לאַנדסלייט, ווער צו זיינס אַ ידיד, צו זיין אייגענעם, אָדער צו זיין

טאַטנס אַ חסיד... און האָט וועט נישט קיין אַדרעס פון לאַנדסלייט, פון פריינד, שרייבט מען פשוט צו דער „אגודה", אָדער צו „מזרחי"... מען ציקלט אויס דעם בריוו אויף יידיש, מיט דעם געדריידלטן „ב"ה" און מיט דעם שיינעם לשון־קודשדיקן טיטל: „ידידי אהובי! אזוי און אזוי... זעט, למען־השם, נישט צו פאַרשלאָפן!... דען דאָ איז, רחמנא־לצלן, שוין באו מים עד נפש!... עס איז שוין פשוט, כלו כל הקיצין!..."

איז דאָך אָבער דאָ אַ צעגזור אויף דער וועלט, מוז מען דעם בריוו איבערזעצן אויף פראַנצויזיש... און מיט דעם, מוז מען שוין אָנקומען צו חברה יונגוואַרג — צו די זין און די טעכטער, וועלכע פאַרברענגען נעבעך טעג גאַנצע, מיטן שטיין אין די שורות, כדי אַהיימצושאַפן אביסל שפייז, דעם טאָג חיונה איבערצוקומען...

אַז די קינדער קומען נעבעך מידע, פאַרמאַטערטע, אהיים — מוזן זיי זיך ערשט אַוועקזעצן דעשיפרירן די גרויסע, לאַנגע בריוו, וועלכע זייערע טאַטעשים האָבן דאָ, אין משך פון טאָג, מחבר געווען... מיט גרוים מי און מאַטער, זעצן זיי די בריוו איבער. זיי לאָזן, באין־ברירה, אַדורך די שווערע שטעלן, דעם גאַנצן שיינעם, צוויי־שורהדיקן, לשון־קודשדיקן טיטול, פטרן זיי אָפּ מיט אַ „שער אמי"... און דעם „באו מים עד נפש" מיט דעם „כלו כל הקיצין" פאַרייניקן זיי צוזאַמען, און מאַכן דערפון אַ „סאַ וואַ טרע, טרע מאַל!"... דערנאָך, שרייבן זיי דאָס איבער, מיט אַ דינער פעדער, מיט אַ דריבנעם כתב, אויף דינענקען ביבולקע־פּאַפּיר, דען דאָס דאַרף זיין לייכט, עס וועדט געוואויגן אויפן גראַם, ווי רפואות אין אַן אַפּטייק... דאָס זענען נישט קיין געוויינטלעכע בריוו, דאָס זענען לופט־בריוו, דאָס פליט מיטן „קליפּער"!...

און אַז דאָס אַלץ ווערט שוין פאַרטיק, און מען לייענט דאָס פאַרן טאַטעשי און פאַר דער מאַמעשי, זענען זיי ערשט נישט צופרידן... קוועטשן זיי ערשט מיט די פלייצעס... זיי זאָגן, אַז דער גאַנצער בריוו האָט נישט קיין יידישן טעם... די קינדער ווערן זיך ווי זיי קענען קענן

גאָכאַמאָל איבערשרייבן... זיי זאָגן, אַז דער בריוו איז גאַנץ גוט, נאָר נישט מער, דער טאַטעשי און די מאַמעשי, זאָלן מוחל זיין, פאַרשטייען נישט דאָס גויעשע לשון... גיבן דער טאַטעשי מיט דער מאַמעשי נאָך, זיי ווילן מער נישט פאַרמאַטערן די קינדער, און זיי זיפצן און קרעכצן, וואָס מען איז נעבעך אַזוי אין גלות, אַז אפילו אַ בידנע פּיצל יידיש בריוול — קען מען שוין אויך נישט שרייבן...

●

אויפן ערשטן שטאָק פון „האָטעל רוזוועלט", וואוינט רב יעקב גראָדזשינסקי. ער איז אַ רוסישער ייד, אַ געוועזענער „פּערווי געלדי קופּעץ" — אַ וואַלד־סוחר, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק, נאָך דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, געקומען אַלס פּליט קיין פראַנקרייך, און האָט זיך באַזעצט אין ניצע. מיט זיין ברייטער האַנט און מיט זיין נאָך ברייטערן יידישן האַרץ, איז רב יעקב גראָדזשינסקי גיך באַרימט געוואָרן צווישן אַלע יידן אויף דער גאַנצער פראַנצויזישער ריוויערע, און עס האָבן אים געקענט אַלע יידישע טוריסטן, וועלכע זענען גע־קומען קיין ניצע.

היינט איז רב יעקב גראָדזשענסקי אַ זקן אין די אַכציקער, ער איז גבאי אין דער שול, ער זיצט, אין די שבתים און ימים־טובים, אָנגעטון אין אַ צילינדער, אויבנאָן אויף דער מזרח־וואַנט, און קיינער פון די מתפללים וועט נישט פריער אַהיימגיין, נאָכן דאַווענען, ביז ער וועט נישט צוגיין צו דעם הויכן זקן מיטן אַריסטאָקראַטישן פּנים, כדי צו זאָגן אים „גוט שבת" אָדער „גוט יום-טוב"...

זינט עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּליטים קיין ניצע, איז רב יעקב גראָדזשינסקי גאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן: ער איז עפּעס ווי יונגער געוואָרן, האָט באַקומען צוריק זיינע יונגע כוחות, און כאָטש ער גייט אַן אָנגעשפּאַרטער אויף זיין שטעקן, און דער רוקן איז ביי אים אַביסל געבויגן, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך

א שווערן פּאַק פון יידישע צרות, זעט ער פונדעסטוועגן אויס, גלייך די יאָרן וואָלטן אים באַנייט געוואָרן...

אין די פּאַרמיטאָגן, זיצט רב יעקב גראָדזשינסקי, אין זיין שוואַרצן, אָלפּאַגענעם רעקל, געשטרייפּטע הויזן און אַ ווייסן פּאַנאַמאַ־הוט, אויף איינער פון די הונדערטער שטולן, וועלכע שטייען אויף דער „פּראָמענאַד־דעז־אַנגלע", נאָענט פון דער קאַסינע, אונטער דער אַלטאַנע — דער סוכה, וואָס איז אָפּגעטונקט אין וואַזאָנעס, גרינס און בלומען; יידן, מיט אָפּגעברענטע, ברוינע פּנימער, מיט דיקע, גילדענע סיגנעטן אויף די פינגער, רינגלען אים אַרום, זיי זענען אים מכבד מיט פּאַפּי־ראָסן פון זייערע גילדענע פּאַפּיראָסן־פּושקעס, און דערציילן אים פון זייערע געשעפטן, וואָס זיי האָבן אַמאָל געפירט, און זענען זיך מיט אים שואל־עצה וועגן היינטיקע געשעפטן און וועגן דער מיגלעכקייט פון „אַרויסראַטעווען" זיך פון דעם פאַרשאָלטענעם איירָאָפּע, און אויב מיגלעך, אויך וועגן מאַכן אַ „טראַנספער", וועגן מיטנעמען אַביסל פּאַרמעגן... די אַלע יידן האָבן צוטרוי צו דעם גרייז — דעם זקן, און רב יעקב גראָדזשינסקי עצהט זיי און לאָזט נישט אַדורך קיין געלעגנ־הייט, צו נעמען ביי די יידן דעם „מעשר" פאַרן „קאָמיטעט"... קיינער זאָגט אים נישט אָפּ, איטלעכער גיט אַזויפיל, וויפיל רב יעקב גראָד־זשינסקי האָט אים באַשטייערט און וויפיל ער האָט אים איינגעשריבן ביי זיך אין זיין ביכעלע... און טאָמער פּרואווט זיך אימיצער קרומען:

— רב יעקב, איר „נישטשעט" מיך אויס, איר מאַכט מיך פאַר אַן אָרעמאַן...

שמייכלט רב יעקב גראָדזשינסקי, מיט אַ שמייכעלע פון אַ ייד אַ פּיקח :

— וועט איר, אָדער אַביסל ווינציקער אין קאַסינע פאַרשפּילן, אָדער איר וועט, פאַרקערט, גאָר אַביסל מער געווינען... — און זיין הויכער שטערן ווערט גלייך אָנגעפּעלבלט, און זיין גאַנץ פּנים ווערט ערנצט.

— איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן — זאָגט ער — ווי די נויט

איז גרויס!... עס קומען יעדן טאָג צו פרישע פּליטים: רבנים, שוחטים, זשורנאַליסטן און סתם, יידן אָרעמעלייט; וואָס זאָלן זיי נעבעך טון?...

עס טרעפט זיך אויך אַמאָל, אַז אימיצער פון זיינע מנדבים, וואָס שטייט ביי רב יעקב גראָדזשינסקין פאַרשריבן אין ביכעלע, מיידט אויס רב יעקבן, ער שאַרט זיך עקסטרע דורך נאָענט פון דעם אייזערנעם פּאַראַפּעט ביים ברעג ים... ער מאַכט זיך, גלייך ווי ער איז מכלומרשט, שטאַרק פאַרנומען אין אַ שמעוס מיט אימיצן, אָדער איז שטאַרק פאַרטון אין באַוואונדערן די שיינקייט פון ים, פון די בערג... שיקט רב יעקב גראָדזשינסקי גלייך נאָך נאָך אים ווישניאַקן — דעם פּעטערבורגער ידיד זיינעם, און יענער זאָגט צו אים מיט זיין פריינדלעכן, הייזעריקלעכן קול:

— גאָספּאָדין גראָדזשינסקי רופט אייך!...

גייט דער ייד, אַ פאַרשולדיקטער, צו צו רב יעקב גראָדזשינסקין, און רב יעקב גראָדזשינסקי זאָגט צו אים קורץ און שאַרף:

— איך דאַרף היינט מאַכן די „וויפּלאַטע", איך ברויך האָבן, צוואַנציק טויזנט פראַנק, און פון אייך וויל איך נאָר איין טויזנטער...

און אָן איין וואָרט אויסצורעדן, נעמט דער ייד אַרויס דעם פּאָרטפּעל...

אַ פּאַריזער יידישער זשורנאַליסט, פירט צו צו רב יעקב גראָדזשינסקין אַ בלייכן יונגעמאַן, וועלכער קוקט מיט פאַרחידושטע, אויפגעריסענע אויגן, אויף דעם בלויען מיטללענדישן ים, אויף דער גרינער קייט פון בערג, וועלכע רינגלען אַרום די שטאָט, און זשמורעט די אויגן פון דער שאַרפער ליכטיקייט פון דער ניצער זון:

— אַ יינגער פּאָעט, ערשט געקומען פון פּאַריז! — שטעלט פאָר פאַר רב יעקב גראָדזשינסקין, דער פּאַריזער זשורנאַליסט.

רב יעקב גראָדזשינסקי שטעקט דעם יונגען פּאָעט אָפּ אַ ווייכן שלום־עליכם, פרעגט אים אויס, וואָס עס הערט זיך אין פּאַריז, און וויפיל „אירע" זיי זענען אהער געקומען, אויב ער האָט אַ פרוי, אויב

ער האָט קינדער... ער ווערט מיט אים גלייך היימיש, און דערציילט דעם פּאָעט, אַז ער איז געווען אַמאָל, אין רוסלאַנד, היימיש מיט ח.נ. ביאַליקן, מיט שלום־עליכמען, און ער זאָגט צו אים :

— קומט, זייט מוחל, יינגערמאַן, היינט נאָכמיטאָג אין „האָטעל רוזוועלט"...

— רב יעקב — זאָגט דער פּאַריזער זשורנאַליסט — דער יונגער־מאַן האָרף זיך איינמעלדן...

— וועגן דעם, זייט אַזוי גוט, און ווענדעט זיך צו רב חיימען...

●

און דער רב חיים, ווען מען דאַרף אים, איז ער שטענדיק דאָ... אָט שוועבט ער טאַקע אָן, מיט זיינע דריבנע טריטעלעך, מיטן ווייסן בערדל און מיטן שמייכל אויפן פּנים. פון ווי ווייט, דערקענט שוין רב חיים אַ פּריש־געקומענעם פּליט... אַז רב חיים זעט אַרומדרייען אויף דער „פּראָמענאַד דעז אַנגלע", אַ יידן, וואָס איז נאָך בלאַס, וואָס איז נאָך נישט אָפּגעברענט פון דער ניצער זון און ער טראָגט נאָך אפילו נישט קיין זון־ברילן — ווייסט ער שוין, אַז דער איז אַ פּריש־געקומענער, אַז מען דאַרף אים העלפן זיך איינמעלדן...

רב חיים לויפט אַ שטראַלנדיקער אַקעגן דעם פּאַריזער זשורנאַ־ליסט, און שטעקט אָפּ דעם יונגענמאַן אַ שלום־עליכם. דער פּאַריזער זשורנאַליסט זאָגט מיט שטאָלץ צום יונגענמאַן :

— דאָס איז אונדזער רב חיים!...

און צו רב חיימען זאָגט ער :

— אַ יונגער פּאָעט, פון פּאַריז.

— פּאָעט אַהין, פּאָעט אַהער, — זאָגט רב חיים מיט אַ שמייכל — דער עיקר, איינגעמאָלדן איז ער שוין?

— איך בין טאַקע געקומען אויף מאָרגן האַלב עלף צו דער פּאָליציי — שטאַמלט דער יונגער פּאָעט — איך דאַרף וויזן געלט...

— אַ מאָדנע פּאָלק, די גויים, — זאָגט רב חיים — אַזוי, האַלטן

זיי אין איין שרייען, אַז די יידן זענען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, אַז זיי האָבן די גאַנצע וועלט באַראַבעוועט, און אַז יעדער ייד איז אַ ראָט־שילד, נאָר פונדעסטוועגן, אַז איר קומט צו זיי און זאָגט, אַז איר האָט געלט, גלויבן זיי אייך נישט אויפן וואָרט, נאָר רק זיי הייסן זיך „ווייזן"... נו מילא, יונגערמאַן — וועט מען „זיי" ווייזן!...

— דאָס איז אַ גוט וואָרט — זאָגט דער יונגער פּאָעט.

— אונדזער רב חיים זאָגט שוין איינמאָל גוטע ווערטער! — שטאָלצירט מיט רב חיימען דער זשורנאַליסט פאַר זיין פריש־געקו־מענעם קאָלעגע...

אָבער רב חיים, גלייך ווי ער זעט נאָר, אַז מען הויבט אים אָן צו לויבן, וויל ער נישט הערן און ער שלאָגט איבער :

— בקיצור יונגערמאַן, וויפיל דאַרפט איר?...

און דער זשורנאַליסט ענטפערט פאַר דעם יונגען פּאָעט, וועלכער וואָגט נישט אליין אָנצורופן אַזאַ גרויסע סומע :

— איך ווייס? אַ דרייסיק, פערציק טויזנט...

— האָט זשע מיר אַ גוטן — זאָגט רב חיים — איך וועל אום ירצה־השם זיין דאָרט ביי דער קאַפע, אקעגנאיבער דער פאָליציי!...

און רב חיים שוועבט אַ צופרידענער אַוועק, די צוויי פּליטים קוקן אים, מיט באַוואונדערונג נאָך, און דער זשורנאַליסט זאָגט צו זיין יונגען קאָלעגע :

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ ייד, דער רב חיים! נישט דאָ היינ־טיקע צייטן אַ סך אַזעלכע יידן!...

•

דריי גרייז־גרויע יידן, זיצן ביי רב יעקב גראַדזשינסקין אינעם צימער אין „האָטעל רוזוועלט". אויבנאָן, ביים טיש, זיצט רב יעקב גראַדזשינסקי, איינגעהילט אין אַן אַלטן, טוכענעם שלאָפראָק, וואָס דערמאָנט אין יידישע גוט־באַזיצער, אין פאָלווארקן, הויפן און דייך־

געשפּאַנטע קאַטשן... ביי זיין זייט, זיצן: גאָספּאָדין ווישניאַק, מיטן קוריך־געשוירענעם, גרויען, שפּיציקן בערדעלע און רב חיים.

רב יעקב גראָדזשינסקי ציילט אָפּ אַ פּעקל באַנקנאָטן, קוקט אַריין אין זיין ביכעלע, מאַכט קופּקעלעך און לייגט זיי אין קאָנווערטן. ער זיפצט, פון צייט צו צייט אונטער, אַז צוליב דעם יקרות, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג, און צוליב דעם, וואָס עס קומען, אָן עין־הרע אָן, כמעט יעדן טאָג, פרישע פּליטים — דאַרף מען כסדר האָבן אַלץ מער און מער... ער דערלאַנגט די קופּקעלעך באַנקנאָטן גאָספּאָדין ווישניאַקן און דיקטירט אים:

— דאָס איז, פאַרן רב פון „פּלעצל“, דאָס איז, פאַרן האָלענדישן ליטוואַק, דאָס איז, פאַרן פראַנקפורטער, און דאָס איז, פאַרן גאַלי־ציאַנער...

— דעם גאַליציאַנער רב, — רופט זיך אָן רב חיים — וואָלט מען נייטיק געדאַרפט העכערן, אַ קראַנקער מענטש נעבעך...

— די העכערונג, — נעמט גאָספּאָדין ווישניאַק אַרויס זיינע קורצ־זיכטיקע אויגן פון די קאָנווערטן מיט די קופּקעלעך געלט, און זאָגט מיט זיין הייזעריקער שטימע — וואָלט מען גאָר געדאַרפט געבן דעם רב פון „פּלעצל“, דען, נישט אויס:ערעדט זאָל עס זיין, עסט דער גאַ־ליציאַנער ביי אים כמעט יעדן טאָג...

— מסכים! — זאָגט רב יעקב גראָדזשינסקי, און ער לייגט צו: דעם קופּקעלע צו, נאָך אַ באַנקנאָט... — אָבער ווי נעמט מען אַזוי פיל? — פרעגט ער אַ פאַרזאָרגטער...

— דער עולם געבערם — גיט צו גאָספּאָדין ווישניאַק — ווערן ביסלעכווייז מיד!...

— גאָט וועט העלפן! — זאָגט רב חיים — די יידן זענען נישט קיין שלעכטע!... איך וועל נישט לאָזן ממליץ זיין קיין שלעכטס אויף יידן!... זיי גיבן, דאַנקען גאָט, און זיי וועלן, מיט גאָטס הילף, ווייטער־געבן!... מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי מיט זיי צו רעדן!...

— רב חיים האָט בטחון! — קוועלט רב יעקב פון זיין מיטהעל־פער. — יאָ, — דערמאָנט ער זיך — מען דאַרף די זשורנאַליסטן אויך העכערן...

— אוודאי, — זאָגט רב חיים — זיי זענען אין דער זעלבער לאַגע, ווי די רבנים... וואָס קענען דען יידישע זשורנאַליסטן נעבעך היינט טון?...

— אוודאי דאַרף מען זיי העכערן — זאָגט גאָספּאָדין וווישניאַק.

— חוץ דעם, איז היינט צוגעקומען איינער אַ יונגער משורר — דערמאָנט זיך רב יעקב גראָדזשינסקי — זיי זענען פיר אירע... ער האָט זיך געזען מיט אייך? רב חיים? ער דאַרף זיך איינמעלדן.

— יאָ — ענטפערט רב חיים — ער דאַרף מאָרגן ווייזן פּערציק טויזנט...

— נו? האָט איר שוין? — פרעגט רב יעקב גראָדזשינסקי.

— איך האָב נאָך נישט — ענטפערט רב חיים — נאָר עוד היום גדול! גאָט וועט נאָך העלפן!...

●

מען קלאַפּט אָן אין טיר. עס קומען אַריין: אַ דיקער, אָפּגעברוינטער, גלאַט ראַזירטער ייד, אָנגעטון אין אַ פּאָר ווייסע הויזן, מיט אַ זיידן העמדל מיט קורצע אַרבל, פון וועלכע עס שטאַרן אַרויס אַ פּאָר האָ־ריקע, ברוין אָפּגעברענטע אָרעמס, וואָס די הויט שיילט זיך פון זיי... מיט אים קומט מיט זיין פרוי, אין אַ ווייסן, אויסדעקאָלטירטן קלייד, מיט אַ ווייסן הוט, און איר ברוינער, אָפּגעברענטער, פעטער דעקאָלט, איז באַהאָנגען מיט אַ בלישטשענדיקן בריליאַנטענעם „איינהענגער", די דיקע הענט — פול מיט בראַסלעטן, און די פינגער — באַלייגט מיט בריליאַנטענע רינגלעך:

— מ'סיע גראָדזשינסקי, — זאָגט דער פאַרשוויצטער ייד און ווישט זיך בעת־מעשה מיט אַ טיכעלע דעם ברוין־אָפּגעברענטן, גלאַנ־ציקן פּליך — איך האָב צו אייך אַ ביטע.

— זיצט — ווייזט רב יעקב גראָדזשינסקי זיי אָן אויף דער קאַ־נאַפּע. — ווענן וואָס האַנדלט זיך?

— איר קענט דאָך קאַמינסקין? — זאָגט דער ייד אַן אָפּגעסאַ־פּעטער.

— וועלכן? — פרעגט רב יעקב גראָדזשינסקי און פּעלבלט דעם שטערן — דעם ביזשוטער? צי דעם פּעלץ־סוחר?...

— דעם שיינעם פּעלץ-סוחר, — ענטפערט די פאַרשוויצטע פרוי — וואָס איז געוואָרן אַ פּעלץ־סוחר מיט מיינע פּעלצן!...

— שווייג דו שטיל — ווענדעט זיך דער ייד צו זיין פרוי — לאָז מיך רעדן מיט מ'סיע גראָדזשינסקי!... און צו רב יעקב גראָד־זשינסקין ווענדעט ער זיך — איך וויל אים רופן צו אייך אויף אַ דין־תורה...

— וואָס בין איך עפּעס? אַ רב? אַ ריכטער?! — וואונדערט זיך רב יעקב גראָדזשינסקי.

— זיין טרפהנער מזל איז טאַקע דאָס, — נעמט שרייען די יידע־נע — וואָס מען קען מיט דעם „אַפער", היינטיקע צייטן, נישט גיין אין געריכט אריין! ער האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט, דער גנב!...

— איך בעט אייך, ליבע פרוי — זאָגט רב יעקב גראָדזשינסקי — נישט אָנצורופן, ביי מיר אין שטוב, קיין ייד „גנב"... דען ממה נפשך — ווענדעט ער זיך צום ייד — איז ער ווידער אַ גנב, וועט ער דאָך נישט וועלן האַלטן קיין דין-תורה!... אָדער ער וועט באַלד גאָר, צו אַ דין־תורה נישט וועלן גיין!... פּאָלגט מיך, רב ייד, און גייט אַרויף צו די רבנים!...

— צו קיין רבנים, האָט ער געזאָגט — ענטפערט דער ייד — וויל ער נישט גיין... פון אייך, מ'סיע גראָדזשינסקי, האַלט ער...

— אַזאַ גנב! — קאָכט זיך פלוצעם ווידער אויף די יידענע. — אונדז זאָגט ער, אַז ער האָט אונדזערע פּעל איבערגעלאָזט אין פּאַריז, און מיר ווייסן אַקוראַט, אַז ער האָט דאָ הי פאַרקויפט קאַראַקולענע

מאַנטלען!... ווען האָט ער דאָס, דער קבצן, אַמאָל געהאַט קאַראַקולענע מאַנטלען?... דאָס זענען דאָך מאַנטלען פון מיינע פעל!...

— עס האַנדלט זיך אין אַ שיינע פאָר הונדערט טויזנט — גיט צו שטיל דער ייד — אויב איך געווין די דין־תורה, גיב איך צען טויזנט פראַנק פאַרן „קאָמיטעט"!...

— דאָס קען איך אויף אַזאַ אופן נישט אָננעמען! — זאָגט רב יעקב גראָדזשינסקי — דען איר פאַרשטייט, איך האָב מורא, אַז איך קען אַמאָל געשטרויכלט ווערן... דער יצר־הרע בײַ מיר, צו האָבן די צען טויזנט פראַנק פאַרן קאָמיטעט, קען אַמאָל, פאַרשטייט איר מיך, זיין בײַ מיר אַזוי גרויס, אַז אומבאַוואוסט פאַר מיר אַליין, קען איך אַמאָל נישט פּסקענען ערלעך... מען איז דאָך נאָר אַ זינדיקער מענטש! איך קען נאָר מסכים זיין אויף דעם באַדינג, אַז דאָס פּסק־געלט זאָל אויסגעטראָגן ווערן פון ביידע צדדים... און אויך, וויל איך נישט זיין אַליין... קומט, זייט מוחל, נאָך מנחה ומעריב, און ברענגט אייך מיט איטלעכער אַ בורר...

— איך וועל בעטן רב חיימען — זאָגט נישט דרייסט דער ייד.

— גאָט זאָל שומר ומציל זיין! — שטעלט זיך אויף רב חיים, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן — מי אנוכי?... ווער בין איך דאָס, אַז איך זאָל משפּטן אַ יידן?!... וואָס רעדט איר?!...

— קום, — זאָגט זיין יידענע — וועסט שוין געפינען אימיצן אַ בורר. האָסט דאָך אַ געוואונענע דין־תורה אויף דער האַנט!...

— הערט, מיין ליבער ייד, — זאָגט רב חיים — אויב איר וועט געווינען אָט די דין־תורה, דאָס נעם איך מיך נישט אונטער אייך צו זאָגן... דען מען דאַרף קודם אויסהערן ביידע צדדים... און מחוץ לזה, גלייב איך קיינמאָל נישט, ווען מען זאָגט אויף אַ יידן, אַז ער איז אַ גנב... דאָקעגן גלויב איך באמונה שלימה, אַז יעדער ייד איז מוכן ומזומן צו טון אַ מצווה; והא ראיה, איר וועט גלייך אַלע זעען, אַז

איך װעל דעם ייד דאָ פאַרלייגן צו טון אַ מצווה — װעט ער זי גלייך טון...

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ רב חיים, — זאָגט די יידענע אַ צופרידענע פון דעם, װאָס רב יעקב גראָדזשינסקי האָט אָנגענומען די דין־תורה — ער נעמט דיך אויפן גאַנצן זיכער!...

און דער ייד װיל פאַרגלעטן זיין װייבס װאָלגאַרע באַמערקונג, װאָס פּאַסט זיך נישט צו רב חיימען און נישט צו דעם גאַנצן „האָטעל רוזװעלט"; כאַפּט ער זיך גלייך צו דער הינטערשטער הויזן־קעשענע, בדי אַרויסצושלעפּן זיין פּאָרטפעל:

— נו, זאָגט שוין, רב חיים, װיפיל דאַרף די מצווה קאָסטן?...

— גאָרנישט דאַרף די מצווה קאָסטן — ענטפערט רב חיים.

— איר מאַכט מיך שוין נייגיריק. — זאָגט דער ייד מיט אַ שמייכל — אַ מצווה, װאָס דאַרף נישט קאָסטן קיין געלט, דאָס איז שוין גאָר אַ זעלטנהייט היינט אין ניצע...

— הערט, מיין ליבער ייד, אַ ייד דאַרף זיך איינמעלדן — זאָגט רב חיים — און דאַרף מאָרגן אינדערפרי װייזן דער פּאָליציי, אַז ער איז אַ ייד אַ גביר... ער דאַרף האָבן פּערציק בלעטלעך...

— איר קענט אים כאָטש, דעם מאַן? — פרעגט די יידענע.

— נישט נאָר איך קען אים — ענטפערט רב חיים — נאָר מיר אַלע, און אַפילו איר אַליין קענט אים שוין פון מתן תורה אָן, מיר זענען דאָך אַלע צוזאַמען מיט אים געשטאַנען אונטערן באַרג סיני!...

רב יעקב גראָדזשינסקי און גאָספּאָדין װישניאַק צעשמייכלען זיך פון רב חיימס װיץ און דער ייד ציילט אָפּ אַ פּעקל טויזנטער...

❁

אַז דער יונגער פּאָעט קומט צומאָרגנס אינדערפרי צוגיין נאָענט פון דער פּאָליציי־געביידע, בלאַנקט אים שוין אַקעגן דאָס װייסע בערדל מיטן פּאָטערלעכן שמייכל פון רב חיימען. רב חיים גיט דעם יונגען פּאָעט אַ פּעקל טויזנטער און ער נעמט ביי אים די האַנט:

— גייט יונגערמאַן, און זאָל זיין אין אַ שעה מוצלחת!... שרעקט זיך נישט — זאָגט ער צום בלאַסן יונגענמאַן — אונדזער געלט איז מזלדיק...

דער יונגער פּאָעט איז געריהרט פון אַזאַ פּלוצעמדיקן צוטרוי, ער וויל רב חיימען באַדאַנקען, ער וויל אים פרעגן, ווען און וואו ער זאָל אים דאָס געלט צוריקברענגען, אָבער רב חיים, גלייך ווי ער האָט נאָר זיינס אָפּגעטון און ער ווייסט, אַז איצט קענען קומען דאַנק-ווערטער, איז ער שוין נישט דאָ... לייכט ווי אַ יונגערמאַנטשיקל איז זיך שוין רב חיים אַוועק זיין וועג.

דעם זעלבן טאָג, באַלד נאָכמיטאָג, קומט דער יונגער פּאָעט, אַן אויסגעלייטערטער, מיט אַ פּאַפּירל „אויפּענטהאַלט", אויף אַ חודש, אין קעשענע — אין „האָטעל רוזוועלט" צו רב חיימען. רב חיים דרימלט דעמאָלט, זיצנדיק אין אַ פּאָטעל, זיין נאָכמיטאָגדיקן דרימל. זיין אתרוג-פּנים, וואָס איז איינגערעמט אין דער ווייסער רעם פון זיין באָרד, שיינט און לייכט מיט ריינקייט, מיט אומשולדיקייט און זעט אויס ווי דאָס פּנים פון אַ קינד, בעת עס שלאָפט און עס חלומט עפּעס אַ זיסן חלום... ביי זיין אַריינקומען וועקט זיך רב חיים איבער פון זיין דרימל און טוט אַ פרעג:

— נו? וואָס הערט מען?...

— אויף אַ חודש — ענטפערט דער יונגער פּאָעט...

— ברוך ה' יום יום! — רופט אויס רב חיים.

דער יונגער פּאָעט דערלאַנגט רב חיימען דאָס פּעקל טויזנטער. רב חיים ציילט עס אפילו נישט איבער און לייגט עס אַריין צו זיך אין בוזים-קעשענע... דער יונגער פּאָעט שטוינט :

— רב חיים, דערלויבט מיר אייך עפּעס צו פרעגן.

— אדרבא, זיצט — ענטפערט רב חיים.

— עס איז מיר אַ גרויסער חידוש, — זאָגט דער יונגער פּאָעט —

איר קענט מיך נישט, איך בין זיכער, אַז איר האָט מיך אפילו קיינמאָל נישט געזעען איידער איך בין געקומען אין ניצע; געטרויט איר מיר, אָן שום באַוואָרעניש, אָן אַזאַ מטמון מיט געלט, איר זאָגט מיר אפילו נישט קיין טערמין, ווען איך זאָל אייך דאָס געלט אָפּגעבן, און אַז איך ברענג אייך דאָס געלט צוריק, ציילט איר דאָס אפילו נישט איבער; אפשר האָב איך אייך אַוועלכע פּאָר טויזנטער אַראָפּגעגנבעט?...

שמייכלט רב חיים:

— איר זענט דאָך אַ יידישער משורר, ווייסט איר דאָך מסתמא, ווי עס שטייט: לי הכסף ולי הזהב אמר ה'... היינט פרעג איך אייך: אַז דאָס געלט איז דעם רבונא של עולמס — טאָ צו וואָס דאַרף איך גיין פאַרזאָרגן דעם רבונא של עולם, אַז איר זאָלט אים נישט באַגנבענען?... נישקשה! דער רבונא של עולם קען זיך אַליין גאַנץ גוט זיין שטעטל באַשטיין!...

●

די רשעות, אין דער גאַנצער פראַנצויזישער מדינה, ווערט, פון טאָג צו טאָג שטאַרקער; די היימישע רשעים אין שטאָט, ווערן, פון טאָג צו טאָג, חוצפהדיקער: טאָגטעגלעך, זענען די בלעטער ממליץ שלעכטס אויף יידן, און אין די ראַדיאָס, בילן די רשעים גאַנצענע טעג אויף די יידן, ווי די בייזע הינט... אין ניצע, גייט נישט אַדורך דער טאָג, אַז מחנות יונגע רשעים זאָלן נישט אויסהאַקן אַן אויסשטעלפענצטער פון אַ יידיש געשעפט, זאָלן נישט אַראָפּטרייבן יידן פון דער „פּראָמענאַד דעז אַנגלע“, פון דער פּליאַזשע, אַז מען זאָל נישט שלאָגן אַ יידן...

אָט איז אַרויס אַ גזרה. די גרויסע אַפישן מיט פעטע שריפט, זענען שוין צעקלעפּט אומעטום, אויף אַלע מויערן, אויף אַלע ראָגעס: אַלע יידן מוזן זיך מעלדן אין די קאָמיסאַריאַטן צו אַ „ציילונג“... מען איז שוין איצט מער ווי זיכער, אַז איצט הויבט זיך שוין דאָס אומגליק אָן...

יידן לויפן ארום ווי א צעפלאָשעטע סטאַדע; איינער קוקט דעם אנדערן אין די אויגן, אפשר ווייסט ער עפּעס, אפשר האָט ער עפּעס געהערט... מען קלעטערט ארום איבער דער שטאָט, אויסער דער שטאָט, אין די בערג, מען זוכט זיך באהעלטענישן... פאַר געלט און פאַר מתנות, זאָגן באַקאַנטע פּאָליציאַנטן צו, צוזאָגן צו געבן באַצייטנס, ווען עס וועט זיך גרייטן אַן אַבלאַווע...

אויף די אַלע לופט־בריוו, וואָס די איינוואוינער פון „האָטעל רוזוועלט" האָבן געשריבן, און אויף די אַלע דעפּעשעס, וואָס זיי האָבן קיין אמעריקע געקלאַפּט — איז בסך־הכל אָנגעקומען איין און איינ־ציקע „ספּעשל־וויזע" פאַרן ליטווישן רב פון האָלאַנד, און ער איז שוין מיט זיין רביצן און מיט זיינע קינדער אַוועקגעפאָרן. די איבעריקע רבנים דרייען זיך ארום צעשראָקענע, פאַרזאָרגטע, און אין יעדן צי־מער זעט אויס, גלייך ווי עס וואָלט דאָרט געלעגן אַ חולה מסוכן...

יעדע מינוט ברענגט מען אין „האָטעל רוזוועלט" פרישע פּאָטשטן. איטלעכער וואָס האָט נאָר באַוויזן צו מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט אַ וועלכן פּאָליציאַנט, אָדער פּרעפעקטור־באַאַמטן, ברענגט אַן אַנדערע ידיעה. דער זאָגט: מען וועט מוזן אָנטון די געלע לאַטע... אַן אַנדע־רער — מען וועט נעמען אין די לאַגערן... מען וועט מאַכן אַבלאַ־וועס... טייל זאָגן, אַז מען וועט נעמען בלויז מענער; אַז פרויען און קינדער האָבן זיך דערווייליקע נישט וואָס צו שרעקן... אַנדערע ווידער זאָגן, אַז מען וועט נעמען אי מענער און אי פרויען און אפילו קינדער רחמנא לצלן וועט מען אויך נישט שאַנעווען... אָבער גיכער ווי אַלץ ווייזט זיך אויס צו זיין נאָענט צום אמת, אַז מען וועט נעמען דער עיקר די, וואָס האָבן פריער, פאַר דער מלחמה, נישט געוואוינט אין פראַנקרייך — די, וואָס זענען אריינגעקומען אין לאַנד נאָך טויזנט ניין הונדערט זעקס און דרייסיק...

רב רפאל שטשעראַנסקי, אַן אָפּשטאַמיקער פון עפּעס אַ רבנישער משפחה אין רוסלאַנד, וואָס איז אין אויסלאַנד געוואָרן אַ גרויסער

סוחר, אַ דריי־קאָפּ־איינער אין דער וועלט; ער ווייסט אַליין נישט וויפיל ער פאַרמאָגט... דער, וואָס האָט עפּעס גאָר אַ וואַזשנעם אדון — אַ באַקאַנטן, עפּעס גאָר פון די הויכע פענצטער... לויפט אָן מיט דער ווינדע, ווי אַ ווינט, אין די קאָרידאָרן פון „האָטעל רוזוועלט".

— נו? רב רפאל? — באַפאַלט מען אים.

— נו? מ'סיע שטשעראַנסקי? וואָס זאָגט עפּעס אייערער?... — רינגלען אים אַלע אַרום...

— מײַנער האַלט זיך בײַ דאָס זײַניקע, — ענטפערט רב רפאל שטשעראַנסקי — אַז מען מיינט בלויז די „זעקסאונדדרייסקער"... אָבער איינגאַנצן אויף מיר זאָלט איר אײַך נישט שטיצן, — באַוואָרנט זיך רב רפאל שטשעראַנסקי — אפשר ווייסט ער גאָרנישט, דער גוי... אפשר מאַכט ער זיך נאָר אַזוי פאַר אַ „ווייסער", ווייל עס לוינט אים אַזוי צום געשעפט?... איך זאָל דאָס פאַרדינען אַלע טאָג — ווינטשט ער זיך גלײַך — וואָס דער גוי האָט מיך שוין אָפּגעקאָסט!... בעסער צו זיין פאַרזיכטיק, ייִדן, און ווער עס קען נאָר, זאָל זיך באַצייטנס שאַפן אַ באַהעלטעניש... און ווער עס קען נישט — זענען מיר דאָך ייִדן, דאַרף מען אים העלפן!...

⊛

פון די אַלע פּאַטשטן, וואָס קומען יעדע מינוט אָן אין „האָטעל רוזוועלט", איז שוין די רביצן פון „פּלעצל", אוים מענטש... איר'ע פיס זענען בסדר אָנגעגאָסן מיט געשווילעכץ, זי קען שוין גאָרנישט אַרויסגיין פון בעט; און יעדן טאָג טראָגן איר'ע קינדער אַוועק אין די אַפּטייקן פלעשעלעך אורין, אויף צו מאַכן אַנאַליזעס, און יעדן טאָג קומט דער רביצן צו צוקער...

דער גאַליציאַנער רב, דרייט זיך אַרום, נאָכן אָוועקפאָרן פון ליטוואַק, אין די קאָרידאָרן, איינער אַליין, ווי אַ שאָטן... ער האַלט בסדר די רעכטע דלאָניע אין בוזעם, טאַפּט זיך דאָס האַרץ, קריגט אָפּט אַטאַקן אויף די לעבער, און פון אַלע שטובן לויפט מען דעם גאַליציאַ-

נער רב מבקר חולה זיין; איטלעכער טראָגט צונויף עפּעס וואָס ער קען נאָר אויף אַ „דערלובונג" פאַר דעם קראַנקען רב, אָבער דער רב קאָן גאָרנישט אין מויל נעמען, אַלץ פאַרשאַדט אים, און ער ליגט אָפּ, טעג גאַנצע, מיט אַ קאַלטן פּענכער אויפן האַרץ און מיט אַ הייסן פּענכער אויף דער לעבער...

דער פראַנקפורטער ראַבינער דרייט זיך אַרום אַ בלאַסער, אַן אָפּגעלאָזענער. דאָס שוואַרצע בערדל זיינס, האָט פאַרלוירן פון זיין אמאָליקן זיידענעם גלאַנץ, איז עפּעס לעצטנס מאַטער געוואָרן, און אין מיטן פון דער גאָמבע זיינער, האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן גרויע פּעדעם... אויך זיינע מלבושים זענען שוין נישט מער אַזוי פריש, אַזוי אויסגעקנאַקט ווי פריער: זיינע הויזן האָבן איצט נאָר שטיקלעך בלויז פון זייערע אַמאָליקע שאַרף-געפּרעסטע קנייטשן, און אונטער די קניען זעען זיי אויס ווי אונטערגעבראָכענע... ער דרייט זיך אַרום אַ נערווע־אישער לענגאויס דעם צימער; שלאָפט נישט גאַנצע נעכט, האָט אַ פּאָר רויטע, אונטערגעהאַקטע אויגן אונטער זיינע ברילן מיט די גילדענע האָלאָבלעס; ער לויפט אַלע ווײַלע אַרויס אין די קאָרידאָרן, פליט אַראָפּ און אַרויף מיט דער ווינדע, און קומט אַ פאַרכמורעטער אָנצולויפן און זאָגט צו זיין פרוי:

— די „פּאָליאַקן" נאָר זיי סודען זיך... איך מיין, אז זיי גרייטן פאַר זיך צו באַהעלטענישן...

— מען וואָלט זיי אפשר געדאַרפט זאָגן, — זאָגט די פראַנקפורטער רביצן — אַז זיי זאָלן אויך אונדז אין זינען האָבן?...

— מען דאַרף נישט! — וואַרפט דער פראַנקפורטער ראַבינער קאַטעגאָריש אָפּ זיין רביצנס פאָרשלאַג — מען דאַרף זיך נישט אָנוואַרפן, — דרייט ער זיך שוין ווייטער הין און צוריק איבער דעם צימער — נאָר נישט ברעכן דעם מענטשלעכן שטאָלץ! — רעדט ער ווי צו זיך אַליין — וואָס איז? — שטעלט ער זיך אָפּ אקעגנאיבער

דער אָפּגעמאָגערטער, צעשראָקענער רביצן זיינער — זיי ווייסן דען נישט וואויל, אַז מיר זענען „זעקסאונדרייסיקער“?...

●

אונטן, אינעם „קאָמיטעט“, איז מען פאַרנומען מיט שאַפן באַ־העלטעניש און געלט אויף באַהעלטעניש... רב יעקב גראָדזשינסקי איז אַרומגערינגלט מיט עטלעכע בעלי־בתים, וועלכע ער האָט געלאָזן צו זיך רופן. זיין פּנים איז פאַרצויגן מיט אַ באַזאָרגטקייט, און זיין פאַרמעטענער שטערן איז אָנגעפּעלבלט :

— מען דאַרף געלט, מיינע ליבע יידן!... די גויים — די מכלו־מרשטע „חסידי אומות העולם“, וועלכע זענען שוין מסכים צו פאַר־דינגען אוועלכעס בוידעם־שטיבל, אַ קאַמער, אַ גאַראַזש, אָדער אַ קעַ־לער אפילו — הייסן זיך באַגילטן... און חוץ דעם, וועלן די באַהאַל־טענע נישט האָבן קיין לעבנסמיטל־קאַרטן, מען וועט אַלץ פאַר זיי מוזן קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק, און זיי דאָס באַזאָרגן...

רב חיימען קען מען גאַרנישט אַריינקריגן לעצטנס אויף קיין אסיפה פונעם „קאָמיטעט“. אַז מען זאָגט רב חיימען :

— קומט אַריין, רב חיים, מען דאַרף זיך מיישב זיין.

ענטפערט ער : :

— לא המדרש עיקר אלא המעשה — און ער שוועבט אַוועק...

טעג גאַנצע, לויפט רב חיים אַרום איבער די ניצער הויפן, שמעקט אַריין אין אַלע אָפּגעלעגענע הייזער, אין קעלערן, קאַמערן, בוידעמס און גאַראַזשן; ער קלעטערט אַרום אויף בערג, קלינגט אָן אין גויעשע ווילאַס; מיט זיין שטעקן יאָגט ער פון זיך אָפּ די בייזע הינט, וואָס בילן אויף אים, און אין די אָוונטן קומט ער צוריק, אין „האָטעל רוז־וועלט“, אַ מידער, אַ פאַרברענטער פון דער ניצער זון, און אַ פאַר־מאַטערטער, אַ פאַרשמאַכטער, פאַלט ער אַריין אין דעם ערשטן בעסטן פאָטעל ביי רב יעקב גראָדזשינסקין אין צימער, און זאָגט :

— געלויבט דער אויבערשטער! געפונען היינט, נאָך אַ באַהעל־טעניש! מען וועט קענען דאָרטן באַהאַלטן אַ פינף זעקס „ל״וניקעס״...

— עס איז טייער — קווענקלט זיך אַביסל רב יעקב גראָדזשינסקי, בעת ער דערוואוסט זיך דעם פרייז... און רב חיים ווישט זיך דעם שוויס פון זיין צעאַקערטן שטערן, און שמייכלט מיט זיין גאַנצן פאַר־מאַטערטן פּנים:

— אַ יידן צו ראַטעווען, רב יעקב, איז גאָרנישט צו טייער...

●

עטלעכע מאָל אין משך פון אַ קורצער צייט, האָבן די „באַקאַנטע גויים״ ארויסגעלאָזן פאַלטשע קלאַנגען: „היינט ביינאַכט וועט זיין אַן אַבלאַווע״... יעדעס מאָל איז געוואָרן אַ בהלה, אַ מהומה; ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ צונעגרייט באַהעלטעניש, איז געלאָפן זיך באַ־האַלטן. די גאַסן, די קאַפּעס, די פּליאַזשעס און די „פּראָמענאַד דעז אַנגלע״ זענען כהרף עין געוואָרן „יידן־ריין״... און אַז מען האָט געזעען אַ טאָג, צוויי, אַז עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען, איז מען ביסלעכ־ווייז, צוריק ארויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן; און אַז מען האָט שפּעטער, ווידער אַמאָל צוואַווען געגעבן, אַז עס וועט זיין אַן אַבלאַווע — האָבן שוין פיל, וואָס האָבן אַפילו געהאַט צונעגרייטע באַהעלטע־נישן — נישט געגלויבט און זענען געבליבן נעכטיקן אינדערהיים...

ביז איינמאָל איז עס דאָך אמת געווען: אין מיטן דער נאַכט זענען אָנ־געפאָרן פּאָליציי־אויטאָמאָבילן און פולע פּלאַטפאָרמעס מיט באַוואָפנ־טע פּאָליציאַנטן, זיי האָבן ארומגערינגלט האָטעלן, גאַנצע הייזער־בלאָקן, האָבן אויפגעריסן פון שלאָף און ארויסגענומען פון די בעטן, הונדערטער יידן: מענער, פרויען, אַלטע לייט און קליינע קינדער... עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אַז מען האָט טאַקע געמיינט בלויז די „ל״וניקעס״ — די „זעקס און דרייסיקער״... אָבער מען האָט אין יענער נאַכט, אין איינוועגס, אויך נישט ווייניק אַנדערע פאַרנומען... מען האָט זיך שפּעטער וועגן דער דאָזיקער נאַכט אַנדערציילט אוים־

מערלישע זאַכן; שווידערלעכע סצענעס האָבן זיך יענער נאַכט אָפּגעשפּילט... עטלעכע יידן זענען געשפּרונגען פון די פענצטער, האָבן ליבער געוואָלט, די פּאָליציאַנטן אין די אויגן, זיך אָנטון אַ מיתה משונה, איידער דעפּאָרטירט צו ווערן, איידער איבערגעגעבן צו ווערן צום דייטש... די פּאָליציאַנטן האָבן געשלאָגן די יידן מכות רצח; די מאַמעס, וועלכע האָבן מיט גוטן נישט געוואָלט מיטנעמען זייערע קינדער, האָט מען די קינדער מיט געוואַלט פון זייערע געלעגערס אַרויסגעריסן; און די פרויען, וועלכע האָבן אין ספּאַזמעס זיך געוואָרפן צו דער פּאָדלאָגע, האָבן זיך געקלאַמערט אין די ווענט, אין די שטיגן, האָבן די פּאָליציאַנטן ביי די האָר זיי פון די שטיגן אַראָפּגעשלעפּט און אין די פּאָליציי־אויטאָמאָבילן אַריינגעוואָרפן...

●

גלייך ווי עס האָבן זיך נאָר געהאַט פאַרשפּרייט די ערשטע קלאַגען וועגן די אַבלאַוועס, וואָס גרייטן זיך, האָט רב חיים, אין דראָזשקעס און אין טאַקסים, אַוועקגעפירט זיינע „ל״ר־ניקעס“, פאַר וועלכע ער האָט געהאַט פאַרשאַפט באַהעלטענישן... און אויסגעקליבן האָט ער זיך די סאַמע אָרעמסטע, די סאַמע אומבאַהאָלפנסטע... צווישן זיי איז אויך געוועזן דער פראַנקפורטער ראַבינער, און דער גאַליציאַנער רב.

דעם פראַנקפורטער ראַבינער האָט רב חיים צונויפגעפּאָרט מיט אַן עלטערן ווינער יידן, וואָס האָט דעם ראַבינער טיטולירט „הער דאָקטאָר“, האָט מיט אים גערעדט אויף דייטש און האָט דער „פרוי ראַבינער“ געקושט די האַנט... און דעם גאַליציאַנער רב, האָט ער צונויפגעפּאָרט מיט אַן עלטער פּאָרפאָלק פון אַנטווערפּן, וואָס די פרוי האָט געטראָגן אַ שייטל, און וואָס האָט רב חיימען צוגעזאָגט, אַז זי וועט דעם רב אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, אַז זי וועט זען, אַז ער זאָל האָבן דאָס לעפל געקעכטס צו דער צייט און אַ הייסן פענכער צו דער לעבער...

אַז דער גאַליציאַנער רב איז אַרויסגעקראָכן פון דער פאַרמאַכטער

דראָזשקע און רב חיים האָט אים אַראָפּגעפירט אין דער באַהעלטעניש, האָט זיך דער גאַליציאַנער רב פאַרקרומט :

— אוי, רבונא של עולם! וואָס פאַר אַ דעמפּיקע קעלער־שטוב!... פּונקט פאַר מיין לעבער!...

— דאָס איז נאָר אויף דערווייל, — האָט אים געענטפערט רב חיים — גלייך ווי איך וועל נאָר אויסגעפונען עפּעס לייטישערס, וועל איך אייך, מיט השם יתברכס הילף, איבערפירן — און מיט אַ שמייכל האָט ער צוגעגעבן: — איר ווייסט רבי, תמיד, ווען איך האָב גע-וואוינט אויפן דריטן אָדער פערטן שטאָק, און האָב געזאָגט: שיר המעלות ממעמקים קראתיך ה׳, האָב איך תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז איך זאָג אַ ליגן... אַז דאָס צו זאָגן זענען נאָר באַרעכטיקט די, וואָס וואוינען אין די קעלער־שטובן... איצט רבי, אַז איר וועט זאָגן ממעמקים קראתיך ה׳ — וועט איר שוין מער נישט זאָגן קיין ליגן, וועט אייך דער אויבערשטער זיכער דערהערן און אייך פונדאַנען אויסלייזן...

●

זינט יענער נאַכט, ווען עס האָבן אין ניצער יידישע שטובן זיך אָפּגעשפּילט אַזויפיל טראַגעדיעס, זענען שוין שיינע פּאָר וואָכן פאַר-ביי. ביסלעכווייז, האָבן די יידן, וועלכע האָבן אין לאַנד געלעבט פאַר טויזנט ניין הונדערט זעקס און דרייסיק — אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון זייערע באַהעלטענישן. דורך זייערע „באַקאַנטע גויים" אין דער פּרעפעקטור און אין די קאָמיסאַריאַטן, האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז נישט זיי האָט מען געמיינט, אַז זיי קענען אפילו קומען אין דער פּאָ-ליציי און מען וועט זיי, ווי געוויינטלעך, זייערע פּאַפּירן אויף אַ חודש פאַרלענגערן... טייל האָבן אפילו פאַרזיכערט, אַז אויך די „זעקסאונ-דרייסיקער" קענען קומען, אַז וויבאַלד די פּאָליציי און די פּרעפעקטור האָבן נאָר זייערס אָפּגעטון, זיי האָבן דעם באַפעל אויסגעפירט און דער טראַנספּאָרט איז אָפּגעגאַנגען — וועלן זיי פון אייגענעם ווילן

שוין נישט גיין מאַכן קיין אינדיווידועלע ארעסטן, דאַרפן די יידן שוין נישט מער זיין באַהאַלטן... זיי האָבן געגעבן אָנצוגעהערן, אַז די פּרעפעקטור איז נישט צופרידן צו האָבן נסתרים, אַז זי וויל ליבער האָבן די פולשטענדיקע קאָנטראָלע איבער דער באַפעלקערונג, וויסן וואו איטלעכער וואוינט... זאָלן זיי קומען — האָבן זיי פאַרזיכערט — און מען וועט זיי זייערע פּאַפּירן פאַרלענגערן...

אָבער קיינער פון די „ל״ו־ניקעס״ האָט זיך נישט גערירט פון די באַהעלטענישן און געזיצן זענען זיי דאָרטן, אין זייערע טונקעלע, פאַר־מאַכטע באַהעלטענישן, טרויעריקע, דען כמעט איטלעכער פון זיי האָט אין יענער שרעקלעכער נאַכט געהאַט אימיצן פאַרלוירן, ווער אַ משפחה, אַ קרוב אָדער אַ פריינד... אין די דאָזיקע באַהעלטענישן האָבן די שמעקנדיקע ניצער גן־עדן־ריחות זעלטן ווען אריינגעווייעט; זעלטן ווען האָט אַ שטראַל פון הער בלענדנדיקער ניצער זון, צו די דאָזיקע יידן אריינגעשטראַלט, אָבער פאַר דאָס איז גאַנץ אָפט צו זיי געקומען רב חיים...

טעג גאַנצע און ביז שפּעט אין די אָוונטן, לויפט רב חיים ארום פון איין „ל״ו־ניק״ צום אנדערן. ער ברענגט: העם אַ ברויטל וואָס ער האָט, ערגעץ ווי ווייט, ביי אַ בעקער געקריגן, דעם אַ קויבערל מיט גרינס, נאָך וועלכע ער איז אַ פאַר שעה אָפּגעשטאַנען אין אַ שורה, אַן אנדערן ברענגט ער אַ רעצעפּט, און ער פאַרגעסט אפילו נישט די מינדעסטע קלייניקייטן: אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, אַ שאַכטעלע שוועבעלעך, אַ בריוו־מאַרקע, אָדער עטלעכע ליכטלעך פאַר אַ יידענע, צום צינדן לכבוד שבת... און אַז רב חיים קומט אריין אין אַ באַהעל־טעניש צו אַ נסתר, ווערט גלייך אין דער באַהעלטעניש ליכטיקער, היימלעכער; רב חיימס פּנים, כאָטש עס איז מיד, איז עס שטענדיק באַלויכטן, גלייך ווי עס וואָלט אים גוט געווען, גלייך ווי עס וואָלט אים וואויל געווען, גלייך ווי עס וואָלט אים גאָר נישט געפעלט... און ביי זיין אָנקומען, פאַרשווינדט די כמורנעקייט פון די נסתרימס

פנימער, אפילו דאָס שטיבל, דער בוידעם, אָדער דער קעלער, באַקומט דעמאָלט אַן אַנדער אויסזעען; אַלץ זעט אויס, גלייך ווי עס וואָלט אויסגערופן: דרך־ארץ! רב חיים איז דאָ!...

***

רב חיים שטייט אין אַן אומענדלעכער שלענגלנדיקער שורה אויפן מאַרק. די זון סמאַליעט, ברענט; ניצעאַנער ווייבער טוען זיך אָן אויף זייערע קעפּ גרויסע, שטרויענע קאַפּעליושן מיט ברייטע ראַנדן, כדי צו שיצן זיך פאַר דער זון; און אַנדערע מאַכן זיך אַ שקאַרמוץ פון אַ צייטונג און טוען עס אָן אויפן קאָפּ. ביים אָנהויב פון דער שורה שטייט אַ וועגעלע מיט גרינס, אַ פּאָליציאַנט שטייט און טוט אַכטונג, אַז מען זאָל נישט מער געבן, ווי אַ האַלב פונט פאַר אַ קאָפּ; מען מוז ווייזן די לעבנסמיטל־קאַרטן... די שורה וואַקסט און שלענגלט זיך, אַלע ווײַלע לויפט אַ וועלכע ניצעאַנערין אַרויס פון דער שורה, און לויפט פאָרויס אויסשפּירן ווי עס האַלט, אויב עס וועט סטייען סחורה ביז איר ריי וועט אָנקומען... רב חיים איז שוין נישט זער ווייט פון דעם וועגעלע מיט גרינס. קיין וואַזשנע סחורה איז דאָס נישט, אַביסל קרויט־בלעטער און אַביסל טאָמאַטן, אָבער ער וועט דאָך צו זיינע נסתרים נישט קומען מיט די ליידיקע הענט... אָט, אָט, און זיין ריי קומט שוין אָן...

אַ כאָפּטע יונגע סטודענטן, מיט געזאַנג און מיט מיליטערישע טריט, קומען פּלוצים אָן פון מאַסענאַ־פּלאַץ; זיי רעדטענטערן זיך, מען הערט שוין נאָענט זייער געזאַנג: „מאַרשאַל מיר זענען דאָ"... פון צייט צו צייט, כאַפּן זיך אַ צוויי, דריי פון זיי אַרויס פון דער שיינער קאָמפּאַניע, לויפן אַרויף אויפן טראָטואַר, צעהאַקן אַ פענצטער פון אַ יידישן געשעפט, און שרייען: „אַ טויט די יידן!"... אַ געבראַזג פון גלאָז מישט זיך אויס אַלע ווײַלע מיט אַ יעמערלעכן פאַרצווייפלטן געשריי...

— וואָס איז געשען? — פרעגן זיך איינע דער אַנדערער די צע־

שראַקענע ניצעאַנעריגס אין דער רייע, און פון ערגעץ פון דעם שלענגל־דיקן איך־סוף פון דער שורה, דערטראָגט זיך פון איינעם צום אַנדערן אַ בארואיקענדיקע תשובה:

— עס איז גאָרנשט, מען שלאָגט יידן!...

רב חיים זעט, ווי אַקעגנאיבער, אויפן טראָטואַר, טשעפּען זיך צוויי שקצים מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט, צו אַ צעשראָקענעם יידישן יונגען מאַן, אין אַ היטעלע מיט קורצע אַרבל, ווייסע הויזן, מיט אַ הוילן קאָפּ שוואַרצע האָר און אַן אָפּגעברענטן פּנים. די אויגן זענען ביים יונגענמאַן צעשראָקן, די ליפּן בלאַס, די שקצים שרייען: „שמוציקער ייד" און צוויי שטעקנס הייבן זיך אויף איבער דעם יונגען מאַנס קאָפּ, וואָס בויגט זיך אַראָפּ און ער זוכט זיך צו שיצן דאָס פּנים מיט זיין אָפּגעברענטן אָרעם... עס ווערט אַ געלויפעריי, יידן לויפן אַרויס פון די שלענגלענדיקע שורות, לויפן אַראָפּ פון מאַרק, באַהאַלטן זיך אין טויערן, לויפן אַהיים צו זיך אין די האָטעלן... פלינק, ווי אַ יונגער הערש, לויפט רב חיים אַריבער דעם שמאָלן שאָסיי, שטעלט זיך צווישן די שקצים און דעם יידישן יונגען מאַן, אַן אויסגעגליבטער, אַ שטאָלצער, אונטער די צוויי אויפגעהויבענע גראָבע שטעקנס:

— איר זענט זיך טועה, יונגעלייט, — זאָגט רב חיים צו די צעיוּשעטע שקצים — דער איז דאָך נישט קיין אמתער ייד... קוקט אָן — ווייזט ער אויף זיין ווייכער באָרד — איך בין אַ ייד, מיך שלאָגט!...

●

זינט די „ל"ר־ניקעס" זענען באַהאַלטן, גייט רב חיים, נישט אינדערוואָכן און נישט שבת אפילו — אין שול אַריין צום דאַווענען; ער דאַוונט ביחידות ביי זיך אין צימער אין „האָטעל רוזוועלט". יעדעס מאָל, איידער ער שטעלט זיך דאַווענען, איידער ער לייגט טלית און תפילין, טענהט ער זיך אויס מיטן רבונא של עולם:

רבונא של עולם — זאָגט ער, שטעלנדיק זיך מיטן פּנים צו דער

מזרח־וואַנט — זיי מיר מוחל, וואָס איך גיי נישט דאַווענען בציבור. איך קען ביי זיך נישט פּועלן, אַז איך זאָל זיך אָנטון דאָס פאַרגעניגן און קומען צו דיר אין דיין הויז אַריין, כדי צו דיר צו בעטן, בעת אַזוי־פיל פון מיינע ברידער מוזן נעבעך ליגן באַהאַלטן אויף די בוידעמער, אין די שטאַלן און אין די קעלערן... עס גייט צו ימים־נוראים, אויך אין די הייליקע טעג, רבונא של עולם, וועל איך צו דיר נישט קומען; דען וואָס בין איך עפּעס ביי דיר, רבונא של עולם, אַ גרעסערער מיוחס ווי די אַנדערע יידן, וואָס קענען אין שול נישט גיין ?... און אויב דו ווילסט ווידער דווקא, רבונא של עולם, אַז איך זאָל יאָ צו דיר קומען, איז נישט אַליין... מוזט דו באַווייזן דיין חסד, און מיינע ברידער באַפרייען, אַז זיי זאָלן אויך קענען קומען אין שול צו דיר בעטן אין די הייליקע טעג"...

און אין איינעם אַ טאָג, שוין האַרט פאַר די ימים־נוראים, האָט דער רבונא של עולם רב חיימען צוליב געטון און דער נס איז געשען :

ביי רב יעקב גראַדזשינסקין אין „קאָמיטעט", איז דעמאָלט געווען אַן אסיפה, מען האָט זיך מיישב געווען וועגן די נסתרים :

— אפשר איז פאַרט טאַקע אמת, וואָס די פאַרשידענע „באַקאַנטע גויים" זאָגן — פרעגט איינער פון די בעלי־בתים, נישט דרייסט — אַז די נסתרים מעגן אַרויסקריכן פון די באַהעלטעניש; אַז זיי קענען קומען אין דער פּאָליציי און מען וועט זיי דעם „אויפענטהאַלט" פאַרלענגערן?... דאָס וואָלט דאָך געווען אַ ישועה, סיי פאַר די נסתרים און סיי פאַרן „קאָמיטעט" — גיט ער צו — עס קאָסט דאָך אָפּ אַ פאַרמעגן ! נישט דאָ שוין ביי וועמען אַזויפיל צו נעמען !... שטאָט קען נישט אויסהאַלטן !...

אָבער רב יעקב גראַדזשינסקי וויל נישט הערן און געדענקען :

— איך וועל נישט נעמען אויף זיך אַזאַ מין פאַראַנטוואָרטלעכקייט; איך וועל נישט ריזיקירן קיין איין „ל"ר־ניק" אפילו !... איך

גלויב זיי נישט, די רשעים, פון דאַנען ביז האַנען !... וואָס זאָגט איר, רב חיים ?

— איך, — ענטפערט רב חיים — האָף צו זיין ליבן נאָמען, אַז ביז די ימים נוראים — וועט נאָך געשען אַ נס, און די יידן וועלן מיט גאָטס הילף אויסגעליזט ווערן...

ווי אַ ווינבער לויפט אַן רפאל שטשעראַנסקי :

— יידן, אַ גוטע בשורה : דער אדון מיינער, האָט מיר טעלעפאָנירט, מיך געבעטן צו אים צו קומען; אַז איך בין אַהינגעקומען, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז מען וועט די „ל"ר־ניקעס" גאָרנישט קיין שלעכטס טון; אַז מען וועט זיי זייערע פאַפירן פאַרלענגערן... און אין מיינע אויגן, יידן, זאָלן מיר טאַקע אַלע, אַזוי ווי מיר זענען דאָ, נאָך דערלעבן היטלערס מפּלה, און מיר זאָלן אַזוי הערן בשורות טובות פון אונדזערע משפּחות און פון אַלע יידן, ווי איך האָב אַליין געהערט, ווי ער האָט, דורכן טעלעפאָן, געגעבן אַ באַפעל צו דער פּאָליציי, אַז מען זאָל אַלע „זעקסאונדרייסיקער" פאַרלענגערן די פּאַפּירן...

די ידיעה איז גלייך צעטראָגן געוואָרן אין אַלע באַהעלטענישן, אָבער קיינער פון די נסתרים, האָט זיך נישט געוואָלט ריזיקירן צו זיין דער ערשטער, צו גיין אויפן ערשטן פייער...

רב חיים כאַפּט אַ דראָזשקע און פאָרט אַהין צום גאַליציאַנער רב. דער רב, הויט און ביין, מיט אַ בלאַסן, אויסגעצויגענעם פנים, מיט זיין רויטער, פייערדיקער באָרד, אין טלית קטן און אין יאַרמעלקע, ליגט ער אויסגעצויגן אויפן בעט, מיט אַ הייסן פּענכער אויף דער לעבער...

— רבי, אַ בשורה טובה ! — זאָגט רב חיים — דער פּרעפעקט האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אַלע „ל"ר־ניקעס" פאַרלענגערן די פּאַפּירן. זייט מוחל רבי, נעמט אויף זיך דעם איבערציער און קומט מיט מיר... איילט אייך צו, זייט מוחל, אַ דראָזשקע וואַרט אינדרויסן...

— איז שוין אימיצער געגאנגען און מען האט אים פארלענגערט ?
— וויל זיך דער גאליצאינער רב פארזיכערן...
— נאך נישט, — ענטפערט רב חיים — איר וועט זיין דער ערשטער...
— וואס האט איר עפעס, רב חיים, סיך אויסגעקליבן, אז איך זאל גיין אויפן ערשטן פייער ? — ווערט זיך דער גאליציאנער רב...
— איר זענט שוין געניג געוועזן א נכתר, רבי, — זאגט רב חיים מיט זיין אייביקן שמייכל — עס איז שוין צייט אז איר זאלט נתגלה ווערן !... קומט, איך באלייט אייך...
אין דער פאליציי, קומט אריין דער רויטער גאליציאנער רב, מיטן בלאסן אויסגעצויגענעם פנים, מיט דער פארשפיצטער נאז און מיט די בלויע ליפן... די ריפסענע, געהאקטע קאפאטע זיינע, הענגט אויף אים; ער נעמט אראפ דעם שווארצן, פליושענעם קאפעליוש, און בלייבט שטיין א צעשראקענער, אין א שווארצער, סאמעטענער יאר־מעלקע אויפן געדיכט־באוואקסענעם רויטן קאפ האר.
— זיצט — ווייזט רב חיים אן דעם רב אן ארט אויף דער באנק, און ער נעמט פון דעם גאליציאנער רבס ציטערנדיקע הענט זיין פא־פירל און א דרייסטער גייט ער צו צום באאמטן :
— דאס איז דער רב אונדזערער, — זאגט רב חיים — דער רב פון אונדזערע „זעקסאונדרייסיקער“. ביי אונדז יידן, פירט זיך אזוי, פון קדמונים, אז עס איז דא א סכנה פאר אן עדה, גייט דער רב דער ערשטער...
— נישט דא מער קיין שום סכנה, — ענטפערט דער באאמטער א געפלעפטער — מיר האבן א באפעל... אלע קענען קומען...
און ער לייגט ארויף אויפן גאליציאנערס רבס פאפירן א סטעמפל אויף גאנצע דריי חדשים...

●

אויפן ערשטן שטאק פון „האטעל רוזוועלט“, האט דער „קאמיטעט“

אָפּגעדונגען, פאַר די רבנים, דעם גרויכן גאַסט-זאַל, מיט די צוויי ווענט גרויסע פענצטער, מיט די צוויי באַלקאָנען, וואָס גייען אַרויס אויף דער מאַרשאַל זשאָפּר-גאַס, און די רבנים האָבן דאָ געמאַכט זייער בית־מדרש און זייער בית־דין־שמוב. דאָ דאַוונט דער גאַנצער „האָטעל רוזוועלט" מיט מנין, און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל צווישן יידן אַ סכסוך, מיט וועלכן עס איז, היינטיקע צייטן, פיל גלייכער צו גיין צום רב, ווי להבדיל צום געריכט — קומען זיך צונויף אַלע רבנים: דער רב פון „פּלעצל", דער פראַנקפורטער ראַבינער און דער גאַליציאַנער רב, מען פּסקנט די דין־תורה און מען פאַרדינט פּסק־געלט פאַרן „קאַמיטעט"...

אויפן טיש ליגט אַן אַלטער משניות, וועלכן מען האָט דאָ אַהערגעברענגט פון אַ ניצער שול; זיינע בלעטער זענען אַזוי אָפּגעריבן, צעריסן און פאַרפעצט, אַז מען דאַרף זיין אַ ספּעציאַליסט, אַז מען זאָל קענען כאָטשי איין עמודל אַדורכקוקן, און פונדעסטוועגן גייט דער משניות איבער פון האַנט צו האַנט, אַלע קוקן אין אים אַריין, איטלעכער שוין אפשר צום הונדערטסטן מאָל, און תמיד מיט דער זעלבער פאַרטיפטקייט, מיט דער זעלבער נייגיריקייט, גלייך ווי זיי וואָלטן בכלל ערשט געזען אַ משניות צום ערשטן מאָל...

אויף אַ קליין טישעלע, שטייט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, אויף וועלכן די איינוואוינער פון „האָטעל רוזוועלט" האָבן זיך צונויפגעלייגט און געדונגען אויף אָפּנוץ-געלט, כדי צו וויסן וואו מען האַלט עפּעס אין דער וועלט... דער דאָזיקער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, איז דער צוציאונגס־כוח פון דער בית-דין־שטוב... צוליב דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, נידערן די רבנים, אין זייערע שלאָפראָקן און יאַרמעלקעס, עטלעכע מאָל אין טאָג אַראָפּ פון זייערע העכערע שטאָקן, און אין די אָוונטן, נאָך דעם נאַכט־עסן, כאַפּן זיך יידן פּליטים, פון די ווייטסטע האָטעלן, אַריבער אין „האָטעל רוזוועלט", צו הערן עפּעס נייעס...

מיט אַ רעשן בראַל אויף פון דער טיר, קומט אַריין דער רויטער

גאליציאנער רבֿ, וועלכער זינט מען האָט אים אַרויסגענומען פֿון זײַן באַהעלטעניש און אים פֿאַרלענגערט די פּאַפּירן אויף גאַנצע דרײַ חדשים — איז ער גאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן... מיט זײַן דרײַ־חדשימדיקן פּאַפּיר, דרייט ער זיך שוין מער נישט אַרום אין די קאָרידאָרן פֿון „האָטעל רוזוועלט", נאָר ער גייט אָפּט אַרויס אין גאַס און בעיקר שפּאַצירט ער אַרום, מיטן פּאַראַכאַל אין דער האַנט, צווישן די פּאַלמע־בוימער און בלומען־בייטן אין העם שכנותדיקן גאָרטן... ער זאָגט, אַז די ניצער לופֿט „פּאַלוביעט" אים בעסער צו דער לעבער, ווי דער הייסער פּענכער... ער העגגט אָן דאָס הענטל פֿון זײַן פּאַראַסאָל אויפֿן לינקן אָרעם, באַנעצט זיך די שפּיצן פֿינגער ביים וואַסער־קראַן, ווישט זיך די הענט מיט דעם האָטעל־האַנטעכל, וואָס האָט אַ לאַנגע שורה רויטע פּעדעמער „רוזוועלטס", ער מורמלט אָפּ אַ שטילן, הייזעריקלעכן אשר יצר, און טוט אַ פֿרעג, הויך, אויפֿן ברייטן קול:

— נו ? וואָס הערט זיך עפּעס נאַאַעס ?...

— זייט, זייט מוחל, שטיל, וועט איר הערן — ענטפֿערט אימיצער פֿון דער צונויפֿגעדרענגטער קנויל טונקעלע שאָטנס, וואָס קנוילן זיך אינעם ווינקל ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

●

אינעם גאַנצן זאַל איז שוין גוט טונקל, עס איז שוין שפּעט אין אוונט, אָבער מען האָט נאָך קיין ליכט דאָ נישט אָנגעצונדן... עס איז געזונטער דאָס ליכט נישט אָנצוצינדן בעת מען הערט דאָס קעסטל... פֿון צווישן די שפּאַרעס פֿון דער קנויל שוואַרצע קאַפּאָטעס, פּליושענע קאַפּעלושן און זײַדענע יאַרמעלקעלעך — שיינט אַרויס דאָס פּיצענקע רויטע לעמפּעלע פֿון די קורצע כוואַליעס, וועלכעס מאַכט די רויטע באָרד פֿונעם גאַליציאַנער רבֿ נאָך רויטער... איצט איז די שעה, ווען מען הערט ענגלאַנד אויף דאַאַטש :

„זי העהען אונדזערע אכטע זענדונג אין דויטשער שפּראַכע, איבער די קורץ־וועלען נײַנאונפּירציג מעטער"...

— דאָס איז עס ! דאָס איז עס ! — כאַפּן עטלעכע שטימען מיט איינמאָל אונטער.

— טשעפּעט שוין נישט, דרייט שוין נישט מער, לאָזט עס אַזוי, אַז נישט וועט מען ווידער גאָרנישט הערן! — עצהט דער רב פון „פּלעצל".

— שוין — שטעלט זיך רב חיים אויף — מען מעכט שוין ווי־דער נייס אויפן מעטער...

— גייט נישט אַוועק רב חיים, — זאָגט אימיצער — וועט איר הערן וואָס זיי זאָגן...

— נאַרישע מענטשן וואָס איר זענט, — ענטפערט אים רב חיים — עס איז דען וויכטיק, וואָס די זאָגן, אָדער וואָס יענע זאָגן ? וויכ־טיק איז דאָך נאָר, וואָס דער רבונא של עולם זאָגט, און ווי ער וועט פירן — אַזוי וועט זיין...

ער זאָגט „אַ גוטע נאַכט" און שלייכט זיך אַרויס.

עס איז איצט שטיל אין בית־דין־שטוב פון „האָטעל רוזוועלט", ווי להבדיל, ראש־השנה אין שול צו שופר בלאָזן... אַלע האַלטן איין דעם אָטעם; און כאָטש אַלע יידן פאַרשטייען דאָאַטש — פאַרשטייט אָבער דאָך זעלטן ווער פון זיי אַ גאַנצן זאַץ, דען דער ראַדיאָ קאָכט און זידט און סאָפּעט; דער שונא האָט זיך אַריינגעלייגט אינעם אַפּאַ־ראַט, ווי להבדיל דער שטן אינעם שופר, ראש־השנה צו תקיעות, און ער טוט אַלץ אין דער וועלט, אַז מען זאָל נישט קענען הערן דעם אמת...

— פּאַראַזיטן — זאָגט דער פראַנקפורטער ראַבינער.

— דאָס פאַררווישט מען „עקספּרעע" — בעסערט אויס דער שוחט פון מאָנמאַרט — אַז מען זאָל נישט קענען הערן דעם אמת... „זיי" זענען, פאַרשטייט איר מיך, אויף גרויסע צרות !...

אַביסל אָבער, הערט מען דאָך. מען שטרענגט זיך גוט אָן, מען בויגט זיך גוט צו; דער רב פון „פּלעצל" נעמט דעם שפּיץ פון זיין גרויער באָרד צווישן די ציין, דער רויטער גאַליציאַנער רב שפּאַרט

זיך אָן אויף אימיצנס אַן אַקסל, דער בריסעלער חזן שפּאַרט זיך אונ־טער מיט אַ דלאָניע אונטערן אויער, און כאַפּט ווער אויף אַ גאַנצן דייטשן זאַץ, גיט ער עס באַלד איבער אויף ריין יידיש:

— אַראָפּגעשאָסן צען דייטשע איראָפּלאַנען !...

— כן יאובדו ! — ענטפערן כמעט אַלע אין כאָר.

דער ראַדיאָ כאָרכלט עפּעס דאָרטן ווידער, ווי אַ שכורער דייטש, און באַלד איז דאָ אַ ריין יידישע איבערזעצונג :,

— אַלע אונדזערע איראָפּלאַנען זענען בשלום קריקגעקומען !...

— „אומבאַרופן״ ! — זאָגט דער פראַנקפורטער ראַבינער.

— קיי־ניי־נע־האָרע ! — טוט זיך דער גאַליציאַנער רב אַ גלעט אָפּ זיין רויטע פייערדיקע באָרד און שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל דאַווענען מעריב.

•

עס הערט זיך אַ זשומען פון דער ווינדע אין קאָרידאָר. דאָס זשו־מען האָט מיט אַ מעטאַלענעם קלאַנג אויפגעהערט. די ווינדע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ערשטן שטאָק... עס הערט זיך אַ סקריפּען פון די זשאַלוזיע־טירן פון דער ווינדע, טריט אינעם קאָרידאָר... עס קען זיין אַן אייגענער, אַ פאַרשפּעטיקטער ייד, וואָס איז געקומען הערן נייס, עס קען אָבער אויך זיין אַ פרעמדער, אַן „אונטערהערער״ רחמנא ליצלן... מען שמועסט, אַז זיי שטעלן זיך הינטער אַלע טירן...

קודם פאַרדרייט מען אויף אַ נדערגיך דאָס „קעסטל״, מען דרייט אויף דאָס ליכט... אַלע בלייבן זיצן איבערגעשראָקענע, בלאַסע, און בלייכער ווי אַלע, איז דער רב פון „פּלעצל״, פון צווישן זיינע געדיכ־טע, גרויע באָרד און וואָנסעס, ציטערט אַרויס זיין דיקע, אונטערשטע ליפּ :

— צערוקטס ענק ! צערוקטס ענק !...

אַלע צערוקן זיך, און כאָטש דאָס אַלץ געשעט ממש אין איין איינ־ציקן אויגנבליק, איז שוין דאָך די גאַנצע בית־דין־שטוב מער נישט צום

דערקענען: יעדער זיצט אין אַ באַזונדערן ווינקל, יעדער זיצט איצט וואָס ווייטער פון דעם „קעסטל", וואָס כאַטש עס שטומט שוין איצט, דרויט עס פונדעסטוועגן דאָך נאָך מיט אַגענטן, מיט פּאָליציי און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, רחמנא ליצלן...

דעם גאַליציאַנער רב איז איצט וואוילער ווי אַלעמען: ער שטייט דאָך שוין סיי ווי, נאָך פון פריער, שמנה־עשרה, שאָקלט ער זיך נאָך אַביסל שטאַרקער ווי פריער... און אין דעם אויגנבליק, נישט אויס־דריייענדיק זיך, ווייזט זיך אים אויס, אַז אַלע זענען געפאַלן אויף דער זעלבער המצאה, זיך צו שטעלן הינטער אים שמנה עשרי, עלעהאַי מען דאַוונט בצבור, און ער איז דאָס דער בעל־תפילה... גייט ער גלייך איבער פון שטילער שמנה־עשרה אויף הויכער:

— מודים אנחנו לך...

קיינער כאַפּט אָבער דעם מודים דרבנן נישט אונטער, עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין רב ברוך גבאי:

— גוט נאָוונט יידן!

אַלע האָבן פריער אָפּגעאָטעמט...

— איר האָט אונדז גוט איבערגעשראָקן, רב ברוך — זאָגט דער רב פון „פּלעצל".

— אָה? — כאַפּט זיך רב ברוך גבאי — איר האָט שוין גע־הערט? נו? וואָס הערט מען טאַקע עפּעס גוטע נייעס?...

— זער גוטע נייעס, געלויבט דער אויבערשטער! — ענטפערט דער שוחט פון מאַנמאַרט — די באָלשעוויקעס שלאָגן זיך קאַניינעהאָ־רע זער העלדיש!...

— טאַקע? — זאָגט אַ צופרידענער רב ברוך גבאי, און גלעט זיך זיין גרוי בערדל — געלויבט השם יתברך!...

— און יעך זאָג ענק, — מישט זיך אַריין דער בריסעלער חזן — אַז די מלחמה וועט זיך איצט, מיט גאָטס הילף, גיך ענדיקן...

— מיטן אויבערשטנס הילף — זאָגט דער רב פון „פּלעצל" —

וועלן מיר אום ירצה השם אויף חנוכה, צום ערשטן ליכטל, שוין זיין איטלעכער אין זיין היים...

אימיצער האט א גענעץ געטון, זילבערנע און גילדענע זייגערס ציען זיך פון וועסטן־קעשענעס, מען זאגט זיך „א גוטע נאכט", און איטלעכער שלייכט זיך אריין אין זיין האטעל־צימער, פול מיט האפענונג אויף היטלערס מפלה...

●

יעדן טאג ברענגט, געלויבט דער אויבערשטער, דאס „קעסטל" אין דער בית־דין־שטוב פון „האטעל רוזוועלט" גוטע ידיעות פון די פראנטן. מען זעט שוין באשיינפערלעך, אז די ישועה איז שוין גאר נאענט... גאטס דרכים, זענען גארנישט משיג צו זיין: דווקא דער באלשעוויק, איז געווארן דער גוטער שליח פון רבונא של עולם, זיך אנצונעמען די עוולה פון די יידן און אויסצולייזן די וועלט... אויך די אמעריקאנער און די ענגלענדער שווייגן נישט: זיי האבן שוין, געלויבט השם יתברך, „געלאנדעט" אין אפריקע און אין איטאליע, און מען גיט שוין אין „קעסטל" אנצוגעהערן, אז בקרוב וועלן זיי אויך „לאנדן" אין פראנקרייך...

אבער די דייטשן האבן דערווייל באזעצט גאנץ פראנקרייך. ווי די בייזע רוחות, זענען זיי, מיט זייערע טאנקען און מיט די פולע לאסט־וועגענער אנגעפראפטע מיט גרינע חיילותן, אנגעפלויגן לענגאויס די ברעגעס פון דעם בלויען, מיטללענדישן ים, האבן באזעצט די פראנצויזישע ריוויערע; און די האטעלן און פאלאצן פון דער שטאט ניצע, זענען געווארן צו קווארטירן פון די נאצישע גענעראל־שטאבן, צו נעסטן פון דער געשטאפא, און צו תפיסות און זאמל־פונקטן פאר די טויזנטער יידן, וועלכע מען האט נאכט ביי נאכט, פון זייערע בעטן ארויסגעשלעפט.

איצט האנדלט זיך שוין נישט בלויז אין „ל״ר־ניקעס" — אין „זעקסאונדרייסיקער"... אלע יידן: ארעם און רייך, אלט און יונג,

איינגעזעסענער און פרעמדער, מוזן זיך לויפן באהאלטן... מען באהאלט זיך וואו ווער עס קען: אין קעלערן, אויף בוידעמס, אין שפיטאלן, אין קלויסטערס, אין בערג, אין טאלן, ביי פויערים, ביי נאנעס און גלחים... משפחות צעטיילן זיך, דען עס איז אפט נישט מעגלעך זיך צו באהאלטן אלע צוזאמען... מיט טרערן אין די אויגן, פירן מאמעס אוועק זייערע קינדערלעך אומעטום, וואו עס לאזט זיך, געטרויען אן זייערע קינדער צו יעדן גוי, וועלכער וויל זיך איבער א יידיש קינד דערבארעמען... און זער אפט זוכן יידישע מאמעס שוץ פאר זייערע קינדערלעך אין די טונקעלע, קילע שאטנס פון די קלויסטערס און מאנאסטירן...

נאכט ביי נאכט, רינגלען די מחנות דייטשע חיילותן ארום האמעלן, גאנצע הייזער־בלאקן, שליסן אפ גאנצע גאסן און בולווארן, און זיי שלעפן פון דארטן ארויס: צעשראקענע, טויט-בלאסע יידן, פארחלשטע פרויען און וויינענדיקע קינדער...

די דייטשן צוהילף, קומען די היימישע, אוניפארמירטע און ציווילע רשעים, מיט מסירות, מיט אנווייזונגען און עצות... די וועלכע פרואוון זיך אפווערן מיט „ארישע פאפירן" פירן די געשטאפא־לייט איבער זיי אדורך „לייב-אונטערזוכונגען" און אויב דער מאן, האט פונקט ווי זיין זיידע אברהם, כורת ברית געווען מיטן רבונא של עולם, איז עס א סימן, אז ער איז הפקר, אז מען קען מיט אים טון אלץ וואס מען וויל נאר, אז קיינער וועט זיך פאר אים נישט אננעמען...

אזוי טאג איין, טאג אויס, גייט אן דאס געיעג אויף יידן; טאג איין, טאג אויס, ווערן אנגעפולט די זאמל־פונקטן, און טאג איין, טאג אויס, גייען אפ פון ניצע טראנספארטן — פול אנגעפאקטע, פארפלאמבירטע בהמות־וואגאנעס מיט יידן, ערגעץ אין אן אומבאקאנטער ריכטונג...

⁂

אויפן גרויכן באלקאן פון דער בית־דין־שטוב פון „האטעל רוז־

וועלט", פלאַטערט אַ ריזיק-גרויסע, בלוט־רויטע פאָן מיט אַ שוואַרצן האַקנקרייץ: אַ באַהעלמטער און באַוואָפנטער נאַצי, מיט אַ ביקס און שפּיז אויפן אַקסל און צוויי האַנט־גראַנאַטן, פאַרשטעקטע אין די כאַליאַוועס פון די שטיוול, דרייט זיך הין און צוריק, לענגאויס דעם טראָטואַר, פאַר דעם אַריינגאַנג פונעם „האָטעל רוזוועלט"; און דורך די אָפענע פענצטער פונעם האָטעל, קוקן אַרויס: שטיקלעך גרינע מונדירן מיט גילדענע און זילבערנע עפּאָלעטלעך, נידריק־געשווירענע, בלאָנד־האָריקע קעפּ, קאַנטיקע פּנימער, מיט בייזע, שפּיציקע, חיהשע אויגן הינטער ברילן און מאָנאָקלען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז עס פאַלט צו די נאַכט, ווען גאַנץ ניצע ווערט פאַרזונקען אין אַ פינצטערניש, שאַרט זיך, פון ערגעץ אַ טויער אַרויס, די נידעריקע, קליינע פיגור פון רב חיימען. אין ביידע הענט האַלט ער צוויי קויש־לעך מיט עסנוואַרגן, און אין דער בוזעם-קעשענע — קאָנווערטן מיט באַנקנאָטן — „הילף פונעם „קאָמיטעט"... ער גייט גלייך, רב חיים, ער שטעלט זיכערע טריט; ער טראָגט הילף צו די אָרעמסטע, צו די נויט־באַדערפטיקסטע... רב חיים האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא, שליחי מיצווה אינו ניזוקין!...

# ווידערשטאַנד

דער טיש איז שוין געווען געדעקט צו אָוונט־ברויט. מאַדאַם פּראַ־דיע, אוים געוואוינהייט שטענדיק עפּעס צו טון, האָט, זיצנדיק אויף דער קאַנאַפּע, עפּעס געשטריקט. לואיזעט, האָט אומגעדולדיק אַלעמאָל געקוקט אויף דעם וואַנט־זייגער, און פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, און פלעגט יעדן אָוונט אומגעדולדיק וואַרטן, אַז דער פּאַפּאַ זאָל שוין פון אַפּטייק אַהיימקומען, זייענדיק נייגיריק, וואָס פאַראַ שפּילעכל ער וועט איר מיטברענגען, אַזוי האָט זי היינט אויף אים אומגעדולדיק געוואַרט, צו וויסן וואָס פאַראַ ענט־פער ער וועט איר געבן... צי ער איז מסכים, אָדער נישט — מוז זי יעדנפאַלס זיין תשובה מאָרגן איבערגעבן דעם שעף פון איר קעמערל...

מ׳סיע פּראַדיע איז אַריינגעקומען, מיטברענגענדיק מיט זיך דעם ריח פון לאַבאָראַטאָריע, פון רעצעפּטן. טאַטע און טאָכטער האָבן זיך ביי דער טיר צעקושט, און מאַדאַם פּראַדיע, מיט איר ווייסן קאָפּ האָר, און מיט איר יונגען פּנים, האָט, אַ שטראַלנדיקע זיך צוגעקוקט צו דער הייסער באַגריסונג פון דער טאָכטער מיט איר טאַטן, און זי האָט אויף דער קאַנאַפּע רואיק געוואַרט אויף איר מאַנס באַגריסונג, כדי זיך דערנאָך אויפצושטעלן, און צו סערווירן דאָס נאַכט־עסן.

— ווי גייט עס? — האָט מ׳סיע פּראַדיע געפרעגט זיין טאָכטער, פאַרנעמענדיק זיין אָרט ביים טיש.

— גוט. — האָט לואיזעט געענטפערט.

מ׳סיע פּראַדיע האָט אַראָפּגעלייענט לואיזעטס געשפּאַנטקייט פון איר ראָזן פּנים, פון אירע בלויע אויגן, און זופנדיק געלאַסן די זיל־בערנע לעפעלען נילדענע זופּ, האָט ער פּלוצעם אָנגעהויבן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ המשך פון זיינע טראַכטענישן:

— יאָ... ווען באַהאַלטן די מענטשן... גוט, דו קענסט זיי הייסן דאָ אַהערבריינגען, דיינע פריינד... נאָר דער עיקר — פּאַרזיכטיק!... זייט, זייער פאַרזיכטיק, אַז עס זאָל זיי קיינער נישט זען דאָ אַריינגיין.

— דאָס קענסט דו זיך שוין פאַרלאָזן אויף אונדזערע „טעכניקער".

— האָט לואיזעט אַ שטראַלנדיקע געענטפערט.

— איך האָב היינט שוין אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן — האָט מ'סיע פּראַדיע ווייטער גערעדט — מיר וועלן פאַרשטעלן די טיר מיט אַן אַפּטייק־שראַנק, און מיר וועלן מיט זיי קאָמוניקירן נאָר דורך דעם קעלער־פליגל, וועלכער וועט זיין פאַרשטעלט מיט עטלעכע קאַסטנס.

— נאָר מיט דעם באַדינג, מיין טאָכטער, — האָט מאַדאַם פּראַדיע צוגעגעבן — אַז דו זאָלסט בלייבן אין שטוב, און זאָלסט מיר צוהעלפן אין דער ווירטשאַפט... דו דאַרפסט, מיין טעכטערל, פאַרשטיין, אַז עס קומען צו נאָך דריי מענטשן אין שטוב, זיי אויסצוהאַלטן, היינטיקע צייטן, זיי מיט עסן צו באַזאָרגן, וועט פאַר מיר, אפילו ווען דו וועסט מיר צוהעלפן, אויך זיין זייער שווער... נאָר איך וועל דאָס טון זייער גערן, אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט בלייבן אין שטוב... דו פאַרשטייסט? ווען איך כאַטש די שרעק, וואָס איך האָב יעדעס מאָל, ווען דו גייסט אַוועק פון שטוב — מיר איינשפּאָרן.

— איך וועל דיר העלפן מאַמע, אַלץ וועל איך טון — האָט לואיזעט, אַ גערירטע, איר מוטער צוגעזאָגט.

— פאַרשטייסט, — האָט מ'סיע פּראַדיע געוואוינען און געמאָסטן די ווערטער, ווי ער וועגט און מעסט מעדיקאַמענטן אין אַפּטייק — פאַר דיר וועט עס שוין זיין גענוג... באַהאַלטסט אויס דריי מענטשן, דאָס איז שוין, פאַרשטייסט דו מיך, ווידערשטאַנד... נישט יעדער קאָן דאָך גיין מיט דער ביקס... איך האָב אויך ליב מיין פאָטערלאַנד... און איך האָס אויך די „באָשעס" נישט ווייניקער ווי דו... דו ווייסט דאָך: איך האָב נישט געטון ווי די אַנדערע קאָלעגן אַפּטייקער... איך האָב קיין איין סענטיגראַם מעדיקאַמענט נישט פאַרקויפט פאַר די

„באַשעס“... אַהאַ ! ער איז גוט באַהאַלטן מיין סטאַק !... סם קען איך זיי פאַרקויפן... פאַרשטייסט? איך וויל צוהעלפן צו דער באַפרייאונג פון מיין אָרעמען פאַטערלאַנד... אָבער, — האָט ער אויפגעהויבן אַ האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן זיין ווייסן סערוויעט, און זי צוריק אַראָפּגעלאָזן ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל לאָזט אַרונטער זיין פליגל — איך בין שוין צו אַלט... און איך טראָג נאָך אין מיר זייערע גאַזן פון יאָר 1917... איך וועל טון וואָס איך וועל קענען... אָבער — איז זיין שטימע געוואָרן טרויעריק — איין באַדינג: איך וויל דערביי נישט פאַרלירן מיין איינציקע טאָכטער...

ביי די ווערטער, האָבן ביי מאַדאַם פּראַדיע אירע העל-בלויע אויס-געלאָשענע אויגן זיך מיט טרערן אָנגעפולט, זי האָט דעם לעפל פון דער האַנט אַרויסגעלאָזן, וועלכער איז מיט אַ לייכטן פּאָרצעליי-קלונג געפאַלן אויפן באַגילדעטן ראַנד פון טעלער, און זי האָט מיט אַ ווייסינקען טיכעלע זיך געווישט פון אויג אַ טרער.

מ'סיע פּראַדיע, דערזעענדיק דאָס, האָט זיך אויפגערעגט, און זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער, וועלכע איז געוואָרן טרויעריק, פון דער צו-ערנצטער שטימונג אין שטוב :

— אוממעגלעך אין שטוב עפּעס איבערצורעדן צוליב דיין מאַמען!... באַלד צעוויינט זי זיך... מען מוז רואיק די לאַגע באַטראַכטן, מען מוז געפונען אַן אויסוועג... אָפּזאָגן דעם קינד — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי — פאַרווערן איר זיך צו מישן, קען מען נישט... מען מוז עפּעס טון... מוז מען געפונען עפּעס אַזאַ מין אויסוועג, אַז מען זאָל טון עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אי ניצלעך פאַר דער באַוועגונג, און אי מיר זאָלן דערביי נישט זער שטאַרק ריזיקירן אונדזער איינציק קינד... איך האָף, לואיזעט, — האָט מ'סיע פּראַדיע געענדערט זיין מענערישן טאָן אויף אַ פאָטערלעכן — אַז דו פאַרשטייסט מיך?...

— איך פאַרשטיי אייך ביידע זער גוט — האָט לואיזעט געענטפערט — אָבער איך בין דאָך נישט קאָמפּעטענט מער אַליין איבער זיך צו

באשטימען... איך געהער צו דער באַוועגונג, איך פאַרשטייט דאָך... ווי אַזוי וואָלט עס אויסגעזען, ווען יעדער וואָלט זיך אויסגעקליבן וואָס פאַראַ אַרבעט אים איז באַקוועמער? . . . דו, פּאַפּאַ פאַרשטייסט דאָך, מען קען נישט אַזוי . . . איך מוז טון, וואָס מען הייסט מיך . . .

— אָבער איצט, — האָט מאַדאַם פּראַדיע געזאָגט, באַמיענדיק זיך צו זיין ווי ווייט מעגלעך רואיק — אַז מיר נעמען אויף זיך אַ משפּחה פון דריי מענטשן אויסצוהאַלטן... זיי צו באַזאָרגן מיט עסן, און מיט אַלץ, וואָס זיי וועלן נאָר דאַרפן, און ווער ווייסט אויף ווי־לאַנג?... איך וועל שוין נישט רעדן וועגן דער ריזיקע גופא... דאַרפסט דו „זיי" געבן צו פאַרשטיין, אַז דו מוזט בלייבן אין שטוב... אַז דו מוזט דיין מאַמען העלפן... „זיי" וועלן דאָס אויך פאַרשטיין... וואָס עס זאָל נאָר נישט געשען אין אַזאַ צייט, זיי דו נאָר קודם אין שטוב... נאָר אין שטוב — האָט זי געצערטלט די ווערטער, וואָס זייער זין איז איצט געוועזן איר גרעסטער וואונטש אין איר לעבן.

— אָבער פאַרשטייט, — האָט זיך לואיזעט געוועדט — איך קאָן דאָך נישט קומען צו זיי און זאָגן: „איך וויל בלייבן אין שטוב" בעת אַנדערע זענען מיט מאַשינגעווער אין האַנט קעגן שונא . . . „און די עקסטרעמיסטן — האָט זי געטראַכט — וואָס וואָלטן זיי דערצו גע־זאָגט... זיי, וועלכע האָבן סיי ווי נישט קיין גרויסן צוטרוי צו אונדז „בירגערלעכע"?...

— פאָלג דיינע עלטערן, קינד מיינס, — האָט זיך מ'סיע פּראַדיע ביי איר געבעטן גלעטנדיק אירע בלאָנדע לאָקן — פרעג זיי... גיב זיי צו פאַרשטיין... קיין דינסט האָבן מיר נישט... מען קען נישט איינ־נעמען קיין פרעמדע... וועסט זעען מיין טאָכטער, אַז זיי וועלן דאָס גוט פאַרשטיין... וועסט זעען, אַז עס וועט גוט זיין.

— גוט, — האָט זיך לואיזעט אונטערגעגעבן — איך וועל זיך באַ־מיען מאָרגן וועגן דעם איבערצושמועסן.

ביי מ'סיע פּראַדיע אויפן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער

שמייכל. ער האָט זיך געוווּשט דאָס מויל, די וואָנסעס מיט דער סער־וויעט; זיינע טיפע אויגן האָבן אונטער די געדיכטע ברעמען שטאַלץ געלויכטן, און האָבן געוואָרפן אַ ליכטיקן שיין אויף זיין גרוי קמץ־בערדעלע, וועלכעס האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פּענדזל איינגעטונקט אין העלער פאַרב:

— נו, דאַרף מען זיך אויפרעגן?... מען דאַרף נאָר רואיק איבער־שמועסן, אונדזער קינד פאַרשטייט דאָך...

— קום אַהער, טאָכטערל, צו דער מאַמען — האָט מאַדאַם פּראַדיע אויסגעשטרעקט אַ פּאָר אָרעמס, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט לאַנגע ווייסע פינגער.

לואיזעט האָט מיט אַן אויסגעלייטערטן פּנים זיך אויפגעשטעלט, האָט די סערוויעט אויפן טיש אוועקגעלייגט, און די אַכצן יאָריקע טאָכטער האָט זיך, ווי אַ קינד, בייגעלערט? בײַ דער מאַמען אויף דער שוים אַוועקגע־זעצט:

— איך וועל דיר העלפן אין דער ווירטשאַפט, מאַמעלע גוטע, איך וועל אַלץ טון... איך וועל נאָר אַוועקגיין, ווען עס וועט זיין נאָר, נאָר נויטיק... און זי האָט איר געקושט אין די באַקן, און איר געגלעט אירע ווייסע האָר.

מ'סיע פּראַדיע אַקעגנאיבער, האָט זיך צוגעקוקט צו דער אָוונ־טיקער אידיליע, וועלכע איז געווען באַלויכטן פון דעם עלעקטרישן ליכט, און ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ בילד פון זיין פרוי, וועלכע האָלט אויף אירע קני דאָס אָפּבילד פון איר אייגענער יוגנט...
„אַזוי האָט זי אויסגעזען" — האָט ער געטראַכט — „ער איז דע־מאָלט גימנאַזיע־שילער געווען... אויך אַן אומרואיקע צייט... די דרייפוס־אַפערע... מען האָט אויך נישט ליב געהאַט די יידן, נאָר מען האָט אָבער געפילט אַ חוב צו קעמפן פאַרן אמת... אַ פראַנצויז צו זיין איז צו עפּעס מחייב"...

און ער האָט זיינע טראַכטענישן פאַרענדיקט אויפן קול:

— אַך, ווען איך וואָלט היינט געווען יונגער מיט צוואַנציק יאָר...

— נו, — האָט לואיזעט געזאָגט שטיפעריש — בין איך דאָך יונגער מער ווי מיט פערציק?

— ד ו ביזט עפּעס אַנדערש — האָט מ'סיע פּראַדיע איר גע־ענטפערט — איך בין דאָך אַ מאַן! פאַרגעס נישט — אַ קעמפער פון ערשטן וועלט־קריג... און דו ביזט דאָך אַ מיידעלע... אַ קינד...

— זשאַן ד'אַרק איז אויך געווען אַ קינד... — האָט לואיזעט אַ וואָרף געטון מיט אירע לאָקן.

— זשאַן ד'אַרק איז אַ לעגענדע — האָט מ'סיע פּראַדיע גע־ענטפערט.

— אַלס היילע — האָ ט לואיזעט אַפּאַנירט — איז זי אַ לעגענ־דע, אַלס קעמפּפערין אָבער, אַלס „רעזיסטאַנט" איז זי אַ פאַקט... מיר האָבן היינט אין לאַנד טויזנטער אַזעלכע זשאַנס... און זיי מערן זיך יעדן טאָג... און אינגיכן, וועלן מיר באַווייזן וואונדער...

פאָטער און מוטער האָבן, מיט פיל שטאָלץ, זייער טאָכטערס באַ־גייסטערטע ווערטער אויסגעהערט.

— אַ פּראָפּאָ, — האָט פּלוצעם מ'סיע פּראַדיע אַ פרעג געטון — ווער זענען די פריינד דיינע, וועלכע וועלן דאָ אהערקומען... קענסט דו זיי?...

— יאָ — האָט לואיזעט געענטפערט — ווי איר ווייסט שוין, זע־נען זיי דריי: אַ טאַטע, אַ מאַמע און אַ זון. זיי זענען טאָפּלט פאַר־פּאָגלט — אַלס פראַנצויזן, וואָס „רעזיסטירן" און... אַלס יידן...

— אָ! — האָט מ'סיע פּראַדיע זיך געכאַפּט — זיי זענען יידן? און ער האָט אויפן פּנים געהאַט אַזאַ אָנגעשטרענגטע מינע, ווי אין לאַבאָראַטאָריע, בעת ער מישט צונויף אַ זער וויכטיקן פּרעפּאַ־ראַט, מיט וועלכן מען דאַרף ספּעציעל פאָרזיכטיק זיין.

— וואונדערבאַרע מענטשן, גרויסע פּאַטריאָטן, — האָט לואיז ווייטער גערעדט.

— מיר איז אַלץ איינס וועט זיי זענען! — האָט פּלוצעם מ׳סיע פּראַדיע, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט, אַ זאָג אַרויס געטון — איך האָב צוטרוי צו דיר, און צו דער באַוועגונג...

— די טאַטע־מאַמע זענען אַלטינקע, — האָט לואיזעט ווייטער גערעדט גלייך מען וואָלט איר נישט געוועזן איבערגעריסן — ווייסינקע... ליבינקע... אַט אַזאַלכע, ווי איר...

— אָרעמע יידן — האָט מאַדאַם פּראַדיע מיט פיל גוטסקייט אין איר שטים אַרויסגעזיפצט. עס איז אַ רחמנות ווי מען פאַרפאָלגט זיי...

— און ער, דער זון, — האָט לואיזעט ווייטער גערעדט — איז אַ גרויסער פּאָעט, אַ גרויסער דיכטער... ער שרייבט וואונדערבאַרע דיכטונגען... זיינע לידער וועקן און רופן צום קאַמף...

ביי מ׳סיע פּראַדיע אין מוח האָט אויפגעזונגען די ערשטע סטראָפע פון דער מאַרסעליעזע... לואיזעט האָט ווייטער גערעדט:

— זיינע לידער ווערן אָפּגעצויגן אויף „ראָנעאָ“, און ווערן פאַרטיילט צווישן די אַרבעטער אין די פאַבריקן... ווערן אַריינגעלייגט אין די פּאָסט־קעסטלעך פון די הייזער... ער וועט דאָ ביי אונדז זיצן און אַרבעטן — האָט זיך לואיזעט פּלוצעם ווי פאַרחלומט — שטעלט איך פאָר: מיט יאָרן שפּעטער... וועט אפשר אויף דער וואַנט פון אונדזער הויז זיין איינגעמויערט אַ בראָנדזענער טאָוול: „דאָ האָט געלעבט און געשאַפן, אין באַהעלטעניש פאַר דער געשטאַפּאָ, דער גרויסער פּאָעט פון דער רעזיסטאַנס“...

— ראָמאַנטיזם... — האָט מ׳סיע פּראַדיע געזאָגט, שמייכלענדיק צו זיין פרוי, וועלכע האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזן פון איר „קינד“ — מיר זענען, אין אירע יאָרן, אויך אַזוי געוועזן...

און זיך ווענדנדיק צו זיין טאָכטער, האָט ער געזאָגט מיט אַ ליבן שמייכל:

— גוט, גוט, זער פיין!... זאָל ער דאָ קומען, זאָל ער דאָ זיצן

און ארבעטן, דער רוזשע־דע־ליל דיינער... איך האָף, אַז קיינעם וועט ניט איינפאַלן, אַז ביי מ'סיע פּראַדיע אין דער הינטער־אַפּטייק זיצט דער פאַטער פון דער ווידערשטאַנד, און רופט, פון דאָ אויס, די בירגער צום קאַמף...

— אָבער דאָס וועל איך זיכער מוזן טון — האָט זיך לואיזעט פּלוצעם ווי דערמאָנט — איך וועל די געדיכטן זיינע מוזן אַוועק־טראָגן דאָרט, וואו מען דאַרף... איר פאַרשטייט דאָך: ער קאָן דאָך ניט אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש... איך וועל דאָס מוזן מאַכן... ביי פאָטער און מוטער זענען די פּנימער ווידער צוריק פאַרטונקלט געוואָרן.

— איך וועל דאָס מאַכן — האָט פּלוצעם מ'סיע פּראַדיע זיך אויפגעשטעלט אַ דעצידירטער — קיינעם וועט ניט איינפאַלן, אַז איך טראָג דאָרט ביי מיר עפּעס אַ פּאַפּירל...

— שוין — האָט מאַדאַם פּראַדיע זיך אָנגערופן — ער איז שוין אויך דאָ... ער גייט שוין אויך ווערן אַ „רעזיסטאַן"... איך האָב שוין געזאָגט, אַז די טאָכטער איז אַ „מאַקי"...

— עס האַנדלט זיך דאָך ניט — האָט מ'סיע פּראַדיע איר גע־ענטפערט — אַז איך זאָל זיי גיין פאַרטיילן אין די פאַבריקן... מען מיינט דאָך אוודאי דאָס אַוועקצוטראָגן ערגעץ... איך ווייס?... צו אַ דרוקער...

— קריגט אייך נאָר ניט — האָט זיך לואיזעט אַ העלע, אַ ליכטי־דיקע אָנגערופן — איך ווייס נאָך ניט אויב „זיי" וועלן באַשטיין דערויף...

דער „זיי" האָט מ'סיע פּראַדיען איצט גענאַרט, זשעגירט. — עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס עס איז אַ פאַקט, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע, אַ „זיי", וועלכע קענען אים אַקצעפּטירן, אָדער עלימינירן, אים אָפּרוקן אין אַ זייט, אין אַ מין גייסטיקן מושב־זקנים און אַלץ

דערפאַר, וואָס צווישן אים און „זיי“ ליגט אַ שטערונג — זיין עלטער... זיינע יאָרן... און ער האָט מיט פיל באַדויערן אַרויסגעזיפצט:

— אַך, ווען איך וואָלט געווען יונגער מיט אַ צוואַנציק יאָר...

●

פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן די הילכיקע, מעטאַלענע אויסרופן פון די באַוועגלעכע, פּאָליציייאישע הויכרעדערס. זיי האָבן אָנגעזאָגט, אַז עס איז צייט צו פאַרהענגען דאָס ליכט, און האָבן געדרויט מיט האַרבע שטראָפן פאַר באַווייזן זיך אין גאַס...

גליקלעכע פון דעם געדאַנק, אַז זייער טעכטערל וועט, פון היינט אָן און ווייטער, שוין בלייבן אינדערהיים — האָבן מ'סיע און מאַדאַם פּראַדיע זיך צעקושט מיט זייער „קינד“ און זענען אַוועק אין זייער שלאָפצימער.

גלייך ווי לואיזעט איז אַריינגעקומען אין איר קאַמער, מיידלערישן צימער, האָט זי אויף איינדערגיך געכאַפּט אויף זיך אַ מאַנטעלע מיט אַ היטעלע, האָט צוגעשפּיליעט צו איר אָרעם אַ ווייסע אָרעם-באַנד מיט אַ רויטן קרייץ, האָט אַפּגענומען, פון הינטער דער אייזערנער פאָרהאַנג פון דעם ווייסן, מאַרמאָרנעם קאַמין, אַ פּעקעלע און האָט עס אַריינגעלייגט אין דעם געלן, לעדערנעם בייטל, אין וועלכן מען צעפּירט געוויינטלעך צו די קליענטן די באַשטעלטע מעדיקאַמענטן... דורך די הינטערשטע שטיגן, האָט זיך מאַדעמואַזעל לואיזעט פּראַדיע אַרויסגעגנבעט פון הויז, און אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט, האָט זי געראַדלט אויף איר רייט-וועגעלע איבער דער שטילער, אָפּגעליידיקטער, פּאַריזער פאָרשטאָט; זי איז דורכגעפאָרן אַלע גאַסן, אַלע געסלעך און וועגן; איז פאַרביי געפאָרן האַרט פאַר די פּלויטן און טויערן פון די ווילעס און הייזער, און אין יעדן פון זייערע בריוו-קעסטלעך, האָט לואיזעט אַריינגעגליטשט אַ בלעטל פון דעם יידישן פּאָעט, וועלכער האָט גערופן דאָס פראַנצויזישע פאָלק צום קאַמף און צו ווידערשטאַנד...

# "דער עפּלבוים בליט"

דער זשאַנדאַרם האָט געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזן דעם באַשולדיקטן. דער זאַל איז נישט געווען זער גרויס, דער באַשולדיקטער האָט בלויז געמאַכט עטלעכע טריט, און שוין איז ער געשטאַנען האַרט פאַר אַ גרויסן דעמבענעם שרייב־טיש, וועלכער איז געווען באַלייגט מיט אַקטן, ביכער און פּאַפּירן.

טיף אינעם ברוינעם לעדערנעם פאָטעל איז געזעסן דער אויספאָרשונגס־ריכטער. דער לאַץ פון זיין שוואַרצן אַנצוג איז געווען באַצירט מיטן אָפּצייכן פונעם „לעגיאָן", זיין גלאַט־פאַרקעמטער קאָפּ קאַשטאַן־האָר, האָט געגלאַנצט, דער ווייסער קאָלנער — געבלענדט, זיין קראַוואַט איז געווען זאָרגפעלטיק אויסגעבונדן, דאָס פּנים איז ביי אים געווען גלאַט ראַזירט און מיט פרישע פאַרבן; אונטער אַ פּאָר ברילן מיט שוואַרצע ביינערנע ראַמען, האָבן געפלעמלט אַ פּאָר ברוינע אויגן און אַ שוואַרצער טעלעפאָן־העריער האָט פון אויער צום מויל אַדורכגעשניטן זיין לינקע באַק. דער הער ריכטער האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ טעלעפאָן־שמועס; אַ שמייכלענדיקער, אַ באַשטראַלטער אויף זיין גאַנצן ברוין־אָפּגעברענטן, קיילעכדיקן פּנים, האָט ער אַריינגערעדט אינעם טעלעפאָן:

— איך גראַטוליר אייך נאָכאַמאָל !... אַ זונדעלע ? האַ ? דאָס איז פיין !... ווי וועט ער הייסן ? פיליפּ... אַהאַ ! ווי דער מאַרשאַל ?... פיין, פיין !... ער מוז אַוודאי זיין אַ שיינער ? אין וועמען איז ער געראָטן ?... אין דער מוטער ?... וואונדערבאַר!... אַ דאַנק ! אַ דאַנק פאַר דער פאַרבעטונג !... איך וועל קומען ! זיכער וועל איך קומען !... גיין, מאָרגן קען איך נישט... איך בין פאַרנומען... זונטיק — אויב עס פּאַסט אייך... גוט, יאָ... אויף ווידערזעען ! מיינע בעסטע קאָמפּלי־

מענטן פאר זשאקלין... און זאג דאָרטן, פאר מיינעט וועגן „באָן־זשור" דעם צוקונפטיקן מאַרשאַל פון פראַנקרייך — מ'סיע פיליפ לעגראַן!... אויף ווידערזעען, זונטאג!...

דער באַשולדיקטער האָט זיך דערהווילע אַרומגעקוקט אין ביוראָ, האָט די אויגן זיינע אָנגעהאָנגען אויפן גרויסן פּאָרטרעט פון מאַרשאַל פעטען, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט אַקעגנאיבער אים, אויף דער גילדערנער רעם, אין וועלכער דער פּאָרטרעט איז געווען איינגע־רעמט, אויף דער בלוי־ווייס־רויטער לענטע — וואָס האָט דעם פּאָר־טרעט באַצירט... און האָט געלייענט די גרויסע, פעטע אויפשריפט אונ־טער דעם פּאָרטרעט: „איך האָב געמאַכט צו פראַנקרייך אַ געשענק פון מיין פערזאָן"...

איין וואַנט איז געווען ביישטעלט מיט אַ גרויסער ביבליאָטעק־שאַנק, מיט פולע פּאָליצעס מיט ביכער, וועלכע האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, מיט זייערע דיקע, לעדערנע רוקנס; ביי די אַנ־דערע ווענט, זענען אויף דער ערד, געלעגן אָנגעלייגט בערג מיט אַקטן, פון צווישן וועלכע עס האָט זיך קוים אַרויסגעזעען דאָס טישל מיט דעם פּליכעוואַטן קאָפּ פון דעם קלערק.

— זיצט, ביטע! — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער אַוועקגע־לייגט דעם טעלעפאָן־הערער.

— אַ דאַנק! — האָט דער באַשולדיקטער געענטפערט, און זיך געזעצט מיט אַ מין גלייכגילטיקייט, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געקומען אַלס אַ פאַרבעטענער גאַסט און נישט אַלס אַ באַשולדיקטער...

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אָפּגעהוסט, און אַריינגערעדט אין די אַקטן, וואָס ער האָט געמישט:

— איר זענט מ'סיע, דער מעדיצינער, דאָקטאָר מאַריס בלום?

— יאָ, — האָט דאָקטאָר מאַריס בלום געענטפערט.

דער קלערק מיטן פּליכעוואַטן קאָפּ און מיט די דראָטענע ברילן אויף דער צעקרומטער נאָז, האָט פאַרשריבן, דער אויספאָרשונגס־ריכ־

טער האָט געקוקט אויף דעם קאַנטיקן פּנים פון דעם באַשולדיקטן, אויף זיין הויכן, אָנגעפּעלבלטן שטערן איבער די טיפע, שוואַרצע, ברענענ־דיקע אויגן און אויף זיין געדיכטן קאָפּ שוואַרצע, געלאָקטע האָר, וועל־כע זענען געווען אַדורכגעוואָרפן מיט גרויע פעדעם.

דער ריכטער האָט ווייטער געפרעגט:

— נאַציאָנאַליטעט?

— פראַנצויזישע.

— געבוירן?

— אין פאַריז.

— וועלכע דאַטע?

— צוועלפטער פעברואַר, ניינצן הונדערט איינס.

— פּראָפעסיע?

— איר האָט דאָך מיך אַליין ערשט טיטולירט, „דאָקטאָר מעדיצי־נער", האָט אויספאָרשונגס־ריכטער — האָט דער באַשולדיקטער געענט־פערט, און דער אופן פון ענטפערן האָט אָנגעזאָגט פאַרן אויספאָר־שונגס־ריכטער אַ שווער שטיקל אַרבעט.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אַ בליק געטון אויף זיין קליענט, האָט דערכאַפּט אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן, אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין פאַרשווינדן, און איז אַביסל צע־טומלט געוואָרן:

— פּאַרדאָן, ריכטיק, — האָט ער באַשטעטיקט מורמלענדיק ווי פאַר זיך אַליין און האָט ווידער גלייך צוריק געווינען דאָס גלייכגעוויכט, דעם פריערדיקן אָפיציעלן טאָן — רעליגיע?

— יידישע.

— וואָס האָט איר געטון בעתן קריג, הער דאָקטאָר?

— תמיד דאָס זעלבע... איך האָב קיינמאָל נישט געביטן מיין פּראָ־פעסיע...

— הייסט עס? — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געקוקט דעם

דאָקטאָר מאָרים בלום איז די אויגן אַריין און געציילט די ווערטער.

— אַז איר זענט געבליבן אינדערהיים, בעת אַלע פּראָנצויזן פון אייער קלאַס זענען מאָביליזירט געוואָרן ?...

— ניין, הער ריכטער.

— וואָס דען זאָל דאָס הייסן ? „תמיד דאָס זעלבע, איך האָב קיינמאָל נישט געביטן מיין פּראָפעסיע" ?...

— פּשוט : איך האָב געדינט אין דער אַרמעע, אַלס דאָקטאָר.

— זענט איר הייסט עס נישט קיין קאָמבאַטאַנט ?

דער איראָנישער שמייכל אויף דאָקטאָר מאָרים בלומס ליפּן איז צוריק אַרויפגעשווימען, האָט באַלויכטן דאָס לינקע מויל-ווינקל זיי-נעם :

— אַזוי הייסט עס היינט ביי אייך, הער ריכטער; אָבער, בעת איך האָב דערפילט מיינע פליכטן אַלס מעדיצינער — מיט דער ראַנגע פון מאַיאָר, אין שפּיטאָל, אין ניינצן הונדערט פערציק, איז מיר דעמאָלט גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז איך טו עפּעס אַ מינדערוויערטיקערע ליים-טונג פאַר מיין פאָטערלאַנד, ווי די סאָלדאַטן, וואָס זענען געזעסן אין דער מאַזשינאָ-ליניע... און מעגלעך, אַז אויך אייך, הער אויספאָר-שונגס-ריכטער, איז אַזעלכעס דעמאָלט נישט איינגעפאַלן...

דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט אָפּגעהוסט, גלייך ווי עפּעס וואָלט אים אין האַלדז געשטיקט, און ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם.

— הם... — האָט ער געזוכט איינצוהאַלטן זיין פּרעסטיזש, וואָס איז יעדע ווייַלע, דורך דעם מאָדנעם קליענט זיינעם, געשטעלט גע-וואָרן אין סכנה. — דעמאָלט, האָט איר אפשר רעכט געהאַט אַזוי צו טראַכטן... און ווי אַזוי איך האָב דעמאָלט געטראַכט, — האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים — דאָס גייט אייך נישט אָן !... איר האָט מיר נאָר צו ענטפערן אויף מיינע פראַגן ! איר הערט ! לויטן היינ-טיקן געזעץ זענט איר נישט פאַררעכנט אַלס קאָמבאַטאַנט ! אַ פּונקט און גענוג !... און איר קאָנט דעריבער נישט געניסן פון דער פּריווילע-

גיע, וואָס דער מאַרשאַל פּעטען האָט געמאַכט פאַר געוויסע פון אייערע קאָלעגן, גלויבנס־ברידער, יאָ־קאָמבאַטאַנטן !...

— נו, גענים איך דאָך טאַקע נישט — האָט דאָקטאָר מאָרים בלום געענטפערט.

— הייסט עס — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער זיגעריש גע־ציילט די ווערטער — אַז איר לייקנט, אַז איר פּראַקטיצירט אייער פּראָפעסיע ?...

— פּאַרדאָן, הער ריכטער, איך לייקן נישט, נאָר איך דערקלער...

— זאָל זיין, איר דערקלערט — האָט דער ריכטער געזאָגט נער־וועאיש — אָבער דאָס ענדערט נישט אייער לאַגע... דען פאַר אונדז ליגט אַ פּראָטאָקאָל, לויט וועלכן עס איז געוואָרן דורך אונדזער זיכערהייטס־מאַכט פעסטגעשטעלט, אַז איר זעצט פאָר דאָס פּראַקטיצירן אין גע־היים, אייער פּראָפעסיע צווישן אייערע גלויבנס־ברידער, דאָס איז איינס; און חוץ דעם ווערט איר באַשולדיקט אין מאַכן אַבאָרטן — הער מאָאָר בלום !

— ביידע באַשולדיקונגען זענען פאַלשע ! — האָט זיך דאָקטאָר מאָרים בלום אויפגעשטעלט.

— מיר האָבן באַווייזן ! — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער גע־זאָגט.

— וועלכע זענען אייערע באַווייזן ? — האָט דאָקטאָר מאָרים בלום געפרעגט.

— דער אַבאָרט פון מאַדאַם קויפמאַן — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער אָפּגעציילט די ווערטער. — און איך בין געצוואונגען, אייך אָנ־צוזאָגן די טרויעריקע בשורה : אייער פּאַציענטין איז געשטאָרבן...

דאָקטאָר מאָרים בלום איז בלאַס געוואָרן, האָט נערוועאיש גע־קראַמפּט די פינגער אין זיינע פויסטן :

— אָבער, הער ריכטער, דאָס קאָן נישט פאַררעכנט ווערן, ווי אַ פּראַקטיצירונג פון מיין פּראָפעסיע... דען איך האָב איר דעם אַבאָרט

נישט געמאַכט; איך האָב נאָר דער אָרעמער פרוי געגעבן די ערשטע, גיימיקע, מעדיצינישע הילף, נאָך דעם אַבאָרט, וואָס זי האָט זיך אַליין געמאַכט און דאָס האָב איך געטון אָן שום האָנאָראַר.

— כאַ, כאַ, כאַ ! — האָט זיך דער אויספאָרשונגס־ריכטער צע־לאַכט, און געזאָגט מיט חוזק : — אַלס אידעאַליסט !...

— יאָ, הער ריכטער, אַלס אידעאַליסט ! — האָט דאָקטאָר מאָריס בלום שאַרף אָפּגעענטפערט.

— אַ מאָדנעם אידעאַל, דאָקטאָר בלום, האָט איר זיך אויסגעקליבן... אַ, ניין! איר טרייבט שוין אַביסל איבער... איר שפּאַסט פון מיר... פון אייך, אַלס אַ דאָקטאָר, מ'סיע בלום, וואָלט איך דערוואַרט עפּעס אַ גייסטרייכערע פאַרטיידיקונג... עס וואונדערט מיך פון אייך צו הערן, אַז מאַכן אַבאָרטן, זאָל קענען געטון ווערן אין נאָמען פון אַן אידעאַל... ערשטנס, זענט איר אַן איזראַעליט, און דוכט זיך, אייער רעליגיע פאַר־ווערט דאָס... צווייטנס, דאָקטאָר בלום, אַלס „פראַנצויז" דאַרפט איר דאָך וויסן, אַז די פּאָליטיק פון מאַרשאַל פּעטען איז, שטרענג צו באַ־קעמפן די אַבאָרטן... איז אַ פּאָליטיק פון „באַפעלקערן די נאַציע"... דען אויב עס זאָל ביי אונדז אַזוי ווייטער אָנגיין מיט דער קינדערלאָז־זיקייט, דרויטאונדזער לאַנד, אין די נאָענטסטע 40־50 יאָר אַ קאַטאַס־טראָפע. און איך רעכן נישט, אַז דער אידעאַל פון אַ מעדיצינער מיט דער ראַנגע פון מאַיאָר, זאָל זיין, מאַכן אַבאָרטן, און אַזוי אַרום זיך שטעלן קעגן דעם געזעץ... — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער פאַר־ענדיקט, און איז געוועזן צופרידן פון דער דרשה, וואָס ער האָט דאָ גע־האַלטן, פון דער לעקציע, וואָס ער האָט דאָ דעם יידישן דאָקטאָר געגעבן...

— איך דערלויב זיך פעסטצושטעלן, אַז איך האָב דעם אַבאָרט נישט געמאַכט — האָט דאָקטאָר מאָריס בלום רואיק געזאָגט — און ווען אפילו עס וואָלט יאָ געווען דער פאַל, וואָלט דאָס אויך נישט גע־האַט קיין שום שייכות מיטן מאַרשאַלס געזעץ וועגן „באַפעלקערן די

פראַנצויזישע נאַציע", דען די פּאַציענטין איז געװעזן אַ פרוי, װעלכע האָט נישט געהערט צו דער פראַנצויזישער נאַציע, און װעלכע שטיס, לויט די היינטיקע געזעצן, אינגאַנצן אויסער דעם געזעץ...

— װאָס װילט איר דערמיט זאָגן? — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער דערפילט, אַז אַ נייע שװעריקייט רוקט דער באַשולדיקטער אויף אים אָן.

— פשוט: מיין פּאַציענטין איז געװעזן אַ יידישע.

— דאָס ענדערט גאָרנישט אייער לאַגע! — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער אומגעדולדיק אויסגערופן — און פאַרמינדערט מיט גאָרנישט אייער פאַרברעכן!...

— „פאַרברעכן"?... „פאַרברעכן", האָט איר געזאָגט?... — האָט אויסגערופן דאָקטאָר מאָריס בלום, און די שװאַרצע ברענענדיקע אויגן זיינע, האָבן גענומען פינקלען, און זיינע פויסטן האָבן װידער גענומען זיך קראַמפן. — איר רופט דאָס אָן „פאַרברעכן"?!... הייסט עס, לויט אייך, אַז מען דאַרף לאָזן געבוירן װערן קינדער, און דערנאָך זיי אומברענגען?!...

— מיר... — איז דער אויספאָרשונגס־ריכטער געװאָרן צעטומלט — האָבן קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז מען דאַרף קינדער אומברענגען...

— געזאָגט האָט איר עס אפשר נישט, — האָט דאָקטאָר מאָריס בלום געענטפערט — אָבער געטון האָט איר עס יאָ!...

— װאָס פאַר אַ חוצפּה! — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער אַ פּאַטש געטון מיט אַ האַנט אין די אַקטן — װעמען מיינט איר? און װאָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך מיין, הער ריכטער, די טױזנטער קליינע יידישע קינדער, װעלכע מען האָט אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אַרויסגענומען ביינאַכט פון די בעטן... אויפגעריסן זיי פון שלאָף, אװעקגעריסן זיי דערנאָך פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, אװעקגעפירט זיי אין אַ זאַמל־פּונקט, און פון דאָרטן זיי אויסגעליװערט

צו דער דאָזיקער מאַכט, וועלכע האָט אָפּן, פאַר דער גאַנצער וועלט, אינעם ראַדיאָ, פּראָקלאַמירט, די פיזישע פאַרניכטונג פונעם גאַנצן יידישן פאָלק!...

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איך בעט, דאָ נישט צו האַלטן קיין פּאָליטישע רעדעס!...

— און איך בעט, מיך נישט אָנצורופן „פאַרברעכער"!...

— לויטן געזעץ, זענט איר עס! — האָט רער אויספאָרשונגס־ריכטער אויסגעשריגן, זיך אויסגעדרייט און גענומען שפּרייזן לענגאויס דער ביבליאָטעק־שאַנק.

דאָקטאָר מאָרים בלום האָט ווייטער גערעדט:

— געזעץ, הער ריכטער, איז געמאַכט געוואָרן צו שיצן די מאָראַל, צו באַשיצן די מענטשהייט קעגן די חיהשע אינסטינקטן, וואָס קענען אויפברויזן אין געוויסע אינדיווידיומס, אָדער אין געוויסע גרופּן. און איר, די פראַנצויזישע יוסטיץ, האָט אַפילו נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם! און אייער פּאָליציי — די אויספירער פון געזעץ, זענען געווען אויך די אויספירער פון דער פאַרברעכערישסטער מערדעריי, איבער קליינע אומשולדיקע קינדער!... האָט איר, דעריבער, נישט קיין רעכט מיך צו משפּטן פאַר אַן אַבאָרט, ווען אַפילו איך זאָל אים יאָ האָבן געמאַכט איבער אַ יידישער פרוי, איידער איר וועט משפּטן די אַלע פאַרברעכער, וועלכע האָבן געהאָלפן אומברענגען די טויזנטער פאַריזער קליינע יידישע קינדער!...

דער קלערק האָט גיך פאַרשריבן, האָט זיך געאײַלט, ווייל ער האָט חוץ דעם פאַרשרייבן, נאָך געוואָלט, פון צייט צו צייט, איבער זײַנע ברילן אַריבערקוקן צו דעם „מאָדנעם" באַשולדיקטן, וואָס וואַגט אַזוי אָפן צו רעדן, און צו באַשולדיקן נישט נאָר זיין „פאַטראָן" — דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, נאָר אויך די גאַנצע פראַנצויזישע יוסטיץ.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער, איז צום ערשטן מאָל אין זיין יונגער קאַריערע, געווען אין אַזאַ מין פאַרלעגנהייט... ער האָט געהערט דעם

באשולדיקטנס באשולדיקונגען, וואָס זענען געווען געווענדט קעגן דעם רעזשים, קעגן דעם סיסטעם, וועלכן ער דינט, און זיי האָבן זיך, ביי אים אין מוח, גלייך טראַנספאָרמירט אין אַ האַרבער באשולדיקונג קעגן אים אליין, קעגן זיין אייגענער פּערזאָן... ער האָט אָנגעהויבן איצט בע־סער פאַרשטיין, אַז ער טוט דאָ נישט קיין גלייכע זאַך... אַז ער האָט מסכים געווען צו אַ קאַריערע, וועלכע איז נישט אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּן, אויף וועלכע ער איז דערצויגן געוואָרן, און אויף וועלכע ער איז תמיד שטאָלץ געווען... ער האָט איצט מיט איינמאָל בעסער פאַרשטאַנען, אַז זיין פאָטערלאַנד, וואָס איז געווען פאַר דער וועלט דער סימבאָל פון דעמאָקראַטיע... „פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט“, איז אַוועק אויף שלעכטע, גאָר שלעכטע וועגן, און ער, אַנ־שטאָט ער זאָל דאָס באַקעמפן — העלפט ער גאָר דעם רעזשים זיך צו באַפעסטיקן... אגב, איז דאָס נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער שטעלט אונטער אַ פרעג־צייכן די גערעכטיקייט פון דינען דעם וויש־רעזשים... און גראָד אויף אַזאַ פּאָסטן, וואָס צווינגט אים, אָפטמאָל, צו האַנדלען קעגן זיין אייגענעם געוויסן... אָבער, קיינמאָל האָט ער דאָס נישט דערפילט אַזוי בולט, ווי איצט, ביי דער דאָזיקער אויס־פאָרשונג... דאָס איז זיכער דערפאַר, וואָס ער האָט נאָך, ביז איצט, נישט געהאַט צו טון מיט אַזעלכע מינ־י פּערזענלעכקייטן, ווי עס איז דער באשולדיקטער, וואָס שטייט דאָ איצט פאַר אים.

מיט זיינע אויערן האָט ער געהערט דעם באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס דער באַשולדיקטער האָט דאָ אָנגעוואָרפן קעגן דעם רעזשים, און קעגן דער יוסטיץ, וועלכע דינט דעם דאָזיקן רעזשים, און אין האַרץ זיינעם, האָט ער געפילט, ווי עס וועקן זיך אין אים, און ווי עס הויבן אָן אויפשטיין אין אים, געפילן פון סימפּאַטיעס צום באַשולדיקטן און צום גאַנצן יידישן פאָלק, וועמענס מאַרטירערטום דער באַשולדיקטער האָט דאָ געשילדערט... וואָס ווייטער אַ זאַץ דער באַשולדיקטער האָט אַרויסגערעדט, האָט אַלץ מער דער אויספאָרשונגס־ריכטער געפילט,

ווי די דאָזיקע ריין־מענטשלעכע געפילן, וועלכע זענען פריער ביי אים געוועזן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, און וואָס איצט זענען זיי ביי אים, זינט אַ געוויסער צייט, עפּעס ווי איינגעשלאָפן — וועקן זיך אויף פון זייער שלאָף... עס האָט אים אַ געוויסע צופרידנקייט אַרומגענומען בעת ער האָט געפילט, אַז אָט די איינגעשלאָפענע געפילן וועקן זיך, פילן אָן זיין קערפּער, באַזעצן זיין האַרץ... ער האָט איצט דערוואַרט פון זיך אַליין, אַז באַלד וועט ער אינגאַנצן ווערן פון זיי באַהערשט, ער וועט צוריק געווינען זיין מאָראַליש גלייכגעוויכט, און באַקומען זיין גייס־טיקן תיקון.

„קינדער" — האָבן ביי אים אינעם מוח געהאַמערט דאָקטאָר מאָ־ריס בלומס ווערטער. — „טויזנטער קליינע אומשולדיקע קינדער... אויפגעריסן פונעם שלאָף... אַוועקגעריסן פון זייערע מאַמעס".

דער קלערק איז געוועזן אַ שטערונג... אונטער פיר אויגן, וואָלט ער בעסער און ערלעכער געקאָנט אויפנעמען די געפילן, וואָס באַהערשן אים אונטער דעם איינפלוס פון דעם באַשולדיקטן... ער וואָלט אים אפילו געקאָנט ווייזן, אַז די דאָזיקע געפילן זענען אים נישט פרעמד, ער וואָלט זיי נישט געדאַרפט דערשטיקן.

ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געדרייט זיך הין און צוריק, לענגאויס דער ביבליאָטעק־שאַנק :

„משוגע זענען זיי געוואָרן! פאַרווילדעוועט!... פּרעפעקט לעגראַן פרייט זיך, איז גליקלעך מיט זיין יינגעלע, וואָס איז אים געבוירן גע־וואָרן!... וואָס וואָלט ער געזאָגט, אַ שטייגער, ווען מען וועקט פּלוצעם זיין קינד אויף פון שלאָף, מען נעמט עס צו, און מען ווייסט נישט, וואו דאָס קינד איז אַהינגעקומען?"... — האָט ער געטראַכט.

„אויטאָריטעט" — איז אים פּלוצעם געקומען דאָס וואָרט אין זי־נען. — דער קלערק דאַרף אין אים נישט דערקענען קיין מיטגעפיל צו יידן, וואָס די בהמות טייטשן היינט אויס, ווי אַן „אָפּנויג פון די פּרינציפּן"...

— מ׳סיע לערוא, — האָט ער זיך פּלוצעם אָפּגערופן צום קלערק
— זייט אַזוי גוט, און לאָזט אונדז אַליין.

דער קלערק האָט אַוועקגעלייגט די פּעדער, זיך פאַרנויגט, האָט אַ לעצטן בליק געכאַפּט אויף דעם „מאָדנעם" באַשולדיקטן, און אויף די שפּיץ פינגער האָט ער אַפּגעגעשוועבט פון אונטער די בערג מיט אַקטן, און איז פאַרשוואונדן.

— זיצט, הער דאָקטאָר — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געזאָגט, ווי אַן איבערגעביטענער, מיט אַ ווייכער שטים, און האָט אַליין אויך זיך אַוועקגעזעצט.

— אַ דאַנק — האָט דאָקטאָר מאָריס בלום געענטפערט און זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אַראָפּגענומען זיינע ברילן, זיי נערוועזיש געווישט מיט אַ טיכל, וואָס ער האָט ארויסגענומען פון דער ברוסט־קעשענע פון זיין שוואַרצן ראָק:

— דערציילט מיר ביטע, הער דאָקטאָר, באריכות, דעם פאַל מיט דעם אַבאָרט פון דער מאַדאַם קויפמאַן, דאָס אינטערעסירט מיך.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט צוריק ארויפגעזעצט זיינע ברילן אויף דער נאָז, האָט זיך אריינגערוקט טיפער אינעם פאָטעל, איז עפּעס ווי איינגעשרומפּן געוואָרן, קלענער געוואָרן און זיין געענדערט באַרואיקט פּנים, וואָס איז איצט געוועזן פיל בלאַסער ווי פריער, האָט געוועקט צוטרוי, און צוגעזאָגט מיטגעפיל.

דאָקטאָר מאָריס בלום איז געזיצן אויפן ברעג פון זיין פאָטעל, האָט געקוקט שטאַר צו דער ביבליאָטעק־שאַנק, און האָט גערעדט, דערציילט, גלייך ווי ער וואָלט פון איינעם פון די ביכער די געשיכטע ארויסגעלייענט:

— אין דעם האָטעל, וואו איך וואוין, האָט אַ יונגע פרוי, זינט אַ פּאָר חדשים צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. איר באַצערט פּנים, אירע בלאַנדזשענדיקע, טיפע, רויטע אויגן, האָבן אויסגעדריקט ליידן,

טרויער און שרעק... א צופעליקע באגעגעניש, א געוויסן פרימארגן אין די קארידארן, איז פאר מיר געווען געווען פעסטצושטעלן, אז די פרוי איז אין אנדערע אומשטאנדן... און איינמאל, האב איך זי געטראפן אין האטעל־ביורא, בעת זי האט געפרעגט דעם פארטיער, אויב ער האט פאר איר א בריוו, האב איך, לויט דעם נאמען, וואס איך האב געהערט, זיך אנגעשטויסן, אז די ליידנדיקע שוואנגערע פרוי איז א יידישע... איך האב באשלאסן מיט דער פרוי צו רעדן, צו געווינען איר צוטרוי, דען איטלעכעס מאל, וואס איך האב זי באגעגנט, האב איך געהאט דאס געפיל, אז די פרוי ווערט דערשטיקט פון אירע ליידן, און אז א פריינד, פאר וועמען זיך אפצורעדן פון הארצן, קאן דער פרוי, אין א געוויסער מאס, לייכטער מאכן, אדער אפשר גאר, אינגאנצן זי ראטעווען...

— אנטשולדיקט — האט דער אויספארשונגס־ריכטער אים פריינדלעך איבערגעריסן, — איז די מאדאם קויפמאן געווען א יונגע ?

— צוויי און דרייסיק יאר — האט דאקטאר מאריס בלום גענטפערט.

— א שיינע? — האט דער אויספארשונגס־ריכטער ווייטער געפרעגט, און עס האט זיך געפילט א געוויסע פארזיכטיקייט אין זיין טאן.

— נישט קיין מיאוסע — האט דאקטאר מאריס בלום געענטפערט

— אבער איך בעט מיר צו גלויבן, אז דאס האט נישט געהאט קיין שום איינפלוס אויף דעם באשלוס מיינעם, זיך מיט דער פרוי צו באקענען... איך בעט נישט צוצושעפן צו דעם ענין קיין שום סענטימענטאלע הינטערגרונדן... איך האב א פרוי... די נאציס האבן זי פארשלעפט... אפשר וועט זי צוריקקומען... און טאמער נישט, וועל איך אויך, מסתמא, קיינמאל זי אויף קיין אנדערע נישט פארבייטן...

— אנטשולדיקט, — האט דער אויספארשונגס־ריכטער געזאגט —

איך האָב אייך נישט געוואָלט וויי־טון... די פראַגע איז געווען אַ דיין פּאַרמעלע.

און אין זיך, איז ער אויף זיך בייז געווען, וואָס ער קאָן זיך אויך איצט, אונטער פיר אויגן, פון זיין פאָרמאַליזם נישט באַפרייען.

דאָקטאָר מאָריס בלום האָט ווייטער דערציילט:

— איינמאָל, האָב איך זיך פאַר איר פאַרגעשטעלט, און עס האָט נישט לאַנג גענומען, ווי איך האָב זיך געקענט אָפּגעבן אַ חשבון, אַז נאָר מיין מעדיצינער־טיטל האָט מיר געהאָלפן צו געווינען איר צו־טרוי: אין איינעם אַן אָוונט, האָט מען ביי מיר אָנגעקלונגען; אַז איך האָב די טיר געעפנט, בין איך געווען איבערראַשט צו זען מאַדאַם קויפמאַן אַריינקומען צו מיר אין שטוב... זי האָט זיך אַנטשולדיקט, און איך האָב גלייך באַמערקט, אַז זי וויל עפּעס פאַר מיר דעם קוואַל פון אירע ליידן... איך האָב נישט געדאַרפט מער, ווי איר זאָגן: „דערציילט מיר, מאַדאַם", און זי האָט מיר גלייך גענומען דערציילן:

„זי איז אַן אַנטלאָפענע פון ווין; זי האָט אין פּאַריז געלעבט מיט איר מאַן און מיט איר אַכט־יאָריק ייִנגעלע, זינט 1936"... דער פרויס פּנים האָט זיך אָנגעשטרענגט נישט צו וויינען, כאָטש די אויגן זענען איר געווען פול מיט טרערן און זי האָט מיר דערציילט מיט די פּשוטסטע ווערטער, און געשילדערט פאַר מיר איינע פון די שרעקלעכסטע סצע־נעס, וועלכע איך האָב געהערט אין מיין לעבן:

„אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט, האָט מען געקלאַפּט ביי זיי אין טיר: „ווער איז?" „פּאָליציי! עפנט אויף!" מאַן און פרוי זענען צע־טומלט געוואָרן, אָבער דער גערַאנג, אַז דאָס זענען נישט קיין דייטשן, נאָר פראַנצויזישע פּאָליציי, האָט זיי באַרואיקט... זיי האָבן געעפנט... צוויי פּאָליציי־לייט און צוויי ציווילע זענען אַריינגעקומען אין שטוב, און האָבן באַפוילן: „אָנטון זיך געשווינד, און קומט מיט אונדז!"...

אַז מען מיינט אויך זי, — די שוואַנגערע פרוי — און ווער שמו־עסט נאָך, דאָס קינד, דאָס איז קיינעם פון אַלע דריי נישט איינגע־

פאלן... די אָרעמע פרוי, אין איר נאכטהעמד, איז ארויסגעפאלן אויף איר פארצווייפלטן און צעשראָקענעם מאַן מיט אַ געוויין... דאָס יינגעלע האָט זיך פון דעם טומל אויפגעוועקט און איז פון זיין צימער אַנגעלאָפן... אַז ער האָט דערזעען טאַטע־מאַמע אין אַזאַ פאַרצווייפלטער לאַגע, און פאָליציי אַרום זיי, האָט זיך דאָס קינד אָנגעהאַנגען אַרום טאַטנס האַלדז, און זיינע פאַרצווייפלטע געשרייען האָבן אָנגעפולט דאָס צימער.

דאָ האָט איינער פון די ציווילע אינטערווענירט: „נו, גענוג! וועקט נישט אויף די שכנים! טוט זיך געשווינד אָן און קומט!“

ערשט איצט האָבן די אומגליקלעכע פאַרשטאַנען, אַז מען מיינט זיי אַלע דריי.

„מיין פרוי אויך?“ — האָט דער מאַן איבערגעפרעגט, פאַרצווייפעלט.

„און מיין קינד אויך?!“ — האָט די פאַרצווייפלטע מאַמע, מיט נאָך מער פאַרצווייפלונג אויסגעשריגן.

„יאָ, אַלע דריי — האָט דער אַגענט ציניש געענטפערט. — מיר ווילן אייך נישט צעשיידן...“

„מיך נעמט! — איז דער מאַן געפאַלן דעם אַגענט צו די פיס — אָבער מיין פרוי מיטן קינד לאָזט, האָט רחמנות!“

„מיר קענען נישט, — האָט דער אַגענט טרוקן געענטפערט — מיר האָבן אַ באַפעל“...

„מיין פרוי שוואַנגערט!“ — האָט זיך דער אומגליקלעכער מאַן דערמאָנט אין דעם, ווי אין אַ רעטונג.

„נו, מיר ווייסן שוין — האָט דער אַגענט געענטפערט קליגעריש — אַלע יידן זאָגן היינטיקע נאַכט אויף זייערע פרויען, אַז זיי שוואַנגערן“...

און מיט פיל וואויל־יינגערישקייט, האָט דער אַנדערער אַגענט צוגעגעבן:

„מיר קענען זיך שוין אויס אויף די זאכן!"...

די פרוי וויסט מער נישט צו דערציילן; זי ווייסט נאר, אז ווען זי האט זיך אויפגעכאפט פון איר חלשות, איז די שטוב געווען ליידיק, די טיר צום קארידאר איז געווען אויפגעפראלט, אויך דעם קינדס בעטעלע איז ליידיק געווען...

אז זי האט זיך דערשלעפט צו די שטיגן, האט זי געפונען א שטיק פון איר מאנס פידזשאמע, און שפורן פון בלוט אויף די שטיגן.

די הויז־וועכטערין האט איר געזאגט, אז איר מאן האט זיך גע־אמפערט מיט דער פאליציי, בעת זיי האבן אויף די הענט ארויסגע־טראגן זייער יינגעלע... און אן אלטע שכנטע האט דערקלערט, אז זי גלויבט, דאס איר מאן האט געפרואווט באגיין זעלבסטמארד, אויפ־שניידנדיק זיך די אדערן.

דער אויספארשונגס־ריכטער, אויף וועמענס פנים עס האט זיך געצייכנט: נערוואזיטעט, מיטגעפיל און בושה, האט געפרעגט:

— זאגט מיר, דאקטאר, איז די פרוי זיכער געווען, אז דאס זענען געווען פראנצויזן? איך מיין, קאן מען זיך אויף אירע דערקלערונגען פארלאזן?

— פולשטענדיק, הער ריכטער, — האט דאקטאר מארים בלום געענטפערט אן וואקלעניש — דאס איז געווען אן אינטעליגענטע פרוי, א לערערין פון א מיטל־שול; דער מאן — א רעדאקטאר אין א וויכ־טיקן וויסנשאפטלעכן פארלאג; זי האט פארזיכערט, אז דאס זענען, אן ספק געווען פראנצויזן... ענלעכע פאלן זענען מיר, איבעריקנס, שוין אויך געווען פון פריער באקאנט...

דער אויספארשונגס־ריכטער האט גענומען דעם טעלעפאן־הערער אין האנט, און געדרייט מיט א ווייזפינגער ביים לעבערדיקן ציפער־בלעטל:

— האלא! דער פרעפעקט, ביטע... קאבינעט פון אויספארשונגס־ריכטער, בערושע... א דאנק! אנטשולדיק, לעגראן, איך דארף אן אינ־

פֿאַרמאַציע: דער ארעסט אין פּאַריז, פֿון די אויסלענדישע ייִדן, דורך וועמען איז ער דורכגעפֿירט געוואָרן? אהאַ... אהאַ... יאָ... גאָרנישט, נישט קיין באַדייטנדיקער ענין... בלויז לשם אינפֿאָרמאַציע... יאָ... יאָ... פֿון ווישי? אהאַ... אהאַ... אויך פֿרויען מיט קינדער? נישט אמת?... גו, יאָ, „באַפֿעל איז באַפֿעל!"... אויף ווידערזעען, זײַ געזונט...

דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט אַ דערשלאָגענער אַוועקגעלייגט דעם טעלעפֿאָן־הערער.

— איז די פֿרוי קויפֿמאַן געגאַנגען אין קאָמיסאַריאַט זיך דער־וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט איר מאַן און קינד?

— ניין — האָט דאָקטאָר מאָריס בלום געענטפֿערט. — שכנים האָבן זי אָפּגערעדט... בלויז קריסטלעכע שכנים געוועזן... פֿון באַלד פֿאַרטאָג אָן, האָבן זיי אָנגעהויבן אָנקומען אין איר וואוינונג, האָבן איר אויסגערעדט, זי געטרייסט, און דער עיקר, האָבן זיי זי געוואָרנט, אַז זי זאָל נישט גיין אין קאָמיסאַריאַט אַרײַן... איינער אַ שכן, אַן אַל־טער פֿראַנצויז, וועמען מאַדאַם קויפֿמאַן האָט אַלעמאָל דערמאָנט מיט פֿיל רעספּעקט און דאַנקבאַרקייט, האָט זי אַרײַנגענומען צו זיך... ער איז געווען זיכער, אַז אויב נישט איר מאַן, וועט מען, על־כּל־פּנים, דאָס ייִנגל איר אַהיימשיקן... און אַז דער טאָג איז פֿאַרבײַ, איז ער אַליין אַוועק אין קאָמיסאַריאַט, זיך צו דערוויסן, וואָס מיט איר מאַן און מיט איר קינד איז געוואָרן. דאָרט האָט מען, אויף דעם בראַוון, אַלטן פֿראַנצויז, אָנגעשריגן, אַז ער זאָל זיך נישט מישן אין אַזעלכע געשעפֿטן... און ער האָט איר אַהיימגעבראַכט די ידיעה, אַז מען האָט איר מאַן מיטן קינד אַוועקגעפֿירט ערגעץ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכ־טונג, צוזאַמען מיט די אַנדערע טויזנטער מענער, פֿרויען און קינדער, וועלכע מען האָט יענע נאַכט געהאַט אַרויסגעריסן פֿון זייערע בעטן.

דאָקטאָר מאָריס בלום האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך באַקווע־מער געזעצט אינעם פֿאָטעל, ער האָט זיך געפֿילט פֿאַרמאַטערט פֿון דעם דערציילן, ער האָט דעם גאַנצן שווידער איצט איבערגעלעבט...

אָבער דער אויספאָרשונגס־ריכטער בערזשע, האָט נאָך נישט גע־נוג געהאַט... ער האָט איצט געהאַט אַ געוויסע הנאה, פון דעם אַלעם, וואָס דער יידישער דאָקטאָר האָט דאָ דערציילט... עס איז אים געווען צום הארצן, וואָס דער באַשולדיקטער איז צו אַ באַשולדיקער געוואָרן... און כאָטש יעדעס בילד, וואָס דער דאָקטאָר האָט געשילדערט, יעדער זאַץ, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, האָט אים געשמיסן ווי מיט בייטשן, האָט ער אָבער, ווי אַ בעל־תשובה, די שמיץ פאַרליב גענומען. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, קעגן יענע אַנאָנימע פאַריזער קריסטלעכע שכנים, וואָס האָבן נישט, ווי ער, געזוכט קיין קאַריערעס ביים נייַ־אויפגעקומענעם רעזשים און זענען געבליבן געטריי די דעמאָקראַטי־שע פראַנצויזישע פּרינציפּן, און זייער אייגענעם מענטשלעכן געוויסן. ער האָט זיך איצט געפילט, גלייך ווי ער אַליין וואָלט דאָס געווען איי־נער פון די אַגענטן, וואָס האָבן מיט געוואַלד, אויף די הענט אַראָפּגע־טראָגן דער אומגליקלעכער מאַדאַם קויפמאַנס יינגעלע... וואָס האָבן אַוועקגעשלעפּט דעם מאַן מיט די אויפגעשניטענע אָדערן... דען וויפיל איז ער דאָס אַנדערש פון זיי?... ער איז בלויז מיט אַ פּאָר שטאַפּ־לען העכער פון זיי, אויף דעם אַדמיניסטראַטיוון לייטער פון דער „נייַ־ער אָרדענונג"... און דאָס, נאָר אַדאַנק דעם וואָס פּרעפעקט לעגראַן איז זיין שוואָגער...

ער האָט איצט געוואָלט וואָס מער הערן, וואָס מער אָנזאַמלען באַ־שולדיקונגען קעגן דעם היינטיקן סיסטעם, וועלכן ער דינט, און די באַ־שולדיקונגען איבערטראָגן גלייך אויף זיך, כדי עס זאָל אים לייכטער זיין צו מאַכן דעם שריט, וואָס ער האָט געפילט, אַז זיין אויפגעוועקט געוויסן דיקטירט אים צו מאַכן...

דאָקטאָר מאָריס בלום האָט געזעען, אַז ער האָט איצט פאַר זיך שוין נישט מער דעם פריערדיקן שטייפן און אָפיציעלן אויספאָרשונגס־ריכטער: זיינע האָר זענען שוין נישט געווען מער אַזוי גלאַטיק און אין אָרדענונג פאַרקעמט, זיי האָבן איצט אויסגעזעען, גלייך ווי ער

וואָלט שוין עטלעכע מאָל מיט העגט־פינגער געהאַט אין זיי פאַרקראָכן. אויך דער שוואַרצער אַנצוג איז שוין נישט מער געווען אַזוי שטייף אויסגעקנאַקט, דער קראַוואַט — אויך נישט אַזוי שטייף אויסגעקניפּט; אַלץ אויף אים איז געווען צוזאַמענגעשרומפּן, צוזאַמענגעבראָכן... דאָס ווייסע טיכל אין זיין ברוסט־קעשענע איז געווען אַבי אַריינגעשטופּט, דער לינקער לאַץ צונויפגעקנאָדערט, האָט באַהאַלטן דעם לעגיאָן־אָפּ־צייכן, גלייך ווי ער וואָלט זיך דערמיט געשעמט...

— דערציילט ווייטער — האָט דער איינגעשרומפּן־געוואָרענער אויספאָרשונגס־ריכטער בכבֿוד געמאָנט.

— דער שכן, דער אַלטער פאַרגונפּטיקער פּראָנצויז, האָט שוין די מאַדאַם קויפמאַן מער פון זיין וואוינונג נישט אַרויסגעלאָזן... ער האָט איר אָפּגעגעבן אַ צימער, זי געזעצט ביי זיין טיש, געטיילט מיט איר זיינע מאָלצייטן... און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, האָט דער הויז־וועכטער צוגעזען געטון, אַז פּאָליציי איז ביינאַכט געקומען זוכן די מאַ־דאַם קויפמאַן, און האָבן געסטראַשעט דעם הויזוועכטער מיט אַלע לאַקאַטאָרן, אין פאַל ווען עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז אימיצער פון זיי זאָל האָבן די יידישקע באַהאַלטן... האָט דערמאָלט דער אַלטער גע־נומען די מאַדאַם קויפמאַן, און האָט זי אַוועקגעפירט צו זיינער אַ שוועסטער אויף דער „דעמאַרקאַציע־ליניע", און זי איז אַנגעקומען אין ניצע.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און גע־פרעגט :

— און וועלכער איז געווען דער ציל פון מאַדאַם קויפמאַנס וויזיט ביי אייך אין צימער יענעם אָוונט ?...

— זי איז מיר, מיט טרערן אין די אויגן, געפאַלן צו די פיס, און מיך געבעטן, אַז איך זאָל איר העלפן באַפרייען זיך פון דער שוואַ־גערשאַפט :

„פאַרשטייט, הער דאָקטאָר, — האָט זי צו מיר געזאָגט — איך

בין איצט איינע אליין אויף דער וועלט... קיין משפחה, קיין פריינד, קיינעם... מיין גאנצע משפחה, און מיין מאנס משפחה, וועלכע האבן זיך געפינען אין עסטרייך און אין פוילן, קאן מען שוין כמעט רעכענען פאר פארלוירן... מיין ארעמער מאן מיט מיין איינציקן קינד — ווייס איך נישט וואו זיי זענען ערגעץ אהינגעקומען... מיין הארץ זאגט מיר נישט וועגן זיי קיין שום גוטס... און איך בין דא איינע אליין... איינע אליין מיט מיין עלנט און צער... און מיינע געלט־מיטלען זענען אויך באגרענעצטע... און איך פיל, אז אויך דא רוקט זיך דאס אומגליק אן... אז אויך איך אליין, בין נישט זיכער... וואס עס איז מיר איבעריקנס שוין כמעט ווי גלייכגילטיק — האט זי צוגעגעבן מיט רעזיגנאציע — טא ווי קאן איך, הער דאקטאר — אין אזא לאגע, אויסטראגן און געבוירן נאך איין אומגליקלעך באשעפעניש אויף דער וועלט? ברענגען אויף דער וועלט, א ייד אדער א יידישקע, א לעבעדיקן יתום, וועמען עס זאל דערווארטן דער זעלבער גורל, ווי אונדז אלעמען?... העלפט מיר! — האט זי אויסגעשטרעקט צו מיר אירע ציטערנדיקע הענט, און געבעטן מיט א וויינענדיקן קול — איר זענט דאך א מעדיצינער און א ייד, איר פארשטייט דאך מיך: העלפט מיר!"

— נו? — האט דער אויספארשונגס־ריכטער א געשפאנטער גע־פרעגט — האט איר איר געהאלפן?... זאגט מיר... דאקטאר! — איז דער אויספארשונגס־ריכטער צוגעגאנגען צו דאקטאר מארים בלום, אים אנגענומען ביי אן ארעם און אים געקוקט אין די אויגן אריין — זאגט מיר... נישט ווי צו אן אויספארשונגס־ריכטער, נאר ווי צו א מענטש... ווי צו א פריינד... ניין, דאקטאר! — האט ער מיט א גע־דעמפטן קול אויסגעשריגן — איר שטייט שוין איצט נישט מער פאר בערזשע, דעם אויספארשונגס־ריכטער! איר שטייט איצט פאר א פשוטן פראנצויז; ווי איינער פון יענע פראנצויזישע שכנים, וואס האבן מיט דער מאדאם קויפמאן מיטגעפילט און געהאלפן!... איך בין, אי־בעריקנס, א מיליטער־מאן, פונקט ווי איר!... איר הערט, דאקטאר?...

אַ מיליטער־מאַן בין איך!... און נישט אַט דער — האָט דער ריכטער געוויזן מיטן אַ פינגער אויפן פּאָרטרעט פון מאַרשאַל פּעטען — איז מיין שעף, נאָר דער, וואָס האָט אַזוי מוטיק פּראָקלאַמירט: „פראַנקרייך האָט פאַרלוירן אַ שלאַכט, זי האָט אָבער נישט פאַרשפּילט דעם קריג!"...

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אָפּגעלאָזן דאָקטאָר מאָריס בלומס אָרעם און איז אַ מידער אַריינגעפאַלן אין זיין פאָטעל:

— נאָר איך האָב זיך אויסגעגליטשט — האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין — אָבער גלויבט מיר, אַז איך בין נישט שולדיק... זי, מיין ווייב — דעם פּרעפעקט לעגראַנס שוועסטער!... איר פאָטער איז שעף פונעם „לעגיאָן פון די קאָמבאַטאַנטן", איר ברודער — פּרעפעקט; איז איר שוין מער נישט אָנגעשטאַנען, אַז איר מאַן זאָל זיין אַ פּשוט אַדוואָקאַטל, וואָס דרייט זיך אַרום אינעם יוסטיץ־פּאַלאַץ, און כאַפּט אַ הונדערטער פאַר אַ פאַרטיידיקונגס־רעדע, וואָס די רעפּאָרטערן פון די צייטונגען פאַרצייכענען זי אַפילו נישט אין זייערע נאָטיץ־ביכלעך... אַז אויספאָרשונגס־ריכטער האָט זי געוואָלט זאָל איר מאַן זיין!... זי, זי איז עס געווען די שלאַנג, וואָס האָט מיך אָנגערעדט: „דו האָסט איצט די בעסטע געלעגנהייט, וועסט ווערן אויספאָרשונגס־ריכטער, דערנאָך פּראָקוראָר, דערנאָך, אפשר, יוסטיץ־מיניסטער! וועסט שטייגן, שטייגן" — האָט זי געזאָגט. — און איך האָב זיך געלאָזן אָנרעדן, און בין נישט געשטיגן, נאָר געפאַלן... געפאַלן... — איז ער געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. — אָבער נאָך נישט צו שפּעט!... איך וועל זיך צוריק אויפהויבן!... איר הערט, דאָקטאָר בלום? אויפהויבן וועל איך זיך!...

— זייט מיר מוחל — האָט דאָקטאָר מאָריס בלום געזאָגט. — איך האָב אייך פאַרמאַטערט מיט מיין דערציילן... איר האָט זיך אויפגערעגט... עס וועט שוין גענוג זיין, מיין איך...

— ניין — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געזאָגט. — איך וויל אַלץ וויסן... דערציילט מיר ווייטער, אויב איר האָט טאַקע

געהאָלפֿן זיך באַפֿרייען פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט, אַ ביסל גרינגער מאַכן דער אָרעמער פֿרוי אירע לײדן.

— ניין, הער ריכטער — האָט דאָקטאָר מאָרים בלום געענטפֿערט.

— איך האָב איר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט! איך האָב זי געטרייסט, איך האָב אויסגעטראַכט פֿאַר איר אַ ליגן, אַז איך ווייס, אַז אַלע ייִדן, וועלכע מען האָט אַרעסטירט אין פּאַריז, לעבן, זענען געזונט, און אַרבעטן אין דייטשלאַנד... און אַז די קינדער געפֿינען זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער פֿראַנצויזישער „אַסיסטאַנס־פּובליק“...

„טאָ פֿאַרוואָס דערקלערט נישט די פֿראַנצויזישע רעגירונג אַזעלכעס?“ — האָט זי מיך געפֿרעגט מיט אומצוטרוי, און איך האָב איר דערויף קיין ענטפֿער נישט געקענט געבן.

האָב איך, אָנשטאָט אַן ענטפֿער, איר פֿאַרגעלייגט מאַטעריעל צו העלפֿן... איך האָב איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, און געמאָלן פֿאַר איר אַ בילד, ווי שיין און ווי גליקלעך, זיי וועלן אַלע זיין דעם טאָג, ווען איר מאַן מיט איר קינד וועלן צו איר צוריקקומען, און זיי וועלן טרעפֿן, נישט נאָר זייער גוטע ליבע פֿרוי און מוטער, נאָר אויך זייערן אַ שיין געראָטן זונדעלע אָדער טעכטערל — פֿאַר דעם ייִנגל, אַ שוועסטערל אָדער אַ ברודערל... אָבער זי האָט פֿון גאָרנישט געוואָלט וויסן.

„דאָס ייִדישע פֿאָלק — האָט זי פֿאַרעקשנט געטענהט — דאַרף אַלס פּראָטעסט אויפֿהערן צו עקסיסטירן... אויב מען קאָן נישט, דורך ציוויליזאַציע און פֿאַרברידערונג, דערגרייכן מצד דער קריסטלעכער וועלט קיין מענטשלעכע באַהאַנדלונג, קיין גלייכבאַרעכטיקונג, דאַרפֿן די ייִדישע פֿרויען פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַרשטרייקן, נישט געבוירן מער קיין קינדער... און אין אַ פֿופֿציק זעכציק יאָר אַרום זאָל זיך ענדיקן דאָס ייִדישע פֿאָלק, צוזאַמען מיט זייערע טויזנט־יאָריקע לײדן“...

דאָס איז ביי איר געווען — האָט דאָקטאָר מאָרים בלום גערעדט ווי צו זיך אַליין — אַ מין אידעע־פֿיקס... אוממעגלעך זי געווען דערפֿון אָפּצואָווענדן...

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר אָנצונעמען יעטווערע שטיצע, וועל־
כע איך האָב איר פאָרגעלייגט. זי איז שוין מער צו מיר נישט אַריינ־
געקומען, און ווען איך האָב זי איינמאָל געפּרוּווט אָפּשטעלן אויף
די שטיגן, האָט זי מיך אויסגעמיטן.

איך האָב איר איינמאָל, אַנאָנים, באַזאָרגט אַביסל געלט דורך אַ
יידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, איך האָב זי פון ווייטן אָבסערווירט און
געזעען, אַז די שוואַנגערשאַפט אירע ווערט וואָס אַ טאָג בולטער, האָב
איך גערעכנט, אַז זי האָט שוין איר פּלאַן אויפגעגעבן, און בין געווען
אי צופרידן, און אי נישט צופרידן... איך האָב געפילט, אַז דאָס איז
אַן עוולה, אַז עס וואַקסט אין איר קערפּער פאַר איר אַן אַ לאַסט, אַן
אומגליק. אָבער, איך האָב מיר נישט געקענט העלפן: עס האָט קעגנ־
געווירקט אין מיר די טראַדיציע, די מאָראַל, דאָס געזעץ... און
ביז איינמאָל, בעת איך בין, אַרום האַלב צוועלף ביינאַכט, געזיצן
ביי מיר אין שטוב און געשריבן, האָב איך דערהערט ווי עס שלייכט
זיך אימיצער אינעם קאָרידאָר. מען האָט געקלאַפּט אין מיין טיר...
אַז איך האָב אויפגעעפנט, איז צוזאַמען מיט דער צעעפנטער טיר, די
מאַדאַם קויפמאַן אַריינגעפאַלן צו מיר אין שטוב... און בעת איך האָב
די פאַרחלשטע פרוי אויפגעהויבן און זי אויף מיין בעט געלייגט, האָב
איך באַמערקט, אַז די פרוי בלוטיקט... עס האָט נישט לאַנג געדויערט,
ווי איך האָב זיך געקאָנט אָפּגעבן אַ חשבון, אַז די אומגליקלעכע פרוי
האָט אַליין זיך געמאַכט אַן אַבאָרט... און אַז איצט האָב איך צו טון
מיט נאָר אַן ערגצטן בלוט־שטורץ, וועלכער פאָדערט גיכע הילף, וואָס
איך האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט איר צו געבן.

— נו? וואָס האָט איר געטון? — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכ־
טער געשפּאַנט געפרעגט.

— איך האָב געטון, הער ריכטער, וואָס יעדער פאַרנונפטיקער
מענטש, און וואָס יעדער פון מיינע קאָלעגן וואָלט געטון אין אַזאַ פאַל:
איך האָב די פרוי אָפּגעמונטערט, זי מיט אַן איינשפּריצונג אַביסל

געשטאַרקט, און בין אַראָפּגעלאָפן אין ביורא און טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס. און וואָס ווייטער איז געווען, הער ריכטער, ווייסט איר דאָך, איר האָט דאָך מיר פריער אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די פרוי איז געשטאָרבן...

— יאָ — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געזאָגט מיט אַ זיפץ.

— זי איז געשטאָרבן, די אָרעמע... אָבער איך — האָט ער זיך אויפגעשטעלט — פיל זיך איצט ווי ניי געבוירן... אייער שווידערלעכע דערציילונג, דאָקטאָר, האָט מיך מיט איין מאָל באַפרייט פון אַ שווערער משא, וואָס האָט געלאַסטעט אויף מיין געוויסן... איר, דאָקטאָר, האָט מיך מאָראַליש געזונט געמאַכט... איר האָט מיך געהיילט פון אַ מין שוואַכקייט, וואָס האָט מיך באַהערשט, און האָט מיר געשטערט זיך אָקאָנצענטרירן... אָבער איצט פיל איך זיך בכוח! איך פיל אין זיך איצט דעם נייטיקן כוח, אפילו צו קענען פאַרלאָזן מיין פרוי, וועלכע איך האָב אַזוי ליב, און צו גיין דאָרט, וואו עס רופט מיך מיין געוויסן... הער מאַיאָר! — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער זיך פּלוצעם אויסגעשטייפט פאַרן דאָקטאָר מאָרים בלום. — איך בין נישט מער ווי אַ לייטענאַנט פון רעזערוו, דערלויבט מיר אייך אָפּצוגעבן מיליטערישן כבוד און זיך צו שטעלן אונטער אייער באַפעל, הער מאַיאָר!

ביידע מענער האָבן זיך אויסגעשטייפט, צונעקלאַפּט די קלעצלעך, זענען געשטאַנען אַ רגע שווייגנדיקע, ווי זיי וואָלטן אָפּגעגעבן מיליטערישן כבוד נישט נאָר זיך איינער דעם אַנדערן, נאָר אויך עפּעס אַ העכערער קראַפט, וואָס האָט זיי צונויפגעפירט, אַן אידעאַל, וואָס פאַראייניקט זיי... מעדעצינער־מאַיאָר מאָרים בלום, האָט געקוקט מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן אויף דעם דורכאויס ערנצטן פּנים פון לייטענאַנט, אויספאָרשונגס־ריכטער בערזשע, ער האָט אויף קיין איין אויגנבליק נישט אַראָפּגעלאָזן דעם בליק זיינעם פון אויספאָרשונגס־ריכטערס, ווייך־גרוואַרענע אויגן... און ער האָט אויפגעהויבן צוויי פינגער פון זיין רעכטער האַנט :

— לייטענאַנט בערזשע, ווילט איר שווערן מיט מיר, אַז אַלץ, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט וועט איר מקיים זיין?

— צו אייער באַפעל, הער מאַיאָר! — האָט לייטענאַנט בערזשע איך אויפגעהויבן צוויי פינגער פון זיין רעכטער האַנט.

— זאָגט מיר נאָך! — האָט מאַיאָר מאָרים בלום באַפוילן. — „איך שווער, זיך צו שטעלן אין דינסט פון דער רעפובליק, צו ענט־פערן אויפן אַפעל פון מיין שעף, גענעראַל שאַרל דע גאָל, און נישט אַרויסצולאָזן דאָס געווער פון האַנט, ביז וואַנען אונדזער לאַנד וועט נישט באַפרייט ווערן פונעם אָקופּאַנט, און ביז עס וועלן נישט ווידער איינגעשטעלט ווערן די פּרינציפּן פון דער רעפובליק, איך שווער!“

לייטענאַנט, אויספאָרשונגס־ריכטער בערזשע האָט נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט די שבועה, און אַז ער האָט געענדיקט די לעצטע ווערטער, איז ער נאָך אַלץ געבליבן שטיין, אין דער זעלבער שטייפער מיליטערישער פּאָזיציע, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף ווייטערדיקע באַ־פעלן...

מעדיצינער, מאַיאָר מאָרים בלום האָט גענומען אַ נאָטיץ־ביכעלע, און אַ בליי, האָט עפּעס גיך אויפגעשריבן, און דערלאַנגט דעם אויס־פאָרשונגס־ריכטער בערזשע:

— לייטענאַנט בערזשע!

— צו אייער באַפעל, מאַיאָר!

— מאָרגן ניין אין אָוונט, שטעלט זיך אויף דעם אַדרעס. דעם, וואָס וועט אייך עפענען די טיר, זאָלט איר זאָגן: „דער עפּלבוים בליט“.

— צו אייער באַפעל, מאַיאָר!

— איך דאַנק אייך, לייטענאַנט!...

לייטענאַנט בערזשע האָט צוריק ווידער אָנגענומען די פריערדיקע האַלטונג, איז צוריק געוואָרן אויספאָרשונגס־ריכטער בערזשע... ער האָט אַ דריק געטון ביי אַן עלעקטריש קנעפּל אויף זיין שרייב־טיש, דער קלערק מיטן פליכטוואַטן קאָפּ, מיט דיברילן אַרויפגעהויבן אויפן

שטערן, און מיט א פאק אקטן אונטערן ארעם, האט אנגעשוועבט, זיך געשטעלט ביי זיין טישל.

— מ'סיע לערוא, — האט דער אויספארשונגס־ריכטער געזאגט צו זיין קלערק — שרייבט אויס א באפרייאונגס־צעטל פארן דאקטאר בלום... די באשולדיקונג איז גרונדלאז... בטל... פארשטאנען ?...

— פארשטאנען, הער ריכטער! — האט דער קלערק געענטפערט, האט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין טישל, איז ביז איבערן האלדז פאר־טרונקען געווארן הינטער דעם בארג מיט אקטן; זיינע ברילן פונעם שטערן האבן זיך אראפגערוקט איבער די אויגן, דער קיילעכדיקער ווייסער פליך האט געגלאנצט, און א פעדער האט געסקריפעט.

— און פילט, גלייכצייטיק, אויס א דערלויבעניש קובר צו זיין די פרוי קויפמאן — האט דער אויספארשונגס־ריכטער געזאגט מיט א געוויסער טרויעריקייט אין זיין שטים. — נישט פאלמעסן זי, די ארע־מע.

דער קלערק האט אויפגעהויבן זיין ווייבעריש פנים, האט געכאפט א בליק אויפן אויספארשונגס־ריכטער און אויפן באשולדיקטן... דער אויספארשונגס־ריכטער האט דערכאפט זיין קלערקס חידושדיקן בליק, און האט צוגעגעבן :

— די אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט: עס איז נישט געווען קיין אבארט, נאר א מפלינג, פארשטאנען ?

— פארשטאנען, הער ריכטער! — האט דער קלערק געענטפערט. און אויספארשונגס־ריכטער בערזשע האט זיך געווענדעט צום דאק־טאר מארים בלום :

— מ'סיע בלום, די אוידיענץ איז געענדיקט...

און אין זיך האט ער געזורט: „דער עפלבוים בליט"...

# זוכצעטל


| | זייט |
|---|---|
| סאַבאָטאַזש | 8 |
| סאַף־קאָנדוויט | 32 |
| קול שופר | 48 |
| בעלטראַמי שטאַרבט | 89 |
| אין קינדערהיים | 123 |
| האָטעל רוזוועלט | 135 |
| ווידערשטאַנד | 181 |
| „דער עפּלבוים בליט“ | 190 |
| פרעמד ווערטער | 217 |

# פרעמדווערטער

**פארטייטשונג פון פרעמד-ווערטער, וועלכע קומען פאר אין דעם באנד נאוועלן:**

באטייט פון די פארקירצונגען: פר' — פראנצויזיש, ד' — דייטש, ע' — ענגליש, ר' — רוסיש, פ' — פויליש.

## א

אבלאווע, ר' — איבערפאל.

אדסטופאיען, ר' — פארייִדישט פון ווארט „אדסטופאט"-אפטרעטן, זיך צוריקציען.

אטעליע, פר' — ווארשטאט.

אללאקאסיאן־מיליטער, פר' — פענסיע פאר פרויען, וועמענס מענער זענען אוועק אין מלחמה.

אלערט, פר' — אלארם.

אנגאזשמאן, פר' — קאנטראקט.

אסיסטאנס-פובליק, פר' — יתומים-אנשטאלט פון דער רעגירונג.

א פראפא, פר' — מכוח.

אפער, פר' — ענין, אפערע.

אקסיליער, פר' — געהילפס־דינסט.

א רעוואואר, פר' — צום ווידערזען.

## ב

באן זשור, פר' — גוט מארגן.

באנבאנס — פארייִדישט פון דעם פראנצויזישן ווארט באנבאן-צוקערלעך.

באש, פר' — דייטש.

באַשעם — פאַריידישט, אין מערצאָל, פון וואָרט באָש.

ביוראָ דע פּלאַסמאַן, פר' — אַרבעטס-פאַרמיטלונגס-ביוראָ.

ביזשוטער — פאַריידישט פון דעם פראַנצויזישן וואָרט ביזשוטיע־צירונגס-הענדלער.

בעלוויל, פר' — נאָמען פון אַ פּאַריזער קוואַרטאַל.

## ג

גאַזאָזשען, פר' — האָלץ־קוילן-גאַז.

גאַספּאָדין, ר' — הער.

## ד

דראַקסיליער — יידישע נאָכשפּעטונג פון דעם פראַנצויזישן וואָרט אַקסיליער.

## וו

וואו קאָמפּרענע ? פר' — איר פאַרשטייט ?

וואָלאָנטער, פר' — פריייוויליקער.

וויסילקעס — פאַריידישט פון רוסישן וואָרט וויסילקי-אַרויסשיקונ־גען, פאַרשיקונגען.

וויפּלאַטע, ר' — אויסצאָלונג.

וועוו־דע-גער, פר' — קריגס־אַלמנה.

## ז

זאַקלאַדניקעס — פאַריידישט, אין מערצאָל, פון דעם רוסישן וואָרט זאַקלאַדניק — ערבניק.

זיגפריד-ליניע, ד' — נאָמען פון דער דייטשער באַפעסטיקונגס-ליניע, אויף דער דייטש-פראַנצויזישער גרענעץ.

## ט

טיען! פר׳ — אויסרוף פון פאַרוואונדערונג.

## י

יופּען, פר׳ — זידל־וואָרט אויף יידן.

## ל

ליגאַטיפּיסט, פר׳ — מאַשין־זעצער.

לעגיאָן — פאַריידישונג און פאַרקירצונג פון דעם נאָמען **פון דער** פראַנצויזישער, פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אונטער דעם ווישי־רעזשים: לעזשיאָן פראַנסעז דע קאָמבאַטאַן — פראַנצויזישער לעגיאָן פון פראָנט־קעמפערס.

לעיקאַ — מאַרקע פון פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטן.

## מ

מאַדמואַזעל, פר׳ — פריילין.

מאַזשינאָ־ליניע, פר׳ — נאָמען פון דער פראַנצויזישער באַפעסטי־קונגס־ליניע, אויף דער פראַנצויזיש־דייטשער גרענעץ.

מאָטאָציקלען — פאַריידישט, אין מערצאָל, פון פראַנצויזישן וואָרט מאָטאָציקל — מאָטאָריזירט רייט־וועגעלע.

מאַקי, פר׳ — אַ ווילדע, דערנערדיקע געגנט. אַזוי האָבן זיך גערופן די פראַנצויזישע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין די בערג און אין די וועלדער.

מאַרסעליעזע, פר׳ — פראַנצויזישער נאַציאָנאַלער הימען.

מילאָשערנע פאַניעס, פ׳ — באַרמהערציקע שוועסטערן.

מ׳סיע, פר׳ — הער.

מעזאָן בערנאַרד, פר׳ — האַנדלס־הויז בערנאַרד.

מעטראָ, פר׳ — אונטערערדישע באַן.

מער, פר׳ — בירגערמייסטער.

מערי, פר׳ — מאַגיסטראַט, ציווילע חתונה.

## נ

נאַסטופּאַיען — פֿאַריידישט פֿון דעם רוסישן וואָרט נאַסטופּאַט — אַטאַקירן, אָנגרייפֿן.

## ס

סעראַנג, פֿר' — מעדיצינישער אינסטרומענט אויף צו מאַכן איינשפּריצונגען.

סאָל יופֿען, פֿר' — שמוציקער ייד.

סערטיפֿיקאַט, פֿר' — באַשטעטיקונג.

סאַ נ'וואַ פּאַ? פֿר' — עס גייט נישט?

ספּיקער, ע' — רעדער (אין ראַדיאָ).

סאַ וואַ? פֿר' — עס גייט?

סאַפּ-קאָנדויט, פֿר' — דערלויבעניש צו טוישן דאָס וואוין-אָרט.

ספּעשל-וויזע, ע' — ספּעציעלע וויזע.

סאַ וואַ טרע, טרע, מאַל, פֿר' — עס גייט זער, זער, שלעכט.

סענטיגראַם, פֿר' — אַ הונדערטסטל פֿון אַ גראַם.

סטאָק, פֿר' — רעזערוו (סחורה).

## ע

עקזאָד, פֿר' — מאַסן-וואַנדערונג.

עקספּרע, פֿר' — ספּעציעל.

## פּ

פּאָרט, פֿר' — טויער.

פּאָרטן — פֿאַריידישונג פֿון דעם פֿראַנצויזישן וואָרט פּאָרט, אין מערצאָל. מען מיינט דאָ, די טויערן פֿון פּאַריז, וועלכע ווערן אָנגערופֿן לויט די נעמען פֿון די שטעט, וואוהין זייערע וועגן פֿירן; ווי למשל פּאָרט ווערסיי, פּאָרט אָרלעאַן און אַזוי ווייטער.

פּלעצל — אַזוי רופֿן די יידן דעם קוואַרטאַל פֿון פּאַריזער 4טן אַראָנדיסמענט, וועלכער איז צום מערכטן באַוואוינט פֿון יידן.

פּאָלאָנע, פר׳ — פּאָליאַק.
פּרעטעקסט, פר׳ — תּירוץ.
פּולק, ר׳ — רעגימענט.
פּאַנטע ז׳מלעקיעם, פּ׳ — אָפּשפּעטעריש פּויליש ווערטל אויף אַ מיידל-מוטער. געניי: אַ מיידל מיט מילך — אַ זייגערין.
פּראָשעניעם, פּ׳ — ביטעם.
פּאַרדאָן, פר׳ — אַנטשולדיקט.
פּאַטראָן, פר׳ — בעל־הבית.
פּאָרטיער, פר׳ — טיר־וועכטער.
פּיעכאָטע, ר׳ — פוס-גייער.
פּערווי געלדי קופּעץ, ר׳ — ערשט-ראַנגיקער סוחר.
פּראָמענאַד דעז אַנגלע, פר׳ — שפּאַציר פון די ענגלענדער. אַ באַ־רימטער שפּאַציר-וועג אין ניצע.
פּאַראַפּעט, פר׳ — פּלויט.

## פ

פאַסאָניער, פר׳ — היים-אַרבעטער.
פליטלינגע, ד׳ — פּליטים.

## ק

קלערק, פר׳ — ביוראָ־אָנגעשטעלטער ביי אַ ריכטער אָדער נאָטאַר.
קאָמבאַטאַנט, פר׳ — פראָנט-קעמפער.
קאָרטעזש, פר׳ — פּראָצעסיע-צוג.
קליפּער, ע׳ — נאָמען פון אַן אַמעריקאַנישן אייראָפּלאַן.
קאַמיאָן, פר׳ — לאַסט-אויטאָמאָביל.
קאָמאַנד, פר׳ — באַשטעלונג.
קוראַזש, פר׳ — מוט.
קאָנסיערזשקע — פאַרייִדישט און פאַרווייבלעכט פון דעם פראַנ־צויזישן וואָרט קאָנסיערזש — אַ הויז־וועכטער.

## ר

ראַדיאָ, פר' — פאַרקירצונג פון ראַדיאָגראַפיע.

ראָנעאָ — נאָמען פון אַ קאָפּיר־אַפּאַראַט.

רוזשע דע ליל — מחבר און קאָמפּאָזיטאָר פון דער מאַרסעליעזע.

רעזיסטאַן, פר' — ווידערשטענדלער.

רעזיסטאַנס, פר' — ווידערשטאַנד.

רעזיסטירן — פאַרייִדישט פון דעם וואָרט רעזיסטאַנס — שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

רעזשימאַן, פר' — רעגימענט.

## ש

שאַין, ד' — געליבטע.

שער אַמי, פר' — ליבער (טייערער) פרייַנד.